STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07995

# FAYERRISN INEM KHOYSHEKH

Meir Yelin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ א י ר  י ע ל י ן

●

# פײַערריסן אינעם חושך

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון

פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישׂראל
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע"ש י. רבינוביץ
ליטעראַטור־פאָנד פון אירגון יוצאי לובלין בישׂראל
בצלאל און סאָניאַ קאַסטנער־פאָנד, תּל־אָביב
שׂמחה און שׂרה שלעסער, תּל־אָביב
ז. קרעמפּאַ, פראַנקפורט

מאיר יעלין

# פײַערריסן אינעם חושך

דערציילונגען

ה. לייוויק - פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון יידישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

**Meir Yelin**

FAIERRISN INEM HOISHEKH

Stories

**H. Leivik Publishing House**
**30, Dov Hoz Str., Tel-Aviv 63416, Israel**
ה. לייוויק־פאַרלאַג, דב הוז 30, תל־אָביב, 63416

©
כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל תשמ״ח
**Printed in Israel, 1988**

דפוס שמגר 86׳, ת״א

# לזכר

מײַן פֿאָטער **לײזער יעלין,**

געפֿאַלן

בעתן דורכרײַסן זיך דורכן צוים פֿון קאָוונער געטאָ;

מײַן ברודער **חיים יעלין,**

מנהיג פֿון די פּאַרטיזאַנער פֿון קאָוונער געטאָ,

געפֿאַלן

בעתן דורכפֿירן זײַן פֿירעריש שליחות.

# בלויז אַ סיגנאַל־ראַקעטע

— מ׳זאָגט, אַ באָמבע ט׳מען געוואָלט אַרײַנשמוגלען אין געטאָ.
— מ׳זאָגט, ניט קיין באָמבע — אַ ראַקעטע.
— מ׳זאָגט, אַ סיגנאַל־ראַקעטע.

יאָ, טאַקע בלויז אַ סיגנאַל־ראַקעטע. אַ מעטאַלן צילינדערל, אָנגעפּילט מיט אַ לײַכטנדיק־ברענענדיקן פּולווער. ווי אַ שרויטקויל פון אַ יעגערביקס די גרייס, און אַזאַ מהומה אָנגעמאַכט.

פּאַר דער מהומה —

אַן אומעטיקער ליטווישער פרי־פרילינג־פאַרנאַכט. אַ פײַכטע, קאַלטע, פון אַ זלידנעם ווינט צעווירענע מײַזיש־גרויע מאַסע האָט אָפּגעטוקט די וועלט און פאַרטושט זי. האָבן בײַם געטאָ־טויער זיך אויפגעכאַפּט עטלעכע שאַרף לײַכטנדיקע פּראָזשעקטאָרן און אָפּגערוימט פון אָט דער מאַסע דעם חלל אַרום זיך — צו זען גענוי, ווער סע קומט אָן אויף נאַכטלעגער אַהער צו, אין געטאָ אַרײַן.

האָט אויפגעצאַפּלט דער אַקרײַטשיק. אַ צונאָמען אַזאַ. אַוודאי צוליב זײַן קליינעם וווקס און בידנעם אויסזען האָט חברה צוגעקלעפּט צו אים דאָס דאָזיקע צונעמעניש, און קיינער האָט ניט געפונען פאַר נייטיק אים צו רופן בײַם אמתן נאָמען. אַקרײַטשיק, און שוין.

ער האָט אויפגעצאַפּלט, דערפילנדיק די פאַרבלענדנדיקע פּראָזשעקטאָרן־שײַן, וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים און אַרויסגעשלאָגן פון די מחשבות. האָפערדיק, שטאַרק צופרידן מיט זיך, האָט ער זיך הײַנט אומגעקערט פון דער צוואַנגאַרבעט. האָט עס אים געשטויסן צוצוטראַכטן אַ נײַ קאַמפּליד, און געווען איז ער פאַרטאָן אינעם אויפשטעלן אין קאָפּ די ערשטע שורות. נאָכן קומען

אין געטאָ וועט ער אין זײַן אָפּגעזונדערטער לאָך בסוד פֿאַרשרײַבן, וואָס אים איז אײַנגעפֿאַלן אונטער וועגנס און פֿאַרענדיקן דאָס גאַנצע ליד. בײַ אים האָט זיך פֿאַרהאַקט די פּערטע שורה פֿון דער ערשטער סטראָפֿע, און ניט פֿון אָרט. די ערשטע דרײַ שורות האָבן זיך לײַכט געפֿלאָכטן:

גענוג דעם יאָך געטראָגן,
גענוג די פּײַן געליטן!
שוין צײַט דעם דײַטש צו שלאָגן,
שוין צײַט — — —

געוויס, אין געטאָ, וועט אים אײַנפֿאַלן דער נייטיקער גראַם, ער וועט די פּערטע שורה, דאָס גאַנצע ליד פֿאַרענדיקן און עס בסוד־סודות פֿאַרלייענען ביילינקען. אַוודאי וועט חברה אויך צו אָט דעם ליד צופּאַסן אַ באַקאַנטע מעלאָדיע און מע וועט עס זינגען, פּונקט ווי אַ פֿריִערדיק ליד זײַנס, וואָס איז בײַ זיי געוואָרן אַזש אַ הימען.

די פּראָזשעקטאָרן האָבן איבערגעהאַקט זײַן ראַנגלעניש מיט דער פּערטער שורה און מיט רציחהדיק אויפֿגעריסן זײַנע אויגן־לעדלער.

טראָט בײַ טראָט, מיט די היטלען אין דער רעכטער האַנט, ווי דער דין איז, האָט מען זיך אינעם פּראָזשעקטאָרן־שײַן דערנענטערט צום געטאָ־טויער, צום קאָנטראָל.

— מײַנע יודן האָבן שווער געאַרבעט! — האָט אין דער ליכטיקער פֿאַרבלענדעניש אויפֿגעקלונגען דער ראַפּאָרט פֿונעם וואַכמאַן, וואָס האָט באַגלייט די גרופּע צוואַנג־אַרבעטער, דעם אַקרײַטשיקס גרופּע.

ער איז געווען „אָפּגעשמדט", דער וואַכמאַן, מיט עטלעכע אייער, און „זײַנע יודן" האָבן זיכער געשפּרײַזט צום טויער, האָפֿנדיק בשלום אַרײַנצוטראָגן אין געטאָ דאָס ביסל שפּײַז, וואָס זיי האָבן זיך אײַנגעשאַפֿט מיט סכּנת־נפֿשות. און ניט נאָר שפּײַז...

אויך דער אַקרײַטשיק האָט געהאָפֿט. די פֿאַרשאָלטענע פּראָזשעקטאָרן! זיי האָבן אים אָנגעשאָטן זאַמד אין די אויגן, און

געמוזט האָט ער זיי צושמורעון. זײַן רייִ, האָט ער געפּילט, דער־נענטערט זיך, איז שוין באַלד בײַם קאָנטראָל. האָט ער זיך געצוווּנ־גען קוקן פאָרויס, פאָרויס, און זײַן בליק, אַן אָנגעדראָלענער מיט פּחד, האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם הויפּט פון דער טויערוואַך, אַ ריזיק אויסגעוואַקסענער פאַר אים אין דער בלענדיקער שײַן. זיך אויסבאַהאַלטן ! באַהאַלטן פון אים !

און ער, דער הויפּט פון דער וואַך, האָט ווי אויפגענומען דעם אַקרײַטשיקס אַרויסרוף מיט גרויס חשק און פון די פיר ייִדן פון דער רייִ, וואָס איז צוגעקומען צום טויער, אַרויסגעפאָדערט מיט אַ ווונק דעם סאַמע ניט־אַנזעעוודיקסטן, דעם סאַמע נישטיקסטן, מיטן זעקל שפּענער אויפן רוקן. זיי האָבן פאַרשײַט געסטאַרטשעט, די שפּענער, איבערן קאָפּ פונעם צעשראָקענעם בחורל, ווי ווערלנדיק זיך אַ רייִץ טאָן מיטן שׂרה : ער וועט קיין מאָל ניט טרעפן, וואָס זיי באַהאַלטן פון אים !

די שאַרפע פּראָזשעקטאָרן־שײַן, דער שאַרפער קוק פונעם הויכן, מגושמדיקן אוניפאָרמירטן, זײַן שאַרפער באַפעל אַראָפּצונע־מען דאָס זעקל שפּענער — האָבן דעם אַקרײַטשיק אָנגעזאָגט אַ גרויס אומגליק. שרײַען האָט ער געוואָלט : „ייִדן, איך בין שרעקלעך טרייף ! כ׳בין אַ פאַרלוירענער !“ און גאָר גענומען שטאַמלען :

— האַלצאַפּפאַל, האַלצאַפּפאַל איז, איז דערלויבט.

— יאַוואָל, האַלצאַפּפאַל איז דערלויבט, — האָט דער אוני־פאָרמירטער באַשטעטיקט און אויסגעשאָטן די שפּענער.

פון זיי איז אַרויסגעפאַלן אַ צוזאַמענגעדרייטע צײַטונג, און אין איר — די סיגנאַל־ראַקעטע.

**— טאַקע בלויז אַ נאַרישע סיגנאַל־ראַקעטע, און צאָלן וועלן מיר אַלע.**

**— אַוודאי. דעמאָלט איז געווען אַ בילבול, פון דעסטוועגן...**

**— אוי, האָט מען געצאָלט !**

דעמאָלט —

אַ ליכטיקער מיטנטאָג, און אַ בהלה אין געטאָ: אַ ייִד זאָל האָבן געשאָסן אויף אַ וואַכמאַן בײַם צוים. ס׳איז געווען אַ בילבול. קיינער האָט קיין שאָס ניט אָפּגעגעבן. קיינער האָט קיין שאָס ניט געהערט, און אויסגעליידיקט האָבן די דײַטשן אַ גאַס לעבן געטאָ־צוים, ווו דער שאָס איז כּלומרשט געפאַלן. געגוי טויזנט ייִדן אָפּגע־ציילט, אַרויסגעפירט. באַלד האָט מען זיך דערוווּסט: געשאָסן זיי אַלע. וויפל קרבנות וועט קאָסטן די אין שפּענער באמת געפונענע ראַקעטע? כאָטש ניט מער ווי אַ סיגנאַל־ראַקעטע...

איצט —

אויפן כמאַרנעם הימל האָט אַ ווינט אָנגעקײַקלט גרוי־שוואַרצע וואָלקנקנוילן. פאַרשאַרט אין זיי די שטערן. האָבן די קנוילן נידעריק, גאָר נידעריק זיך אַראָפּגעלאָזט און אײַנגעקוטעט אין אַ חשכות־דיקער אבלות די געטאָ. אַ ראָב, אַן אַנזאָגער פון בשורות רעות, איז אַהין־אַהער אַרומגעפלויגן איבער די געטאָשטיבלעך און געקראַקעט, ווי פּרעגנדיק, צי לאַנג נאָך ביז דער טויט וועט זיך אַראָפּלאָזן אַהער פראַווען זײַנעם אַ מאַלצײַט.

פון דער צוואַנגאַרבעט האָט מען אַלעמען צוריקגעבראַכט אויף נאַכטלעגער אין געטאָ. אַדורכגעגאַנגען דעם טויער, איז עולם, געטריבן פונעם ווינט, פון חשכות און טויטשרעק, צעלאָפן זיך צו יעדערנס שלאָפּאָרט און דאָרטן זיך פאַרטײַעט. דאָס מאָל קאָן מען קיין רחמים ניט דערוואַרטן. מע האָט דאָך פּאָרט געפּרוּווט אַרײַנ־שמוגלען אין געטאָ אַ ראַקעטע, זאָל זײַן בלויז אַ סיגנאַל־ראַקעטע. וועט מען שטראָפן, שטראָפן!

— די ייִנגלער וועלן אונדז אויפן פײַער אַרויפברענגען! — האָט געשטורעמט איינער פון די ייִדישע דעה־זאָגערס. — ווייסן זיי ניט, די ייִנגלער, אַז דאָ גילט קאָלעקטיווע אַחריות? ישׂראל ערבין זה לזה!

די פענצטער אומעטום שטילע פאַרהאַנגען, האָט קיין פּאָסיקל שײַן זיך ניט אײַנגעשניטן אינעם פלייש פונעם פּײַכט־כמאַרנעם אָוונט. און בײַ אַלעמען — אַ באַגער זיך אויסצובאַהאַלטן, פאַר־

שווינדן, ניט ווערן. און אַלע — אין אַנגעשפּאַנטער דערוואַרטונג פונעם סאַמע ערגסטן בייזס.

נאָך וויַיט ביז צו דער פּאָליציי־שעה, און די געטאָ האָט זיך איַינגעגנורעט אין פינצטערניש. מע זעט ניט קיין לעבעדיקן נפש אין דרויסן.

ניין, מע זעט. ווו ניט ווו, ווען ניט ווען באַוויַיזן זיך שוואַרצע סילועטן — פּאָרלעך יִידישע געטאָ־פּאָליציאַנטן, אין זייערע אויף אַרויף פּאַרריסענע היטלען, מיט די העלע אָרעמבענדער אויפן לינקן אַרבל — בלאָנקען זיי אַרום ווי געווײנטלעך, „היטן אָרדע־נונג”. היַינט פּאַרשפּאָרן זיי עס. די יִידן היטן אַליין אַן אַבסאָלוטע אָרדענונג — זיצן אין די שטיבער. פון איין היַיזל כאַפּן זיך פּאַרט אַרויס אַ מיטלוווקסיק, ברייטפּלייציק בחורל און אַ דראַבנע מיידלקע.ביידע — אין קורטקעס. ער — מיט אַ פלאַטשיק היטל, זי — מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ. ביידע קוקן זיך אַרום. וואָס קאָנען זיי שוין דערזען אין דעם אויסגעשטאָרבענעם טונקלעניש? דער ווינט טוט זיי ביידן אַ הייב פון אָרט און טריַיבט אונטער. נעמען זיי שטעלן טריט, ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

גערעדט האָבן זיי פריִער. ווי נאָר אַדורכגעכאַפּט זיך דורכן טויער אין געטאָ אַריַין, האָט דאָס בחורל, דעם אַקריַיטשיקס אַ גאָר נאָענטער חבר און מיטגייער צו דער צוואַנגאַרבעט, אָוועקגעאײַלט צו יענעמס שלאָפּאָרט. געטראָפן דאָרטן דאָס מיידל. פון דער אַרבעט איז זי שוין לאַנג געקומען און ניט געוווּסט, וואָס בײַם טויער האָט אָקערשט פּאַסירט. דערוויַילע זענען זיי אַליין געווען אין שטוב, האָבן ביידע האַסטיק אַדורכגעזוכט דעם אַקריַיטשיקס „בעל־הבתישקייט”. פון סעניק אַרויסגעשלעפּט זיַין צונויפגעמיַיסט־רעוועט ראַדיאָ־אַפּאַראַטל מיט די הערערלעך. אין אַ קעסטל אונטערן געלעגער געפונען אַ העפטל מיט זיַינע פּאַרשריבענע פערזן. באַ־האַלטן די העפט אין אַ קעשענע, ס'אַפּאַראַטל אונטער דער פּאָלע און — צו יואלן.

דורך חושכפולע געסלעך און הינטערהויפן, דורך שפּאַרעס אין פלויטן דערקראָכן צו אַן אָפּגעלעגענער, האַלב חרובער היַיזקע. אַן

אָפּגערעדט געפּײַקל אינעם פֿאַרמאַכטן לאָדן, און די נידעריקע, אויסגעקרימטע טיר האָט פּאַוואָליע זיך אָפּגעלענט, אַרײַנגעלאָזן די אָנגעקומענע אין אַ שטאָק פֿינצטערן פּירהויז.

— ס׳איז אָבער מיט ביילינקען, — האָט דאָס אַרײַנגעשלײַכטע בחורל אַ מורמל געטאָן צו דעם, וואָס האָט די טיר געעפֿנט.

ביידע האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט אין אַן ענג, קוים באַלויכטן קעמערל. פֿון אַ געלעגער בײַ אַ וואַנט פֿון אַלטע, נאַקעטע ברעטער האָט זיך אויפֿגעהויבן יואל, האַלב אָנגעטאָן. אַ דיקער וואָלענער שאַל אַרום האַלדז.

אָן אַ באַגריסונג, אָן הקדמות האָט אָבער ממש אויסגעשאָסן:

— דער אַקרײַטשיק! דורכגעפֿאַלן בײַם טויער! געוועז טרייף!

אַ טרוקענער, אָפּגעריסענער הוסט יואלס האָט געזעצט ווי אין אַ פּויק, ניט געלאָזט אים אַ וואָרט זאָגן. און אָבער האָט נאָך געהאַט וואָס אויסצולייגן:

— אַז דער שלימזל! ניט אַנדערש, ער מוז, אויך ער מוז ריזי־קירן! וואָס עפּעס שטענדיק אַנדערע? אמת, ער, טאַקע ער, האָט געפֿונען אינעם מעטאַל־אָפּפֿאַל, מיר שטעלן פֿעסט... קוקט אַ צו־פֿאַל — אַ ראַקעטע, און, מיר זענען זיכער, טאַקע צום ראַקעטניק וואָס כ׳האָב נעכטן אַרײַנגעטראָגן. איז דער אַקרײַטשיק איבער גליקלעך. ער וועט די ראַקעטע אַרויסלאָזן בײַ נאַכט אין הימל. וועט געבן אַ צייכן עראָפּלאַנען וואָס פֿליִען אָן באָמבאַרדירן... פֿאַרט אַ שטיקל פּאָעט מיט פֿאַנטאַזיעס. טאָמער ווייניק, ניט אַנדערש אויך אַ צײַטונג. פֿאַרן זעלביקן ריזיקירן... דאָס איז מיטן אַקרײַטשיק. און אָט דאָ — מײַנע הײַנטיקע טראָפּייען.

פֿון אונטערן אונטערשלאַק פֿון זײַן קורטע האָט ער אַרויסגע־נומען און אָוועקגעלייגט אויפֿן דערבײַיִקן טישל אַ האַנטגראַנאַט. געעפֿנט דעם טאָפּלדעק פֿון זײַן בלעכן עסגעשיר און אַרויסגע־שאָטן אַ הויפֿן רעוואָלווער־קוילן. דאָס נאַפּטקאַנעצל וואָס אויפֿן טישל האָט אומעטיק באַלויכטן די אַ „טראָפּייען”. צו זיי האָט אָבער דערגעבן דעם אַקרײַטשיקס ראַדיאָ־אַפּאַראַטל און די העפֿט.

יואל האָט אַלץ טרוקן געהוסט. געהערט, געשוויגן און גענומען

זיך אָנטאָן. אַרויפגעצויגן אַ וואָלענע יאַק, אָנגעטאָן די שוואַרצע קורטקע וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. זײַן קאָפּ צעשויבערטע האָר, זײַן בלייכער שטערן, זײַנע דיקע ברעמען, דיקע געלבלעכע וואָנצעס האָבן מיט יעדער באַוועג זײַנעם דאָ אויפגעהעלט אינעם וואַקסענעם שײַן פונעם קאַנעצל, דאָ זיך ווידער פאַרשאָטנט. בײַ־קומענדיק אַ רגע דעם הוסט, האָט ער מיט אַ הייזעריקער שטים געבראָכן זײַן שווײַגן:

— דער אַקרײַטשיק ווייסט דעם וועג אַהער צו. אויך צו היישקעס מאַלינע. מוז מען כּשרן ביידע ערטער. און וואָס גיכער. מײַן פּאַלאַץ פיגורירט טאַקע ניט אינעם געטאָ־רעיעסטער. דאָך מוז מען אַוועק פון דאַנען. אויך איר שלאָפט ניט אויף אײַערע ערטער.

אַבנר און ביילינקע האָבן אָנגעשטעלט אויף יואלן צעשראָקענע פּנימער. ניט קיין שיינער, אַ לענגלעכע, ברייטע נאָז, אײַנגעפאַלענע באַקן, אַ ביסל אומגעלומפּערט אין באַוועגונגען — פאַר חברה איז אָבער יואל געווען שיין און טײַער. געווען די איינציקע האָפע־נונג. און וואָס קאָן שענער און טײַערער זײַן פון האָפענונג, בעת אַל דאָס אַנדערע איז פאַרלוירן?

אַ פאַרטראַכטער, הוסטנדיקער, האָט יואל צעלייגט אין זײַנע קעשענעס די קוילן, דעם האַנטגראַנאַט. דאָס ראַדיאָ־אַפּאַראַטל פאַררוקט הינטערן רימען פון די הויזן. אַ בלעטער געטאָן דאָס העפטל, געטאָן אַ שמייכל:

— ניט קיין גרויס עשירות. פון דעסטוועגן, צוזאַמען מיטן וואָפן וועט מען עס פאַרשטעקן.

ביילינקעס לעבעדיקע אויגן האָבן אַ בליאַסק געטאָן אויפן קײַלעכדיקן שוואַרץ־חנעוודיקן פּנימל און זיך באַהאַלטן אונטער שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזטע וויִעס:

— אויב פאַראַן... די ליבעלידער דאַרף מען אַרויסרײַסן... פון העפטל...

יואל האָט איר עפּעס געענטפערט, נאָר זײַנע ווערטער זענען צעברעקלט און פאַרטויבט געוואָרן פון זײַן הוסט און אַ פלוצעמדיקן

גאָסרעגן, וואָס האָט מיט רעש אָפּגעפּליוכעט דאָס דעכל פונעם הײַזל און עס געשײַערט, געשײַערט מיט עזות.

דעם רעש האָבן אַדורכגעדרונגען יואלס אָפּגעריסענע, פאַמע־לעכע רייד:

— דער רעגן... אַ מעלה... קיינער אויסער אונדז... קיינער וועט די נאַז ניט אַרויסשטעקן. אויך די ייִדישע פּאָליציאַנטן, אויך זיי וועלן זיך אויסבאַהאַלטן. אויך איך האָב געדאַרפט... געדאַרפט גאָר ליגן. ניטאָ אָבער קיין ברירה.

שטענדיק אַ לעבעדיקע, זייער באַרעדעוודיקע, איז ביילינקע געווען די גאַנצע צײַט ווי באַדרענגט פון עפּעס. לסוף בײַגעקומען איר דאַסמאָליקע אײַנגעהאַלטנקייט:

— מ'עט עפּעס קאָנען טאָן פאַרן אַקרײַטשיקל? מיינט ניט, כ'בין ניט פאַרליבט. איך האָב נאָך דער מאַמעס אַ גאָלדענע קייט. אויסגעהיט. אַלץ געהאַפּט, אפשר... אפשר ברענגט מען זיי צוריק, די אָוועקגענומענע... נאָר פאַרן אַקרײַטשיקל... געהערט, אַז כאַבאַר העלפט אַפילו בײַ דײַטשן. זיי נעמען. מע דאַרף נאָר געפינען דעם וועג...

אָן ענטפער אויף ביילינקעס רייד איז געווען יואלס אַ טיפער קרעכץ און אַ פאַרצויגענער טרוקענער הוסט. דערנאָך האָט ער ווי ניט איז אַרויסגעבראַכט:

— ס'העלפט ניט, געפינט אָן אַרט איבערצונעכטיקן. דער געטאָ, קומט מיר אויס, וועט ניט געשען קיין שלעכטס דאָס מאָל.

— און יענץ מאָל? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בײַ אַבנרן.

— יענץ מאָל... בײַ די יעקעס הערשט אָרדענונג. דעמאָלט איז געווען בײַ זיי פאַרפּלאַנירט אַן אַקציע. האָבן זיי צוגעטראַכט אַ תּירוץ, אַ געמיינעם ליגן. איצט איז אויך פאַראַן אַ סכנה. ווי מיר דאַכט, פאַר אונדז אַליין. ווער ווייסט, דער אַקרײַטשיק... מ'זאָל ניט געפּרוווט ווערן...

יואל האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן האַנטזייגערל:

— מיר האָבן גענוג צײַט. צו ערשט גייט ביידע.

אין דרויסן, אינעם חושך האָט עס געגאָסן ווי פון עמערס.

**— ביילינקע, כ׳טראָג אַ סיגנאַל־ראַקעטע!**
**— גיי, גיי, נאַרישער אַקריַיטשיק...**
**— וועסט זען, אויף מיַין צייכן ווערן מיר פריַי, אויסגעלייזט...**

פון דער צוואַנגאַרבעט שפּאַנט ער גאָר־גאָר האָפּערדיק. קיין פאַרענדיקט ליד ברענגט ער טאַקע ניט. אָבער אַ ראַקעטע! זאָל ביילינקע זען: ער, דער אַקריַיטשיק, פון וועלכן אַלע חוזקן אפשר, נעמט אַרויס פון פּעקל שפּענער... מאָרגן צי איבער מאָרגן, ביַי נאַכט וועט ער די סיגנאַל־ראַקעטע אַרויסלאָזן צו עראָפּלאַנען, וואָס קומען שלאָגן די דיַיטשן... ביילינקע כאַפּט אים אַרום: „ביסט אַ העלד!״ ער כאַפּט זי אַרום. צום ערשטן מאָל דריקט ער זי צו זיך. שפּירט זי, אַ נאָענטע, נאָענטע. צום ערשטן מאָל לאָזט זי זיך אַ קוש טאָן. ער ציט אַריַין אין זיך איר טעם, איר ריח, און דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים. ניין, ער פאַרלירט ניט ביילינקען! זי איז אַיַינגעקלעמט אין זיַינע שלאָסערשע הענט. ניין, זי שטויסט אים מער ניט אָפּ. טוליעט זיך צו אים, און צום ערשטן מאָל פּרוווט ער טאָן דאָס, וואָס עלטערע יאַטן פלעַיסן זיך, אַז זיי טוען מיט מיידלעך... ביילינקעס אויגן בלינצלען מיט אַ שוואַרץ פיַיערל. איר סאַמעטן לבנה־פּנימל לײַכט. אירע שוואַרצע קרויזהאָר גלאַנצן. אַ הייסע, אַ צוגעלאָזטע, גלעט זי אים איבער די האָר: „ביסט אַ העלד, הערסט ראַדיאָ, שריַיבסט קאָמפּלידער!״... מיט ביילינקען האָט ער זיך אַ סך מאָל געליבט אין חלום. איצט — אויף אַן אמתן האַלט ער זי אַרומגענו־מען, האַלט איַין זיַין שווערן אָטעם, קיינער זאָל ניט דערהערן און אַוועקנעמען ביילינקען. זי איז זיַינע, נאָר זיַינע! אַ נאַקעטע, אַ זודיקע, אַ זיך צאַפּלענדיקע... צונויפגעשמאָלצענע שוועבן זיי אין די הימלען. צוזאַמען מיט דער ראַקעטע וואָס ער לאָזט אַרויס צו די באַפריַיערס. די לופט איז זיס, זיס, זיס, און אַלע אַרום זינגען זיַין קאָמפּליד. ביילינקע צעגייט פון פאַרגעניגן אין זיַינע אָרעמס, בעת ער צעגייט פון פאַרגעניגן... שטערן פאַלן אַרום זיי... ער פאַלט מיט אַ זעץ אין עפּעס האַרטס...

אונטער אים — נאַקעטע ברעטער. איבער אים — אַ בלויִלער

עלעקטריש לעמפּל מאַטערט זיך, אַ דערוואַרגנס. גרוי און טונקל, בלוי און טונקל, שמוציק־טונקל. ער ליגט אין די זאַכן, אָפּגעגאָסן מיט אַ הייסן שווייס. ליגט מיטן פּנים אַרויף און שווער שנאַפּט ער לופט. אַ לײַכטער שוים בלעזלט זיך פון מויל... אַ דײַטש האָט אים געפירט אין זײַן מאַשין דורך אַ גאַסרעגן און אַ שוואַרצער נאַכט. אין העלן ליכט האָט מען דורכגעזוכט זײַנע זאַכן, דורכגעטאַפּט איטלעכע נאָט, אַפילו פונעם אונטערוועש. איצט איז ער געווען כשר, אין גאַנצן כשר. מע האָט אָבער פון אים געחוזקט: „דער ראַקעטן־טרעגער, ראַקעטן־טרעגער!" ווייסן ניט, אַז איין צונאָמען האָט ער שוין. ווייסן ניט, אַז אין סעניק... אוי, אוי, דײַטשן דערוויסן זיך אַלץ. געפינען דאָס ראַדיאָ־אַפּאַראַטל. געפינען די בלעטלעך מיט זײַנע פאַרשריבענע נײַעס. ווי קומט עס? ער פלעגט ניט לאָזן בײַ זיך קיין קאָפּיע. די בלעטלעך פלעגן אַוועקגיין אין די קעמער־לעך. ייִדן טאָרן ניט הערן קיין ראַדיאָ, און ער האָט — אַ מורא צו דערמאָנען זיך — צונויפגעמאָנטירט אין געהיים אַן אַפּאַראַטל, געהערט, פאַרשפּרייט ידיעות... ייִדן טאָרן ניט לייענען קיין צײַטונגען, און ער האָט... ייִדן איז פאַרווערט צו לייענען און שרײַבן, און די דײַטשן געפינען זײַן העפטל... און וועלכע לידער! מע זאָל נעמען פון זײַן קאַמפּליד וואָס אַלע זינגען, דעם רעפריין בלויז:

מיט אַ האַק, מיט אַ שטיין, מיט אַ מעסער,<br>
חברה שטעלט זיך אַנטקעגן דעם פײַנד!<br>
רײַסט פונאַנדער די קייט, רײַסט פונאַנדער דעם צוים,<br>
צו דעם קאַמף קומט אַרויסעט נאָך הײַנט!

ער האָט גערופן, און חברה האָט זיך געגרייט. און געזונגען האָט מען די אַ ווערטער מיט אַ מעלאָדיע פון אַ באַוווּסט ליד.

אַלץ, אַלץ רעדט קעגן אים. און פון דײַטשן איז ניטאָ קיין סודות. ער איז אַ פאַרלוירענער! וועט פאַלן אַ קרבן, ווען שולדיק איז גאָר, גאָר... אַבנרקע. צו וואָס האָט ער אַרײַנגעשמוגלט דעם נאַרישן ראַקעטניק? און אַז מ׳עט שוין אַרויסלאָזן אין הימל די סיגנאַל־ראַקעטע? און צו וואָס האָט אַבנרקע אים, דעם אומגעניטן, געלאָזט?.. אַבנרקען איז גוט. צו אַלץ האָט ער מזל. אין געטאָ

געפונען זיך אַ שיין מיידל, לעבן ווי מאַן־און־ווײַב, בעת ער, דער אַקרײַטשיק... ווײַנען האָט זיך אים געגלוסט, און רחמנות האָט ער געהאַט אויף זיך, וואָס האָט ביילינקען אַזוי ליב און וועט אַרויס־געריסן ווערן פון לעבן. טרערן האָבן גענומען רינען פון זײַנע מיט ווײ אַנגעדראָלענע אויגן, מחמת ער האָט פאַרט ניט פאַרזוכט דעם אמתן טעם פון ליבע, און נאָר אין חלום...

**— די נאַרישע סיגנאַל־ראַקעטע ט'זיך אַרײַנגעמישט אין די שפּענער אומבאַמערקט.**

**— טאָ ווי איז זי געווען אײַנגעוויקלט אין אַ צײַטונג פון זעלבן טאָג ?**

**— געוואָלט מאַכן פון צילינדערל אַ צינדמאַשינקע. שווער מיט שוועבעלער אין געטאָ.**

אין משונהדיק ליכטיקן צימער האָט דומפּ געטאָן אַ קלונג אַן אײַנגעשפּאָלטענער גלאָק. אַ שוואַרץ גומי־פּלעקל האָט דער דײַטש געהאַט אַראָפּגעלאָזט אויפן שאַרבן פון אַ מענטש.

— כ'האָב אָנגעקלונגען צו דײַן פּאַרנונפט, — האָט דער דײַטש ליבלעך געזאָגט און אויפגעהאַנגען דאָס פּלעקל אין אַ וויטרינע, וואָס אויף דער וואַנט הינטער זײַן שווערן דעמבענעם שרײַבטיש. אויפגעהאַנגען דאָס פּלעקל צוריק צו זײַנע פּלעקל־ברידער פון פאַרשיידענע גרעבן און לענגען, צו די קאַנטשיקעס מיט לעדערנע און בלײַענע לאָקשן, צו די צווענגלער און קלעמען, קייטן און קייטלער פון גלאַנציקן שטאָל און פראָסטן אײַזן. אויפגע־האַנגען און באַקוועם זיך אײַנגעאָרדנט אויפן ווייכן, מיט לעדער באַשלאָגענעם שטול מיטן הויכן אָנלען, וואָס הינטערן שרײַבטיש.

— ס'איז אַ פאַרשפּײַז פונעם מעניו וואָס אין אָט דער קאָ־לעקציע הייל־אינסטרומענטן, — האָט אָנגעוויזן דער דײַטש אויף דער וויטרינע.

דעם קלונג אין זײַן שאַרבן האָט דער אַקרײַטשיק אַראָפּגע־שלונגען. פונקען, אמתע פײַערפונקען האָבן זיך פונאַנדערגעשפּריצט

אין אַ פינצטערניש פאַר זײַנע אויגן. און אַז ס'האָט פאַר זיי אויפגעהעלט די וועלט, האָבן זיי געזען די וויטרינע, בלויז די וויטרינע. וואָס וועט דער דײַטש איצט אַ נעם טאָן?

ער האָט קיין זאַך ניט גענומען, דער דײַטש, און נאָר באַקוועמער זיך אײַנגעמאָסטעט אויפן שטול, אויסגעגליכן זײַן גרוי־גרינעם מונדיר, די שוואַרצע קליאַפּעס מיט די צוויי זילבערנע בליצצייכנס „עס־עס" אויף איינער פון זיי. געוועזן איז ער פריש געראַזירט, און אויף דער בלייכער הויט האָבן זיך געשוואַרצט געדיכטע, שמאָלע און הויכע וואָנצקעס. טונקעלע, מיט אַ שרונט אין דער רעכטער זײַט, צוגעפּלעטשטע האָר אויפן קאָפּ, און אַ פּאַסמע — אַראָפּגערוקט אויפן שטערן.

דעם אָקרײַטשיק האָט עס אויפגעשווידערט: היטלער?! ניין, דער דײַטש קוקט אים אָן מיט אַ גוטן שמייכל, מיט טונקעלע, ניט קיין דײַטשישע אויגן. האָט דער אָקרײַטשיק זיך אָנגענומען מיט מוט:

— איך, איך בין אַ שלאָסער, אַ פאַכמאַן, אַ נוציקער יודע. אַנדערע — נאָר זיי טראָגן, שלעפּן, סאָרטירן די טראָפּייען, די רוסישע... איך, איך שרויף פונאַנדער פאַרזשאַווערטע האַנטגראַנאַטן — צו באַנוצן דעם פּולווער, ס'אײַזן. די פריִערדיקע אַרבעטער, אַז ס'האָט זיך ניט געלאָזט, איז אַ זעץ מיט אַ האַמער. האָט'ס אויפגעריסן. דרײַ טויטע, אויך פאַרוווּנדיקטע. אַזוי טאָר מען ניט! איך אַרבעט גוט. איך האָב פיל נוצן געבראַכט. מ'קאָן פרעגן דעם שירמײַסטער.

דער דײַטש האָט געפּײַקלט מיט די פינגער אינעם טיש, גרייטנדיק זיך צו נעמען דאָס וואָרט. און גענומען:

— טאָקע שיין, פײַן. פאַר דעם — אַ דאַנק אין נאָמען פון גרויסדײַטשישן רײַך און זײַן פירער. אָבער, אָבער... — דאָ האָט דער דײַטש זיך פונאַנדערגעלאָזט: — פאַרן לייענען צײַטונגען קומט ייִדן טויטשטראָף. פאַרן רעדן וועגן פּאָליטיק — טויטשטראָף. פאַרן וועלן אַרײַנשמוגלען אין געטאָ אַ ראַקעטע, דערצו נאָך אײַנגעוויקלט אין אַ פרישער צײַטונג — צוויי מאָל טויטשטראָף! ביסטו שוין זיכער מיט צוויי קוילן אין נאַקן. דערצו ווייס איך, באַהאַלטסטו

עפּעס. דו, ווי אַלע יודן. ניט אַלץ האָט איר ליב אויסצוזאָגן דײַטשן. און מיר ווייסן אַלץ! ניטאָ קיין געהיימענישן פון אונדז! אַלזאָ, די טעג — אַן אָנווײַזונג פון בערלין: ניטאָ קיין געטאָ ווו אַ באַנדיטן־באַנדע זאָל ניט אונטערגראָבן די אָרדענונג. הייסט עס, אַז אויך בײַ אײַך. אַזוי דאַנקען יודן אָפּ פאַרן לאָזן זיי לעבן! — אַרויף מיטן שטרענגן קול גאָר הויך, איז דער דײַטש פּלוצעם געוואָרן צוקער זיס: — אָבער דו, איך שפּיר, ביסט פאַרנונפטיק. האָסט גליק, געפעלסט מיר. ביסט קליין, געוויס אויך פּיפּיק. וועסט ווי אַ מײַזל אַרײַנדרינגען אַהין, ווו ניט יעדערער... ביסט מיר סימפּאַטיש, וועל איך מיט דיר אַנדערש... ניט לאָזן אין גאַנג מײַנע הייל־אינסטרומענטן. ווייסט, זיי עפענען די געהירן, פרישן אָפּ דאָס געדעכעניש בײַ די וואָס ווילן עפּעס פאַרגעסן, און ברענגען צו פאַרנונפט אײַנגעשפּאַרטע. סײַדן זיי ווילן אַוועק צום אורפאָטער אַבראַהאַם. מיט דיר, איך זע שוין, וועלן מיר דאָס פאַרשפּאָרן. ביסט אַ קלוגער קערל. וועסט בײַ מיר בלײַבן לעבן, און מיר׳ן אויפשטעלן אַ קעגנזײַטיקע פאַרשטענדעניש טראָץ דעם, וואָס איך בין אַ דײַטש און דו — ניט מער ווי אַ יודע. פאַראַן אָבער אויסנאַמען ניט נאָר אין די גראַמאַטיק־געזעצן. געוויס, דיר קומט טויטשטראָף. מיר איז אָבער אַ שאָד אַזאַ סימפּאַטישער קערל זאָל דערשאָסן ווערן און — אויפן שײַטער־פײַער, עס זאָל פון דיר קיין געדעכעניש ניט בלײַבן. שרעקלעך, האַ? גיב איך דיר אַ שאַנס. וועסט העלפן אײַנשטעלן רו און אָרדענונג אין געטאָ. דערמיט פאַרזיכערן איר עקסיסטענץ. אַז יודן פילן ניט אויס קיין פאַראָרדענונגען, נעמען רעבעלירן, ווערן זיי אַלע, שולדיקע און אומשולדיקע, ליקווידירט. ביז איינעם! זע, פאַראַן בײַ אײַך שטיין־רײַכע יודן, — ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גאָלדענע בראָש, אָנגעזעצט מיט גרויסע בריליאַנטן, — זעסט, די טעג אונטערגעכאַפּט בײַ אײַך אין געטאָ. אַלץ — קאַפּיטאַליסטן, פּלוטאָקראַטן, וואָס גייען מיט ענגלאַנד און אַמעריקע. זיי, זיי דערפילן ניט די פאַראָרדענונג אָפּצוגעבן אַלע ווערטזאַכן. זיי, זיי דערפילן ניט די הייליקע אַרבעטפליכט. באַצאָלן עפּעס, שיקן אַנשטאָט זיך אַנדערע און אַליין לעבן זיי אַ טאָג, די אָ יודן־פלו־

טאָקראַטן. פּרעסן, זויפן, הורן זיך מיט די ווײַבער פון מענער וואָס האָרעווען פון פינצטער ביז פינצטער. מוז מען פון די אַ פּלוטאָקראַ־טן אַרויסקריגן זייער פאַרמעגן, זיי זאָלן מער ניט קאָנען עקספּלואַ־טירן אײַך, פּראָלעטאַריער. מוז מען צו ערשט דערגיין, ווער זיי זענען. און אויך ווער ס'האָט קינדער אַרויסגעשמוגלט פון געטאָ צו קריסטן. איך וויל דיך ניט צווינגען. נאָר ביסטו ניט ווילִיק, באַנוץ איך גוואַלד, ווי עס זאָגט געטע, צי גאָר פרידריך שילער, אין זײַנער אַ באַלאַדע. וועסט ענטפערן פאַר דער צײַטונג, פאַר דער ראַקעטע... אַ־פּראָפּאָ, די סימולאַציע מיט דער צינדמאַשינקע. זאָגסט ליגן ! און דער פּולווער ?

— צו שיסן דעם, דעם האַמאַן ! די טעג איז בײַ יִדן פּורים, — דער אַקרײַטשיק איז געווען באַגײַסטערט פון זײַן אײַנפאַל מיטן פּולווער.

— איז דער דײַטש אַזש אויפגעשפּרונגען :

— קיין צווייטן פּורים וועלן יודן ניט האָבן ! אַזוי האָט פעסט־געשטעלט אַדאָלף היטלער, אונדזער פירער.

— מיר שיסן דעם האַמאַן פון דער ביבל, — האָט נאָך אַלץ מיט שׂכל זיך פאַרטיידיקט דער אַקרײַטשיק.

— נאַ, גוט, איך האָב געדולד און בין נאָכגיביק. זאָל זײַן, ווי דו זאָגסט. נאָר איך ווייס, אַז די ראַקעטע האָסטו געטראָגן פאַר באַנדיטן. וויפל האָבן זיי צוגעזאָגט צו באַצאָלן ? זאָג זיי, אַז דאָס געשעפט לוינט זיך ניט. מע באַצאָלט מיטן לעבן. און ווער זענען זיי, איז נייטיק צו וויסן. צום גונסטן פון דער געטאָ. זעסט, וויפל געזעץ־ברעכערס עס באַדראָען איר עקסיסטענץ. און מירביידע זענען פאַראינטערעסירט, זי זאָל יאָ עקסיסטירן. ביסט אַ קלוגער קערל און פאַרשטייסט אין וואָס עס האַנדלט זיך. דיך לאָז איך לעבן. און אַז וועסט פאַרדינען, װערסטו אַרויסגעלאָזן אויף דער פרײַ, אין שטאָט אַרײַן. איצט ווייסטו שוין, וואָס פרײַהייט באַטײַט. וועסט געניסן פון לעבן, אַרײַנכאַפּן. ווער עס כאַפּט אַרײַן, דער האָט. ביסט אַ מאָל געשלאָפן מיט אַ מיידל, האַ ? דײַנע אויגן זאָגן, אַז האָסט עס ניט פאַרזוכט. אַ שאָד. וועסט אַוועקגיין פון דער וועלט ניט

האָבנדיק... ווען דו ווייסט! עס לוינט ניט דערשאָסן און פאַרברענט צו ווערן, איידער מע פאַרזוכט אַ געשמאַקע פּרוויענצימער. אַזאַ פאַרגעניגן! מע פאַרגעסט אין דער פאַרשײַסטער וועלט. מע הייבט זיך, מע שוועבט אין די הייכן. מע פילט ווי מ׳ווערט, מ׳ווערט... מע ווערט גאָט! איך, איך וועל דיר פאַרשאַפן ס׳דאָזיקע פאַרגעניגן. און וויפל און וועלכע ווײַבער וועסט זיך צוקלײַבן. אויב, פאַרשטייט זיך, וועסט געהאָרכיק צוזאַמענאַרבעטן.

דער דײַטש האָט גערעדט האַסטיק. יעדע פראַזע אַרויסגעשטויסן פון מויל מיט אַ קנאַק, ווי אַ בײַטש וואָלט געשמיסן און געטריבן די ווערטער. די בײַטש האָט צום סוף אויך אים אַראָפּגעטריבן פון אָרט, געבראַכט צו דער וויטרינע. באַלד איז ער געווען לעבן דעם אַקרײַטשיק, אָנגענומען זײַנעם אַ פינגער און שמייכלענדיק אָנגע־כאַפּט מיט אַ צווענגל אַ נאָגל.

— גענוג, גענוג! — האָט דער אַקרײַטשיק אַרויסגעריטשעט.

— איך מיין אויך, ס׳איז גענוג, — האָט דער דײַטש אים געגעבן גערעכט.

...וויפל טעג — צען, צוועלף? טאָג־אײַן, טאָג־אויס האָט מען אים פון ענגן, קאַלטן און דומפּן קאַרצער מיטן דערשטיקטן לעמפּל אויפן נידעריקן סופיט געבראַכט אין העל־העלן, לופטיקן און וואַרע־מען צימער, צום דײַטש וואָס האָט געגעבן אים גוט אָפּצועסן, פאַר־טרינקען מיט שמעקעדיקער קאַווע. און די שטענדיקע רייד פונעם דײַטש וועגן אָפּרייניקן די געטאָ פון עלעמענטן, וואָס וועלן זי ברענ־גען צום אומקום. דערבײַ האָט ער אָנגעוויזן דאָ אויף דעם, דאָ אויף אַן אַנדערן „הייל־אינסטרומענט" פון זײַן קאָלעקציע אין דער וויטרינע, וועלכן מע קאָן לאָזן אין גאַנג. פרעגן פלעגט ער, אַגב, ווי האַלט עס מיטן נאָגל וועלכן ער האָט „זאַנפט, מיט אײַנזעעניש באַהאַנדלט", צי ער איז בלויז געוואָרן...

עטלעכע מאָל האָט דער דײַטש אים אַרויסגעפירט „אויף אַ שפּאַציר" איבער אַ האַלב טונקעלן קאָרידאָר, אַן אָנגעדראָלענעם מיט געשרייען און ווייפולע קרעכצן. „מײַנע געשרייען, מײַנע קרעכצן פאַרן אַוועקגיין פון דער וועלט" — האָט אַ ווייטיק אַרײַנגעזעצט

דעם אַקרײַטשיק אין קאָפּ. און ווידער אין קאַרצער. ער האָט געקוקט, געקוקט אויף זײַנע בלוי באַלויכטענע הענט. שוין טויטע? און ברענען וועלן זיי, ווי דער דײַטש זאָגט, אויף אַ שײַטער. ער האָט דערפילט די פלאַמען און גענומען זיך קאַרטשען פון פּחד און יסורים.

ס'האָט אים ביז משוגעת וויי געטאָן די עוולה, וואָס ער וועט שטאַרבן ניט האָבנדיק כאָטש נאָך איין מאָל געזען ביילינקען. איצט וועט זי אים מוזן ענטפערן מיט ליבע! כאָטש אויף איין נאַכט צו ביילינקען!

מע קאָן משוגע ווערן! אָן אויפהער דאָס זעלבע: דער דײַטש, זײַנע אויפקלערונגען, דראָונגען, צוזאָגן. ווען וועט נעמען אַ סוף? מער קיין כּוח ניטאָ...

— פּאַקטיש, — האָט דער דײַטש פּלוצעם אָנגעהויבן, — ווען ניט אײַער מאַרקס און די יודאָ־קאָמוניסטן, וואָס וואָלטן מיר געהאָט צו אײַך? דאַרף מען זיך אָפּרייניקן פון זיי. דער קריג וועט זיך ענדיקן, מיר וועלן אײַך באַזעצן אויפן מאַדאַגאַסקאַר, איר וועט דאָרטן האָבן אַן אייגענע רעגירונג און וועט דאַנקען אונדזער פירער פאַרן אויסלייזן אײַך פון אייביקן פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס פון פרעמדע פעלקער... דערווײַלע שטייט אונדז פאַר אַ קליינע פאָר־מאַליטעט. אַן אונטערשריפט פון אַ יודע האָט קיין ווערט ניט. פון דעסטוועגן שרײַב אונטער, — און דערלאַנגט האָט ער דעם אַקרײַטשיק אַ טעקסט, אָפּגעקלאַפּט אויף אַ שרײַבמאַשינקע. — לאַנגזאַם לייען איבער וואָס דו שרײַבסט אונטער, עס זאָלן קיין מיספאַרשטענדענישן ניט אויפקומען. דײַטש איז ענלעך צו ייִדיש, ניט אַזוי? פאַרוואָר, אַן אויסטערלישער צופאַל. אויך דער אויס־טערלישער צופאַל פון אונדזער באַקאַנטשאַפט... שרײַב אונטער! — דער דײַטש איז אויפגעשטאַנען. — ווי זאָגט דאָרטן געטע, אונדזער דיכטערפירשט, בײַם אָפּשליסן דעם ערשטן טייל פון זײַן „פאַוסט": „קום מיט! אַניט ביסטו פאַרלוירן. אומנוציק צעגערן! דאָס קווענקלען זיך, דאָס פּלוידערײַ"...

**— הערט נאָר, הערט: דעם ראַקעטע־טרעגער צוריקגעבראַכט אין געטאָ!**

**— אָפּגעקומען מיט שמיץ.**

**— משיחס צײַטן! אַלע אַרײַנגעפּאַלענע ייִדן קומען איצט אָפּ מיט שמיץ.**

כאָטש דער דײַטש האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז אָפּשמײַסן וועט מען אים נאָר „פּראָ פֿאָרמאַ", האָט דער אַקרײַטשיק קוים געקאָנט שטעלן אַ טראָט. זיצן בכלל ניט, און ליגן — נאָר אויפֿן בויך.

טאָמער ווייניק, האָט ער ביילינקען ניט געפֿונען! אַרײַנגעפּאַלן אין עפּעס אַ כאַפּעניש פֿון מענטשן אין געטאָ. צי געכאַפּט אויף אַרבעט, צי גאָר...

ניטאָ ביילינקע! צוליב איר, צוליב איר... דער אַקרײַטשיק איז געלעגן אויפֿן בויך אין זײַן פֿינצטערן ווינקל און געהעשעט.

עלנטע בחורים און דרײַ מיידלעך האָט מען דאָ געהאַט צונויפֿגעשפּאַרט אינעם שטיבל. אים, דעם אומבאַהאָלפֿענעם אַקרײַטשיק, האָט מען אַרײַנגעטורעט אין אַ פֿינצטערער לאָך, אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן. האָט עס מיט דער צײַט זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ טובה. דאָ האָט ער געקאָנט בסוד, בײַ עלעקטריע... דאָ, אינעם שטיבל, איז אים באַשערט געווען צו באַגעגענען ביילינקען. פֿילן, אַז זי געפֿינט זיך אין דער נאָענט, אין אַן אַלקערל מיט נאָך צוויי מיידלעך. פֿילן און האָפֿן, אַז זי, די שענסטע און בעסטע פֿון אַלע דרײַ, וועט אין איינער אַ גליקלעכער רגע דערקלערן: „איך האָב דיך אויך ליב!"

איצט, איצט — ניטאָ ביילינקע, ניטאָ דאָס אַפּאַראַטל, ניטאָ די העפֿט מיט זײַנע לידער!

דער אַקרײַטשיק איז געלעגן אויפֿן בויך און געהעשעט, אַריבערגייענדיק אין אַ לאַנג, צעצויגן געוויין. עמעצער פֿון די שטיבל־אײַנוווינערס האָט אים געבראַכט אַן אײַנגענעצטע טוך אין קאַלט וואַסער, אויף צוצולייגן צו די צעקאַטעוועטע ערטער. מ'האָט אים אַרײַנגעטראָגן אויך אַ ביסל וואַרעמע גריץ.

און ווידער האָט ער געוויינט. ניטאָ ביילינקע! אויך אַבנערקע האָט זיך ניט באַוויזן. געלאָזט אים, דעם אומגעניטן, טראָגן די נאַרישע סיגנאַל־ראַקעטע... פון אַלעמען פאַרלאָזן, אָפּגעשטויסן, אָפּגעשמיסן. טאַקע איצט איז ער אַן אמתער אַקרײַטשיק, אַ לעצט איבערגעבליבענער עק פון אַ ברייטל.

אַבנער איז אָבער יאָ געקומען צו לויפן, ווי נאָר אין דער געטאָ האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן אומקער פונעם „ראַקעטע־טרעגער". געקומען אַ פאַרסאָפּעטער, גענומען אויספּרעגן.

— זעסט דאָך, אָפּגעשמיסן און אַרויסגעלאָזט. כ׳וויל צו יואלן.

— ער איז פאַרשוווּנדן. די קעמערלעך פונאַנדערגעלאָזן. אויס מיט אַלץ, — האָט אַבנער קאַלט געלאָזט פאַלן די ווערטער.

— איך מוז אָבער, מוז! — האָט דער אַקרײַטשיק זיך צעשריִען.

— קאָן ניט, טאָר ניט אָפּלייגן. כ׳האָב אים עפּעס וויכטיקס... גענוג צרות צוליב, צוליב דיר... מוזסטו מיר איצט אַרויסהעלפן. צו יואלן! ניט אָפּלייגן! צום אים!

— שאַ, שרײַ ניט. ס׳איז ניט אַזוי פשוט. כ׳וועל פּרובירן.

אַבנער איז אַוועק. אַ טאָג איז אַוועק. דער צווייטער טאָג פון די צען וואָס אין דעם אַקרײַטשיקס רשות. בלײַבן נאָך אַכט געוווּנענע טעג. גענוג צײַט אַ נס זאָל געשען. ניט טראַכטן. פאַרגעסן... ניין, ניין, ביילינקען קאָן ער ניט פאַרגעסן! אויב אַפילו היטלער זאָל אין איינעם פון די אַ אַכט טעג אײַננעמען אַ מיתה־משונה, ווער עס דען ראַטעווען ביילינקען? די שענסטע, די בעסטע, די מאכל־דיקסטע! צו איר האָט ער געזונגען: „ביסט מײַן שטערן, ביסט מײַן זון און מײַן לבנה — מײַן איינציקע טרייסט..."

גאָט, אַרויסגעריסן די איינציקע טרייסט! אָבער ניט פון זײַן האַרץ. ער זעט זי, פילט זי, נעמט זי אַרום, ווי דעמאָלט אין זײַן שענסטן חלום.

שטיל, פאַרחלשט איז געפלאָסן דעם אַקרײַטשיקס טרערנקוואַל. אַלע זײַנע אברים האָבן געגוויעט, מיטגעוויינט און געפילט: ביילינקע האָט אויך מיטגעוויינט אויף דעם ביטערן גורל פון זיי ביידן.

**— זאָג דעם אמת, האָסט צוגעזאָגט ?**

**— ניט צוגעזאָגט.**

**— אָבער אונטערגעשריבן ?**

— זיי וויסן, ווייסן, — האָט דער אַקרײַטשיק אַרויסגעפּלאַצט, — ווייסן וועגן אונדז ! דער דײַטש זאָגט, אַז בערלין וואָרנט זיי : פאַראַן באַנדיטן אין אַלע געטאָס... זוכן זיי בײַ אונדז. זוכן אויך אַנדערע... ייִדן וואָס האָבן נאָך פאַרמעגן, ייִדן וואָס האָבן זייערע קינדער בײַ קריסטן... דאַרף מען זיך היטן...

— האָסט אונטערגעשריבן ? — יואלס הייזעריקע שטים איז געווען ניט צו דערקענען : צוגעשטיקט, פרעמד און האַרב. — מיינסט, דײַטשן האַלטן וואָרט, לאָזן לעבן ?

לאַנג, לאַנג האָט דער אַקרײַטשיק, שטייענדיק, אויסגעגאָסן זײַן האַרץ.

ווי האָבנדיק טועם געווען גאַל, איז יואלס מינע אַלץ ביטערער געוואָרן. זײַנע אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעדלעך האָבן שטײַפער, שטײַפער זיך צוגעקוועטשט, ווי געוואָלט באַהאַלטן די אויגן, באַהאַלטן זיך אין גאַנצן אונטערן האָרשויבער אויף זײַן קאָפּ. געזעסן איז ער נידעריק, אויף אַן איבערגעקערט קעסטל, ס׳פּנים אײַנגענורעט אינעם אויפגעשטעלטן קראַגן פון זײַן קורטקע. דער האַלדז אַרומגעבונדן. אין האַנט אַ שטעקן מיט אַ קײַלעכדיקן קאָפּ.

— ניט צו שלאָגן קיינעם, — האָט ער פּלוצעם געוויזן דעם שטעקן. — שטאַרק צוגעקילט אַ פריִערדיקע פאַרקילונג. דרייען די שלעסער פון הענט און פיס, און אַנדערע נאָכווייעניש.

— אַלץ די אומגליקלעכע סיגנאַל־ראַקעטע... — האָט דער אַקרײַטשיק שולדיק אָנגעקוקט יואלן.

— זי, זי איז שוין אין זיכערקייט. וואָס טוט מען אָבער מיט דיר ? — יואלס פראַגע איז שטרענג געווען. — בײַ אונדז האָסטו אונטערגעשריבן אַ הייליקן צוזאָג. דאָרטן האָסטו אונטערגעשריבן. אַ צו פּראָדוקטיווער אונטערשרײַבער...

ער האָט זיך געריכט אויף דאָס סאַמע ערגסטע און געווען

גלײַכגילטיק צו אַלץ. דאָך איז דער אַקרײַטשיק אַנגעשפּיצט געוואָרן: וואָס וועט דאָ יואל טאָן מיט אים? אַזאַ גוטע באַהעלטעניש געווען. היישקעס באַרימטע מאַלינע. אַ כיטרער אַראָפּגאַנג דורכן באַקאַוויון. און איצט — די פּריַערדיקע האַלצטרעפּ און קעלער. און אויסגעליידיקט איז ער. ניטאָ דער קאַסטן מיטן געווער. ניטאָ דאָס שלאָסערוואַרשטאַטל, בײַ וועלכן אויך ער, דער אַקרײַטשיק, האָט געפּראַוועט פּיסטאָלעטן וואָס האָבן זיך געקאַפּריזעט. דאָ האָט מען צונויפגעמאָנטירט די ערשטע ביקס, און חברה האָט זיך געלערנט שיסן. איצט איז דאָ פּוסט. געבליבן די הוילע, ניט קיין געטינקעוועטע ווענט. אַ שוואַך עלעקטריש לעמפּל אין אַ פּאַטראָן אויף אַ שנור. און ער, דער אַקרײַטשיק, שטייט לעבן אַן איבערגעקערט קעסטל. קאָן זיך נאָר אַלץ ניט זעצן און וויל זיך ניט זעצן.

— דאָרטן, דאָרטן... — ער האָט זיך ניט פאַרטיידיקט. בלויז דערקלערט: — אין קאָפּ איז געווען אַ צעמישעניש. ניט געוווּסט וואָס איך טו. געוואָלט, געוואָלט אַרויסרײַסן זיך. כאַטש אויף איין נאַכט. האָב איך סתם אַזוי... אונטערגעשריבן עפּעס אַ פּאַפּיר, וואָס איך ווייס ניט... נאָר ס׳קומט מיר... שיסט מיך. ס׳קומט מיר. נאָר צוליב ביילינקען געוואָלט קומען אויף איין נאַכט. כ׳זאָג דעם אמת. איצטער איז מיר אַלץ איינס... כ׳האָב געוווּסט, אין דער מאַלינע איז פאַראַן געווער, און בין געקומען. ווי אַבנרקע האָט געהייסן...

יואל האָט געשוויגן.

— ווער וועט פאַרשטיין, וואָס איך האָב איבערגעלעבט?

יואל האָט געשוויגן.

— כ׳ווייס, איך האָב פאַרדינט... אויב ס׳איז אַ שאָד אויסצוגעבן אַ קויל, שיקט מיך צו דער געפּערלעכסטער...

— מע שיקט אַזעלכע, צו וועמען מע האָט צוטרוי, — האָט יואל ענדלעך עפּעס אַרויסגעפּרעסט דורך די ליפּן און לאַנג ווייך געהוסט.

— איך בין גרייט. איך פֿײַער און וואַסער! כ׳האָב ניט קיינעם. איצטער אויך ניט ביילינקען. אַן אמתער אַקרײַטשיק. צו וואָס לעבן?

מעג מען האָבן צוטרוי. און די קעמערלער האָט מען ניט געטאָרט פונאַנדערלאָזן... און די מאַלינע ניט געטאָרט ליקווידירן...

די גאַנצע צײַט האָט יואל געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, ווי דאָס לעבן און דער ייִדישער גורל וואָלטן געדריקט אויף אים. פּאַמעלעך האָט ער דעם קאָפּ פּאָרט אויפגעהויבן און פּאַמעלעך געפרעגט:

— אין אַ וואָך אַרום וועסטו קומען צו זיך?

— אַוודאי. ס'ווערט מיר בעסער פון טאָג.

— און ס'ווערט שוין וואַרעמער. מיר דאַכט, ביסט אַ גוטער שווימער.

— אַהאַ, ווי אַ פיש אין וואַסער. אַריבערשווימען דעם טײַך איז געווען בײַ מיר אַ קינדערשפּיל. פּאַראַן פלאַכע ערטער, בראָדזשעט מען ביזן פּופּיק, — דעם אַקרײַטשיקס שטים האָט געציטערט פון דער פרייד, וואָס האָט געפּויקט אין זײַן האַרץ.

— איז וואָס, האָסט געזאָלט קומען צו דער אַרבעט און בײַם שירמײַסטער צושטעלן... נאָר דו האָסט מזל. איך נעם די ריזיקע אויף זיך. ביסט פּאָרט אַ שטיקל פּאָעט און מיר זינגען דײַנס אַ ליד. וועסט אפשר אַ מאָל אָנשרײַבן אַ באַלאַדע וועגן אַן אומגליקלעכער סיגנאַל־ראַקעטע... דערווײַלע מוז מען דיך פון דאַנען אָפּטראַנס־פּאָרטירן. דײַן מזל. ס'איז איצט נייטיק אַזאַ, ווי זאָל איך זאָגן, אַן אַקרײַטשיקל... און אָפּרײַסן זיך פונעם פּחד זאָלסטו, און זײַן אין ספּאָרטיוור פּאָרעם זאָלסטו.

— אַוודאי, אַוודאי, — האָט דער אַקרײַטשיק זיך אָנגענומען קוראַזש, טיף אַרײַנגעצויגן לופט און שטראַם זיך אויסגעצויגן.

— געננוי אין אַ וואָך אַרום, פאַר דער פּאָליציי־שעה טרעפן מיר זיך אין דער חורבה. זי איז נאָענט צום טײַך.

...זיי האָבן זיך געטראָפן, ווי אָפּגערעדט. ווידער אין האַלב־טונקל, כמעט אין דער פינצטער. ניט געקוקט אויפן הוסט און קורצן אָטעם, האָט יואל זיך באַמיט ניט צו פאַרלירן קיין רגע און האָסטיק אויפגעקלערט דעם ענין.

דער אַקרײַטשיק האָט געזאָלט אינעם חושך, דורך קוסטעס אַדורכגנבענען זיך פון געטאָ צום טײַך. חלילה, אַ פּאָסטן זאָל דער־הערן, דערפילן. איבערלאָזן אויפן ברעג דאָס היטל און די קורטקע מיט די געלע לאַטעס. אויסטאָן זיך. די זאַכן — אין אַ קלומיקל, איבערגעבונדן מיט אַ מיטגעבראַכט שטריקל. נעמען דאָס קלומיקל און געשווומען. אויף יענעם ברעג, רעכטס פון די אַנגעוואַליעטע קלעצער, אין די קוסטעס זיך אָנטאָן. אים וועט דאָרטן אָפּוואַרטן אַ קליינוווקסיק ליטוויש מיידל. זי וועט שוין האָבן פאַר אים אַ היטל, אַן אייבערשטן בגד. וועט אויך האָבן אַ קאַן מיט גאַזע, עטלעכע טיכער און אַלץ וואָס מע דאַרף... בײַ נאַכט וועלן זיי ביידע אַרײַנ־פּויזען דורך אַ קאַנאַל אויפן שטח פונעם דערבײַיִקן האַלץ־קאָמבי־נאַט, וואָס אַרבעט איצט פאַרן דײַטשישן מיליטער... און אַז זיי וועלן מיט מזל אַלץ פאַרענדיקן, גייט ער מיטן מיידל. מע וועט אים אויסבאַהאַלטן...

— און אָט, שרײַב אַן אויף אַ צעטעלע, שרײַב אַן אויף ליטוויש:
„איך וויל ניט לעבן" און שרײַב זיך אונטער, געגנוי ווי דאָרטן...
ווידער האָט יואל לאַנג געהוסט.

— אוי, אוי, כ׳פאַרשטיי, צוליב מיר דער הוסט גייט ניט פאַרבײַ. אַלץ צוליב מיר, — האָט געמורמלט דער אַקרײַטשיק מיט ציטער און שטאַרקן באַדויער. — זײַט מיר מוחל, און, און... זײַט געזונט! און האָט ניט מורא. פון מיר וועט איר מער קיין האַרצקלעמעניש ניט האָבן...

אַ געדיכטע, מטושטשע טונקלעניש האָט אים אײַנגעזאַפּט.

**— איר׳ט געהערט, בײַם טײַך געפונען אַ היטל, אַ קורטקע מיט געלע לאַטעס.**

**— מ׳זאָגט, אַ צעטעלע פון אַ זעלבסטמערדער אין היטל.**

**— ייִדן באַגייען דען זעלבסטמאָרד?**

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

**— וואָס זאָגט איר אויף דער שׂרפה?**

**— געפּעלט מיר זייער. זי׳ט אָנגעצונדן דעם חושך.**

**— ס׳איז אַ סיגנאַל, האַ? און די דײַטשן ווערן משוגע, זוכן...**

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער אַרטיקער טאָגצײַטונג, אויף דער זײַט פון דער אַרטי־קער כראָניק איז געווען אָפּגעדרוקט די אַ אינפאָרמאַציע:

**ס׳האָט אָפּגעברענט דער גרויסער האָלץ־קאָמבינאַט בײַם טײַכברעג. צווישן די האָלעוועשקעס איז געפונען געוואָרן דער פאַרקוילטער קערפּער פון אַ קליינוווּקסיקן יוגנטלעכן.**

## וואָס איז ער, דער מענטש?

נײַן דערוואַקסענע — מענער און פרויען פון פאַרשיידענעם עלטער — און אַ צען־חדשימדיק קינד וואַרטן אויפן טויט אינעם חושך פון אַן אַרעסט־שטיבל אין אַ קליין שטעטל פון דער ליטע. וועגן עופהלע קאָן מען עס פּאַקטיש ניט זאָגן. וואָס פאַרשטייט עס? פאַרטײַעט ליגט עס אינעם קינדער־וועגל, וועלכן די פריש געבאַקענע נאַצי־משרתים — אָרטיקע שקצים מיט ווײַסע אָרעמבענדער און ביקסן — האָבן אינעם געדראַנג און אין דער פינצטערניש ניט באַמערקט און געלאָזט די מענטשן אַרײַנפירן מיט זיך. דאָס קינד ליגט און שווײַגט ווי עס וואָלט געשפּירט, אַז מע טאָר איצט קיינעם ניט דערקוטשען.

אַלע שווײַגן. עטלעכע פון זיי האָבן, אײַנשפּאַנענדיק די לעצטע כּוחות, דערטאַפּט אין דער פינצטער אַ נאַרע און זיך אײַנגעמאָסטעט אויף איר. די אַנדערע, אין גאַנצן אויסגעשעפּטע, האָבן שטום זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל. בלויז איינער, אַ מאַנצביל אין אַ צעשפּיליעט העמד, סטאַרטשעט בײַם פענצטער פון דער תּפיסה־קאַמער. די פונאַנדערגעשפּרייט אויפגעהויבענע הענט — אײַנגעקלאַמערט אין די קראַטעס, הינטער וועלכע ס׳איז געבליבן די אָקערשט פאַרלאָזטע וועלט, אַן אײַנגעהילטע אינעם ווייכן טונקל־בלויען סאַמעט פון אַ וואַרעמער זומערנאַכט. אינעם פענצטער איז צעבראָכן אַ שײַבל. ציט דער מאַנצביל הילכיק אין זיך די אַרײַנשטראָמענדיקע חיותדיקע לופט, ווי וועלנדיק אָנאָטעמען זיך אויף דער צײַט, וואָס איז נאָך געבליבן צו לעבן.

אויסגעשעפּטע, טויט־מידע, וואַרטן אַלע, מע זאָל זיי קומען אַרויספירן אין לעצטן וועג אַרײַן. אמת, קיינער ברענגט ניט אַרויס די דאָזיקע מחשבה איבער די ליפּן. עמעצער דערוועגט זיך אַפילו

צו ספקן אין דעם, אַז זייער גורל איז טאַקע געחתמעט, כאָטש מע האָט אַלעמען אַרײַנגעטריבן אַהער ווי פאַרמישפּטע צום טויט: אויסגעטאָן כּמעט ביזן אונטערוועש און אַלץ, ממש אַלץ צוגענומען. בײַ די מענער — די הויזן־שלייקעס, די רימענס. ניט איבערגעלאָזט קיין נאָזטיכל, קיין שוכשנירל...

דער אַדוואָקאַט וואָס געפינט זיך צווישן די פאַרשפאַרטע, וואָלט געקאָנט אויפקלערן, אַז אַזוי איז מען זיך נוהג מיט איטלעכן, וואָס ווערט אַרײַנגעזעצט הינטער קראַטעס. דעריבער איז פּריצײַטיק צו מאַכן פּעסימיסטישע אויספירן. נאָר ווער וועט זיך לאָזן באַרויִקן?

„די געלאָפּענע פון זייערע וווינערטער ווערן אַרעסטירט און שטרענג באַשטראָפט!" — וואָרענען רויטע מעלדונגען פון דער נײַער, פון דער היטלעריסטישער מאַכט, וואָרענען די באַפעלקערונג.

און זיי זענען דאָך געלאָפן, געלאָפן פון די אָנגרײַפנדיקע נאַצישע חיילות. דערצו זענען זיי ייִדן...

אַז זיי האָבן ניט אויף וואָס צו האָפן, קאָן מען דרינגען אויך פון אַזאַ פּרט: איידער מע האָט זיי פאַרשפאַרט, האָט איינע פון די פרויען געבעטן אַ טרונק וואַסער. האָט אַ באַוואָפנטער שייגעץ, פון די וואָס האָבן זיי געבראַכט אַהער צו טרײַבן, זי אַרײַנגעשטויסן אין אַרעסט־שטיבל, אויסרופנדיק מיט שאַדנפרייד: „אויף יענער־וועלט וועסטו זיך אָנטרינקען!"

יאָ, זיי האָבן ניט אויף וואָס צו האָפן...

ס'איז קורץ די זומערנאַכט. דורכן תּפיסה־פענצטער זעט זיך דער אויפהעלנדיקער מיזרח: אַ ראָזלעכער — בײַם האָריזאָנט, אַ געלבלעך־פיאָלעטעווער — אַ ביסל העכער, אַ גרין־בלוילעכער — נאָך העכער. דער הימל איז מקבל־פּנים די אויפגייענדיקע זון, מאַכנדיק איר אַ פאַרבנרײַכע וואַרע.

טראַכט דער מאַנצביל וואָס איז ווידער בײַם פענצטער: „צי מוז מען שיסן מענטשן דווקא בײַ זונשײַן, עס זאָל נאָך שווערער זײַן צו שיידן זיך פון לעבן?"

אין דער וועלט אויף יענער זײַט פענצטער, באַגעגענען פייגל דעם נײַעם טאָג מיט אַן אומרויִק געטשוויטשער. מענטשן וואָלטן

אויך געדאַרפט דערוואַכן, זיך פעדערן, אויפשטיין. אָבער די פּאַר־שפּאַרטע אינעם אַרעסט־שטיבל פּאַלן דווקא איצט אַרײַן אין אַ זיסן דרעמל — דעם זיסטן אין זייער לעבן. וואָר זענען בלויז די מוטער בײַם קינד אינעם ווענגל און דער מאַנצביל בײַם פענצטער. פון הינטער די קראַטעס זעט ער, ווי דער נײַער טאָג, אַזאַ לויטערער און אומשולדיקער, לאָזט זיך תּמימותדיק אַראָפּ אויף דער ערד.

די פריִע באַגינען־שעה שיילט אויס פונעם טונקל אויך אין דער תּפיסה־קאַמער די מענטשן אויפן דיל, די נאַרע... חפצים ווערן קענטלעך... דער וואַכנדיקער מאַנצביל בײַם פענצטער רײַסט אַרויס פון זײַנעם אַ שור דאָס טשוועקל, מיט וועלכן ער האָט אונטער־וועגנס געהאַט צוגעקלאַפּט די אָפּגעריסענע זויל, און הייבט מיט אים אָן עפּעס אויסצוקריצן אינעם טינק פון דער וואַנט, ווו ער שטייט. צו ערשט מיט געשריבענע אותיות איין וואָרט, זײַן פאַמיליע: „ווײַנרויט". דערנאָך גייט ער אָפּ אין אַ זײַט און, אַזוי הויך ווי עס גרייכט זײַן האַנט, קריצט ער אויס מיט געדרוקטע אותיות שוין צוויי ווערטער: „נחום ווײַנרויט". אין אַ זײַטיקן ווינקל — ווידער: „נ. ווײַנרויט". זײַן פרוי און טעכטערל, וועמען אָפּטרעטנדיקע רויטאַרמייער האָבן אַרויפגענומען צו זיך אויף אַ מאַשין, זאָלן ווען ניט איז זיך דערוויסן, ווו ס'איז אַהינגעקומען דאָס געביין פון זייער מאַן און פאָטער. זאָל מען בכלל וויסן, ווו ס'איז אומגעקומען דער זשורנאַליסט נחום ווײַנרויט... צו זײַן נאָמען און פאַמיליע דער־שרייבט ער: „21/VII/1941". ער פירט אַ חשבון פון די טעג און ווייסט גענוי די הײַנטיקע דאַטע. אויסגעקריצט די דאַטע, וואַרפט ער דאָס טשוועקל אַרויס דורכן אויסגעזעצטן שײַבל. צו דער גרוב וועט ער זיך דערשלעפּן אויך מיט דער אָפּגעריסענער זויל...

דאָס קינד שלאָפט. זיצנדיק אויפן ראַנד פון דער נאַרע, לענט די מוטער אָן דעם קאָפּ אינעם ווענגל. ענדלעך דרעמלט זי אײַן, נאָר כאַפּט זיך יעדע ווײַלע דערשראָקן אויף, און ווידער — דער קאָפּ אויפן ווענגל. דער זשורנאַליסט וואַכט נאָך אַלץ בײַם פענצטער. ער שטייט דאָרטן ווי פריִער — דאָס העמד צעשפּיליעט, די הענט אײַנגעקלאַמערט אין די קראַטעס, דאָס פּנים געווענדט צום קילבלע־

כן, דערפרישנדיקן ווינטל. אָן אויפהער ציט ער אים אַרײַן אין זיך, טראַכטנדיק דערבײַ : „ווער, ווער, נאָר איך האָב באמת ניט אויף וואָס צו האָפן. מײַנע אַרטיקלען קעגן די נאַציס, קעגן היטלערן... פאַר מיר איז אָט די נאַכט געוויס די לעצטע".

הינטערן פענצטער — גערטנער, סעדער, באַהויכטע מיטן פורפור פון דער אויפגייענדיקער זון. מע זעט דײַטלער, אַז דאָס אַרעסט שטיבל איז אין עק שטעטל. ס'איז אָן אַלט הײַזל וואָס איז איצט „אויס נויט" — צוליב דער גרויסער צאָל אַרעסטן — פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ תּפֿיסה. אויפן צעשפּאָלטענעם און זיך קרישלענדיקן טינק זענען פאַראַן סימנים פון אָנגעמאָלטע בונטע בלומען. צוויי פענצטער זענען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. דאָס דריטע — פאַרשטעלט מיט קראַטעס. דורך זיי זעט ער די וועלט און פון צײַט צו צײַט — אַן אײַלנדיקן מענטש.

„וווהין אײַלט ער ? און מיט וואָסערע כּוונות ? אַוודאי טאָן שלעכטס זײַנעם אַ שכן, זײַנעם אַ ברודער. און בעיקר — די ייִדן באַראַבעווען, מאָרדעווען"... — ביטערע געדאַנקען אַקערן דעם מוח. און דער פּאַרדראָס, למאַי ס'איז אויסגעקומען צו לעבן מיט מענטשן אונטער איין הימל און אויף איין ערד, בריט דאָס האַרץ.

קערט זיך ווײַנרויט אָפּ פון דער וועלט, וואָס דרינגט דורך די קראַטעס צו אים אין תּפֿיסה אַרײַן. ער שאַרט זיך אַוועק פאַזע וואַנט און נעמט באַטאַפּן די ברעטער, מיט וועלכע ס'איז פאַרקלאַפּט איינס פון די פענצטער. שוואַך זענען זיי צוגעקלאַפּט, די ברעטער, וויגן זיך. פאַלט אים אײַן : מע וואָלט געקאָנט אָפּרײַסן עטלעכע פון זיי און אַנטלויפן. די וואַכלײַט דרעמלען אַוודאי אינעם פירהויז, און ס'זעט זיך ניט, אַ פּאָסטן זאָל שטיין אין דרויסן. מע וואָלט געקאָנט פּרוּוון לויפן. נאָר וווהין, צו וועמען ? ווער וועט דיך איבער דער שוועל אַריבערלאָזן ? ווער וועט אַ געדרודפטן ייִד איצט עפענען אַ טיר, אויסשטרעקן אַ האַנט ? אָט פאַר וואָס דאָס אַרעסט־שטיבל ווערט ניט באַוואַכט פון דרויסן.

ער באַטאַפּט די ברעטער. זענען זיי שטאַרק צונויפגענאָגלט ? פּלוצעם ווערט פאַרשטעלט דער פאַרקראַטעוועטער פענצטער.

דורכן אַרויסגעזעצטן שײַבל רוקט זיך אַרײַן אַ צעשניטענער אין דער לענג האַלבער לאַבן דאַרפיש קאַרנברויט. ווײַנרויט טוט אינ־סטינקטיוו אַ כאַפּ דאָס ברויט און ציט זיך אָפּ. נאָר באַלד איז אין זײַנע הענט אויך דער אַנדערער האַלבער לאַבן. דערצו צוויי פלעשלעך מילך. פונעם פענצטער אַנטלויפט אַ פרוי אין אַ זומערדיק קליידל, מיט אַ געבלימט טיכל אויפן קאָפּ.

— מענטשן! ברויט, מילך! — נעמט ווײַנרויט וועקן די שלאָפנ־דיקע.

— שוין?! — שפרינגט אויף פון דער נאַרע אַ מיטל־יאָריקער מאַן, און זײַן פנים צעקרימט זיך פון ווייטיק.

— אָט איז ברויט, מילך, — באַרויִקט ווײַנרויט די מענטשן, וואָס טשוכען זיך אויס, — אַ פרוי האָט עס דערלאַנגט דורכן פענצטער.

— אונדז? — פאַרוווּנדערט זיך עמעצער.

— יאָ, אונדז.

אַלע אין דער תּפיסה־קאַמער — צעפּאַלאַשעטע, מיט צעשוי־בערטע האָר און צעקנאָדערטע העמדער און קליידלעך — זענען אויף די פיס. זיי דערפילן פּלוצעם דעם הונגער, וועלכן די איבער־לעבונגען האָבן געהאַט אין זיי צוגעשטיקט ביז איצט. מע צעברעכט ווי ניט איז דאָס ברויט אויף צען חלקים און מע שלינגט עס ממש אײַן. יעדערער לויט דער ריי פאַרטרינקט מיט אַ זופּ מילך פון איין פלאַש. די צווייטע פלאַש ווערט איבערגעלאָזט פאַרן קינד.

לאַנג פילט זיך אין דער קאַמער דער ריח פון פרישן קאָרענעם ברויט און אָקערשט אָנגעמאָלקענער מילך. ס׳ווערט העלער, און די פּנימער פון די מענטשן — שוין וויפל טעג ניט קיין געוואַשענע, ניט קיין געראַזירטע, אויסגעצערטע און פאַרײַאושטע — ווערן נאָך בלייכער, אויסגעצויגענער און מרה־שחורהדיקער.

— און איר האָט זיך געהאַלטן פאַר צום טויט פאַרמישפּטע,

— פּרוווט דער אַדוואָקאַט אויפהײַטערן די שטימונג. — זעט איר, מע זאָרגט זיך וועגן אונדז. ווער איז עס, אַגב, געווען?

די פראַגע איז געווענדט צו ווײַנרויטן.

— עפּעס אַ פּרוי. דורכן פענצטער, — ענטפערט ער קורץ. ער האָט דאָך באמת מער קיין זאַך ניט געוווּסט.

— גאָר דורכן פענצטער... אַ פרוי... ס'הייסט, אומאָפיציעל...

— איז דער אַדוואָקאַט אַ ביסל אַנטוישט.

די מענטשן קריכן שווייַגעוודיק אַוועק איטלעכער אין זייַן ווינקל, איטלעכער מיט זייַנע מחשבות און ביטערע איבערטראַכ־טענישן.

— ווי שפּעט קאָן איצט זייַן ? — צעשטערט עמעצער דאָס לאַנגע שווייַגן.

— נעכטן אין דער צייַט, — רופט זיך אָפּ אַ מענערשטים פון דער נאַרע, — נעכטן וואָלטן מיר אייַך תיכף געענטפערט...

— און הייַנט וואַרטן מיר אויפן טויט, — דערגיט אַ צווייטער.

— צו וואָס ? צו וואָס אַזוי ? — רייַסט איבער דאָס גערייד אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און בייז גענו־מען אַלעמען אָנקוקן.

זי זאָל אַפילו ניט געוווען זיך אַרייַנמישן, וואָלט דער שמועס סייַ ווי איבערגעריסן געוואָרן. אין דער תּפיסה־קאַמער איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ הויכער מאַגערער פּאַרשוין אין דער אוניפאָרעם פון די ליטווישע פּאָליצייען — אין אַ טונקל־בלויען שטייַפן מונדיר מיט צוויי רייען גאָלדענע קנעפּ און אַ האַרטן אויפגעשטעלטן קאָלנערל. אויף די עפּאָלעטן — עטלעכע בענדלעך. זייַן אויסגעצויגן פּנים מיט די טונקעלע זעקלעך אונטער די אויגן — בלווילעך אויסגעבלייכט. די קינבאַקן באַוועגן זיך אַן אויפהער, ווי זיי וואָלטן עפּעס געהאַלטן אין קנעטן און איבערקנעטן. צונויפּרוקנ־דיק די פלאַקסענע ברעמען, שפּאַרט ער אַרייַן מיט ציטעריקע פינגער אַ פּאַפּיראָס אין מויל, צינדט אים ווי ניט איז אָן, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ דין בלייַערל און אַ בלאָקנאָטל. גרייט אין אים עפּעס צו פאַרשרייַבן, צערעדט ער זיך :

— זאָל איטלעכער צוגיין צו מיר און מעלדן... זעט, דערוועגט זיך נאָר ניט צו זאָגן ליגן ! מעלדן זאָלט איר, וויפל מע האָט צוגע־נומען בייַ איטלעכער איינעם געלט, אין ליטן, רובלס אָדער אין אַן

אַנדערער וואַלוטע, נו, לאָמיר זאָגן, אין דאָלאַרן; וויפל האָט מען צוגענומען זייגערלעך און פון וועלכע פירמעס; וויפל רינגען — חתונה־רינגען אָדער מיט ווערטפולע שטיינער; וויפל בראַסלעטן און אוירינגלעך, פאַרשטייט זיך, גאָלדענע. מיט איין וואָרט, איר זאָלט אויסרעכענען אַלע ווערטזאַכן, וועלכע איר האָט געהאַט בײַ זיך פאַרן אַרײַנפאַלן צו דער חברה אין די הענט. אויך וויפל און וועלכע פערזענלעכע קליידערשטיק זענען אָפּגענומען געוואָרן בײַ אײַך זינט דעם מאָמענט פון פאַרהאַלטן און ביזן פאַרשפּאַרן אײַך דאָ. אויב איר וועט אַלץ גענוי, פּינקטלעך און אָרנטלעך אָנמעלדן, וועט עס זײַן פאַר אײַך צום גוטן. איר וועט קריגן וואַסער צו טרינקען און צום אָפּטרעט וועט מען אײַך איינציקווײַז אַרויספירן...

אויסגערייכערט עטלעכע פּאַפּיראָסן, און אַלץ שטייענדיק, אויס־געפּרעגט אַלעמען, פאַרשריבן די ענטפערס, טוט ער זיך אַ לאָז צום אַרויסגאַנג און באַמערקט דאָס קינדער־וועגל. באַטאַפּט עס, טוט אַ פיר אַהין־אַהער, גיט זיך אַ ריַע אינעם בעטגעוואַנט, ווי זוכנדיק עפּעס באַהאַלטנס, און פאַרשרײַבט ווידער עפּעס אין בלאָקנאָטל; טוט אַ קלאַפּ מיטן בלײַערל אינעם הענטל פון וועגל און וואַקלט אַרויס אַ פאַרטראַכטער.

די פאַרשפּאַרטע צעזעצן זיך שווײַגעוודיק לענגויס דער נאַרע, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבן צימער. שטיל און פּאַרכטיק נעמט זיך וועבן אַ געמורמל צווישן זיי:

— איך פאַרשטיי. איצט פאַרשטיי איך...

— וואָס פאַרשטייט איר?

— איך פאַרשטיי אויך, פאַר וואָס מע האָט אונדז נעכטן ניט צע...

— אַוודאי האָט מען געקאָנט פאַרענדיקן מיט אונדז די מחזקות נעכטן אָוונט.

— געוויס, אַוודאי. נאָך דעם, ווי מע האָט אונדז פאַרהאַלטן און באַראַבעוועט.

— קלאָר, זיי האָבן עס געקאָנט אָפּטאָן אינעם וועלדל, און קיין האָן וואָלט ניט געקרייט.

און ווי אונטערצײַענדיק אַ סך־הכּל פון אַלעמענס רייד, האָט דער אַדוואָקאַט אויסגעפירט:

— געקאָנט, נאָר ניט געוואָלט טאָן עס פּאָר עדות. דערמאָנט זיך, זיי האָבן, דראָענדיק מיט די רעוואָלווערן, אונדז באַפוילן אויס־צוזעצן זיך אויף דער לאַנקע לעבן וואַלד, ווו מע האָט אונדז פאַר־האַלטן, באַפוילן האַלטן די הענט אויפן קאָפּ און גענומען אונדז איינציקווײַז אונטערזוכן. ניט ווײַט דערבײַ האָבן צוויי פּויערים געקאָסיעט היי... צוויי עדות... און אפשר האָבן די פאַרהאַלטערס ניט געהאַט קיין רעכט צו באַשטימען, וואָס מיט אונדז צו טאָן? האָבן זיי אונדז געבראַכט אַהער צו. דעם נײַ אויסגעבאַקענעם פּאָ־ליציי־שעף, אַזוי צו זאָגן, האָט מען צוגעוואָרפן עטלעכע זייגערלעך, אַ קידושין־רינגעלע, עטלעכע געלט־באַנקנאָטן און די דאָקומענטן פון נײַן געכאַפּטע ייִדן... די ווערטפולערע זאַכן האָבן זיי געוויס איבערגעלאָזט פאַר זיך. איז דער פּאָליציי־שעף, ניט אָן אַ גרונט, חושד, אַז מע האָט אים מיאוס אָפּגענאַרט. האָט ער דערווײַלע געמאַכט אַ שווײַג און, ווי מע קאָן מישפּטן לויט זײַן אויסזען, געשיכּורט מיט דער חבריה אַ גאַנצע נאַכט. און הײַנט וועט ער מאַכן אַ טאָלק. זיי וועלן איצט איינער דעם אַנדערן, ווי מע זאָגט, אַרײַן אין די האָר...

— אונדז וועט עס זײַן לטובה? — פרעגט אַ יונגער־מאַן אויפשטייענדיק פון אָרט. אומגעדולדיק נעמט ער שפּאַנען איבער דער קאַמער.

„לטובה... מע וועט אָפּשיסן מיט עטלעכע שעה שפּעטער" — ענטפערט אים ווײַנרויט איין די געדאַנקען. נאָר עמעצער זאָגט באַלד אַרויס דאָס זעלבע אויפן קול:

— די גאַנצע טובה, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו באַגעגע־נען נאָך איין זונאויפגאַנג, מיר האָבן אויפגעגעסן נאָך עטלעכע ביסנס ברויט און פאַרטרונקען מיט אַ זופּ מילך.

די עלטערע פרוי, וואָס פאָלגט אָנגעשפּיצט נאָך דאָס גערייד, טוט אַ קרעכץ:

— ער, טובה, לטובה... אָט, שׂכל דאַרף מען האָבן! איך האָב געזאָגט — לויפן, באַהאַלטן זיך אין וואַלד...

אָפּווישנדיק אַ טרער, נעמט די יונגע מוטער זיך ווי פאַרענט־פערן:

— שולדיק זענען יענע אויגן. ווער וואָלט געגליייבט, אַז אַזוינע אויגן... אַז דאָס זענען אויגן פון אַ רוצח!

„ווי זעען אויס אויגן פון אַ רוצח? זענען עס ניט די זעלבע אויגן פון מענטשן?" — זוכט ווײַנרויט אַ תּשובה אויף דער פראַגע און זאָגט:

— באמת, זײַנע אויגן זענען געווען מאָדנע העלע, מאָדנע וואַרעמע. מיטלייד האָבן זיי אויסגעשטראַלט, מיטלייד צו אונדז...

— און איך בין געווען זיכער, אַז אַזוינע אויגן קאָנען ניט אַרויסגעבן. און האָבן אַרויסגעגעבן... — באַדויערט די יונגע מוטער.

— מע האָט טאַקע געדאַרפט לויפן, באַהאַלטן זיך. אונדז האָט ער כּלומרשט געגעבן אַן עצה ווי ניט אַרײַנצופאַלן צו די ייִדן־כאַפּערס, אָנגעוויזן ווו צו גיין, און אַליין אַוועקגעאײַלט נאָך די גזלנים. און צוזאַמען מיט זיי אָנגעקומען, שוין מיט אַ רעוואָלווער...

— ווי האָסטיק זיי האָבן עס אונדז אָנגעיאָגט, — באַמערקט מיט חידוש די עלטערע פרוי.

— אַ וווּנדער? אויף וועלאָסיפּעדן אָנגעקומען, — דערקלערט דער אַדוואָקאַט.

— און איך קאָן ניט פאַרגעסן די צוויי פויערים, וואָס האָבן זיך געעסקט מיטן היי, — מישט זיך אַרײַן דער יונגער־מאַן, וואָס האָט אַ פאַרמרהשחורהטער אַרומגעשפּאַנט איבער דער קאַמער.

— איך קאָן ניט! פאַרשטייט איר מיך? דאָ דערבײַ אויף דער לאָנקע קלײַבט מען זיך אומברענגען אומשולדיקע מענטשן, און זיי קאָסיען זיך ווײַטער דאָס היי... דאָ וואַרפן אָן די באַנדיטן אַ הויפן צוגעראַבעוועטע זאַכן, און דאַרטן שאַרן די שניטערס רויִק צונויף היי...

ווידער פאַרשטעלט עמעצער דעם פענצטער. עס רוקט זיך דורך אַ האַנט מיט אַ קענדל, און אַ פּרוויענשטים טוט אַ מורמל:

— נעמט צו, האַסטיק, גריץ פּאַרן קינד...

ווײַנרויט אײַלט זיך אַ כאַפּ צו טאָן דאָס קענדל און דער עיקר — כאַפּן אַ קוק אויף דער פרוי, אַרײַנקוקן איר אין די אויגן. אָבער יענע פאַרשווינדט.

„אַ גליק, וואָס די וואַכלײַט שטעקן נאָר אַלץ אינעם פאָדער־צימער. זויפן אַוודאי, צי שפּילן אין קאָרטן. און די אַלטע זאָגט, אַז מע דאַרף האָבן שׂכל. צום שׂכל אַ ביסעלע גליק, מזל, הייסט עס, שאַדט קיין מאָל ניט, — פּירט אויס אין די געדאַנקען ווײַנרויט. — אָט, קיין עסן טראַכט מען אונדז ניט צו געבן, אַפילו ניט דעם לעצטן מאָלצײַט וואָס קומט אַ צום טויט פאַרמישפּטן... און דאָ — די פרוי דורכן אויסגעזעצטן שײַבל אין פענצטער... שׂכל? מזל? צופאַל?"

— הערט אויס, — רודערט זיך פּלוצעם אויף דער אַדוואָקאַט, — מע טאָר ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מע מוז צונויפשטעלן אַ דעקלאַראַציע, אָנשרײַבן אַ פּעטיציע אַזאַ... מיר דאַרפן פאָדערן עסן, פאָדערן, מ'זאָל אונדז אויסהערן, מ'זאָל די זאַך אויפקלערן, וואָס איז עס פאַר אַ ווילקיר!

— דאָס איז נאַציזם, — טוט אַ זאָג ווײַנרויט, פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל און בלײַבט דאָרטן שווײַגנדיק זיצן.

— איך ווייס, איר זענט עפּעס אַנדערש, — קאָן דער אַדוואָקאַט זיך מער ניט באַהערשן. זײַנע אויפגערעגטע רייד ווענדט ער איצט בלויז צו ווײַנרויטן: — איר האָט געשריבן קעגן זיי. אַלע ווייסן עס. וואָס איז אָבער שולדיק דאָס קינד אין וויגל? און וואָס איז שולדיק מײַן פרוי, מײַן זון? מיט פּאָליטיק האָבן מיר זיך קיין מאָל ניט פאַרנומען.

— און אונדזער ראַסע? און פון היטלערן זענען מיר געלאָ־פן... אָבער ניט באַוויזן... — באַמערקט עמעצער גאַליק.

דעם שטרײַט וואָס האַלט אין פונאַנדערפלאַקערן זיך, רײַסן איבער קולות און גוואַלדן אין דרויסן, אַ גערויש אינעם פאָדער־צימער. ס'פּראַלט אויף די טיר. אין תּפיסה־קאַמער ווערט אַרײַנ־געשלײַדערט אַ מאַנצביל. ער שרײַט, טענהט זיך אויס אויף ליטוויש:

— און איר רופט זיך מענטשן! איר רופט זיך ליטווינער! ווייל איך קיין מענטש ניט זײַן און ניט קיין ליטווינער! איר הערט, אויסוווּרפן!

דער מאַנצביל איז שטאַרק צעממיתט: אַן אַרבל, אַ לאַץ פונעם רעקל באַמבלען זיך אָפּגעריסענע. זײַנע העלע האָר — צעפּודלט און פאַרבלוטיקט. פון אַ ווונד אין קאָפּ רינט בלוט איבערן פּנים. ער בלײַבט ליגן אויפן דיל. קאָן, משמעות, ניט אויפשטיין.

לאַנג האַלט אַן אין דער קאַמער אַ שווערע, אָטעם-פאַרכאַפּנדיקע שטילקייט. די פאַרשפאַרטע לאָזן ניט אַראָפּ זייערע צעשראָקענע בליקן פונעם נײַעם אַרעסטאַנט. יענער קאָן, משמעות, לאַנג ניט שווײַגן. ער הייבט אויף דעם קאָפּ און שיפּעט הייזעריקלעך:

— אויסוווּרפן! בלוטיקע הינט! נעכטן האָבן זיי אויפן מאַרקפּלאַץ צעשאָסן אפשר אַ האַלב שטעטל: די ייִדישע מאַנצבילן און ייִנגלעך — אַלע אַן אויסנעם. און הײַנט קלײַבן זיי שוין נײַע קרבנות... אַפילו אַ קינד... נאָר מער וועט עס ניט געשען! אַפילו די מוטער פונעם נײַעם פּאָליציי-אָנפירער קערט וועלטן, שרײַט, אַז ניט קיין זון, אַ שלאַנג איז אַרויס פון איר טראַכט, און יעזוס וועט שטראָפן... און דאָס יונג ווײַבל פונעם פּאָליציי-אָנפירער זאָגט, אַז זי וועט אים קיין קינדער ניט געבערן...

דער אַדוואָקאַט רוימט אײַן ווײַנרויטן אין אויער:

— היט זיך! אָט דער אָ טיפּ... אַן אַלט פּאָלצייִיש שפּיצל: אַרײַנוואַרפן צו אַרעסטירטע זייערן אַ מענטש...

„אַ מענטש! וואָס פאַר אַ באַשעפעניש איז דער מענטש? — שטעלט זיך ווײַנרויט די פראַגע. — פאַר פילאָסאָפן — אַ ברייט פעלד פון מחשבה און מסקנות. און פאַר זשורנאַליסטן וואָס פאַרנעמען זיך מיט וועלט-פּאָליטישע פּראָגעס, ווי איך, למשל?"

אין דרויסן איז שוין לאַנג אַרײַן אין זײַנע רעכט אַ הייסער זוניקער טאָג, נאָר די פאַרשפאַרטע אינעם אַרעסט-שטיבל פיבערט עס פון קעלט. זייערע אויגן קלעפּן זיך, און דער הונגער, דער הונגער... ס'איז זיי ניט ליב די זון, די וועלט וואָס איז אײַנגעטונקען אין שײַן, ווי אין צעשמאָלצענעם בורשטין.

אין דער שווער דריקנדיקער שטילקייט פאַלט אומגעריכט אַרײַן עמעצנס אַ פראַגע אויף ליטוויש, געווענדט צום נײַעם אַרעסטאַנט:

— ווען, זאָגט איר, האָט מען צעשאָסן די מענטשן — פון אָוונט צי אין דער פרי?

— פרי באַגינען, — ענטפערט ער תּיכּף.

מיט בּלערליי צייכנס, אויף שטום־לשון וואָרנט אַלעמען דער אַדוואָקאַט זיך ניט אַרײַנצולאָזן מיטן אומבאַקאַנטן אין דיבו־רים. אַליין מאָסטעט ער זיך אײַן לעבן זײַן פרוי און יינגל, ווי װעלנדיק מיט איין האַק איבעררײַסן מיטן אַרום און זיך מער קיין מאָל ניט שיידן פון זײַנע אייגענע. צי קאָן ער אָבער בלײַבן גלײַכ־גילטיק, בעת ער הערט זאָבן, אין וועלכע קיין נאָרמאַלער בר־דעת קאָן ניט גלייבן? האַלט ער זיך ניט אײַן און טוט אַ זאָג צום פרעמדן:

— הערט אויס, מײַן הער, גענוג צו שרעקן מענטשן.

— ווער שרעקט? — שפּאַרט זיך אָן אין די עלנבויגנס דער ליטווינער, אַ באַליידיקטער, למאַי מע האָט צו אים ניט קיין צוטרוי.

— איך זאָג נאָר דעם אמת. נעכטן האָט מען געשאָסן אין דער פרי, הײַנט קאָן מען שיסן פון אָוונט.

קיינער פרעגט שוין מער קיין זאַך ניט. מע שווײַגט. די איינע זיצן, אַנדערע ליגן אויסגעצויגן אויף דער נאַרע און שווײַגן.

די יונגע מוטער און איר מאַן זיצן איצט בײַנאַנד, אַנגעלענט אינעם קינדער־וועגל.

דער אַדוואָקאַט טוליעט זיך נאָך מער צו זײַן פרוי און זון.

בלויז ווײַנרויט איז עלנט, אָן קיינעם. און דווקא דערפון איז ער צופרידן. ס׳וועט בלײַבן זײַנס אַ אָפּשפּראָץ: זײַן פרוי און טעכטערל זענען געוויס אויסער דער סכּנה...

אַוועק באַלד דער טאָג, און זיי האָט מען ניט צעשאָסן. ס׳פּויזעט אָן דער פאַרנאַכט און פאַרקוועטשט אַלעמען אין אַ וואָרגנדיק שווײַגן, וואָס פאַרנעפּלט די וועלט, פאַרטעמפּט די חושים, שלע־פערט אײַן...

„ניט שלאָפן!" — רײַסט ווײַנרויט פונאַנדער די נעפּל־פּענטעס.

— „די לעצטע שעהען פון לעבן טאָר מען ניט פאַרתּכלעווען אויף שלאָף! בעסער זיך גריבלען אינעם קנויל מחשבות וועגן דער קאָמפּליצירטער דענקנדיקער בריאה — דעם מענטש! הוילע ווי־דעראַנאַנדן און טעמפּע ווינקלען, אַזאַ לאַבירינט... און ניין, ניין! ניט די אויגן שפּיגלען אָפּ דעם תּוך פונעם בן־אָדם און ניט אויפן מזל זאָל מען זיך פאַרלאָזן. שׂכל..."

ווײַנרויט דערפילט אין מויל דעם טעם־גן־עדן פונעם לעצטן ביסן ברויט, און ס'ווערט אַזוי באַנג... ווער איז עס די פרוי וואָס האָט דאָס ברויט געבראַכט, וואָס האָט זיך דערוועגט? און ווער איז עס דער אויסטערלישער, אויפגעשרויפט־שרײַענדיקער נײַער אַרעס־טאַנט? צי דען טאַקע אונטערגעשיקט? ניין, מע טאָר ניט פאַרשלאָפן די לעצטע רגעס פון דער שפּאַנענדיקער דראַמע...

שטייט ער אויף און הייבט אָן אַרומשפּאַנען איבער דער קאַמער. מחשבות, קשיות קומען אויף, בײַטן זיך, צווינגען עפּעס צו דערגיין. אינעווייניק אין אים נעמט פּלוצעם וואָרקען, ברומען — עס צעטענהט זיך דער בעל־זמר אין אים, וואָס פאַרציט מיט רוגזה־דיק־האַרטנעקיקן דבקות דעם ניגון פון זײַן באַליבט, מיט פאַר־הוילענער מחשבה און רמזים אָנגעלאָדן פאָלקסליד: „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא: טראַ־לאַ־טראַ־די־רי־די־רי־די־ראָם?"

און ס'פאַרשווינדן די מאָסן פון אָרט און צײַט.

דער לאַנג אויסגעצויגענער זוניקער טאָג גייט סוף־כּל־סוף אויס, ווי אַ הויכע יאָרצײַט־ליכט. די רעשט פון איר ברענענדיקן קנויט צינדט אָן דעם הימל אין מערב... די מענטשן וואָס וואַרטן אויפן טויט, דערמאָנען זיך: נעכטן, פּונקט אין אָט דער צײַט האָט מען זיי געכאַפּט, פאַרהאַלטן... נאָך דעם ווי די האַנקרייץ־טאַנקען האָבן זיי איבערגעיאָגט, איז געוואָרן אַ צעמישעניש אינעם פּליטים־שטראָם. אַפּגעריסן האָט זיך זייער צופעליקע גרופּע מענטשן און זיך אויסגעבאַהאַלטן אין די וועלדער; געבלאָנדזשעט אויף זײַטיקע וועגן און שטעגן. ניט אומעטום געפונען אײַנזעעניש. פּויערים האָבן די אַרומוואָגלענדיקע ייִדן אַרויסגעטריבן פון זייערע דערפער.

אַנדערש ווי האָט מען זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, ווען זיי האָבן איבערגענעכטיקט אין שײַערן אויפֿן היי און בײַ נאַכט אַפֿילו געבראַכט זיי אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפֿל, ברויט און מילך, און באַגינען געוויזן דעם וועג, ווי אויסצומײַדן, ווי זיך ניט אָנצושטויסן אין אָרטי־קע נאַצי־משרתים, וואָס לאָקערן אויף יידן. נאָר נעכטן זיך פֿאָרט אָנגעשטויסן...

באַלד ווערט אַ מעת־לעת, ווי מע האַלט זיי פֿאַרשפּאַרט. דער חושך וואָס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט, וועט מסתמא אָפּמעקן דעם קיום זייערן. די אויסגעהונגערטע, פֿון דער זומערדיקער חמימה אויסגענאָגטע מענטשן דרינגט אַדורך אַ ווייטיק, שאַרף און ברע־נענדיק: בײַ נאַכט וועט מען זיי... בײַ נאַכט...

אָבער נאָך איידער די נאַכט פֿאַלט צו, פֿראַלט אויף די קאַמער־טיר מיט אַ ירגזון. דער הויכוווקסיקער ראָש פֿון דער שטעטלשער פּאָליציי איז ווידער דאָ. אַ שיכּורער, קוים וואָס ער שטייט אויף די פֿיס. ער פּאַכעט מיט אַ פּעקל פּעסער און דאָקומענטן, פּאַכעט און זאָגט אומגעדולדיק־בייז:

— צו אַל די רוחות און שוואַרצע יאָר! וואָס שלעפּט איר זיך אַרום, זשידעס, איבער זײַטיקע וועגן? וואָס האָט אײַך אָנגעטראָגן אַהער? וואָס האָבן דאָ צו זוכן שטאָטלײַט?

— פֿון באָמבעס, גנעדיקער הער, פֿון באָמבעס זענען מיר געלאָפֿן, פֿון באָמבאַרדירונגען, — דערקלערט הכנעהדיק די עלטערע פֿרוי.

— כאַ, כאַ, פֿון באָמבעס! דער פֿראָנט איז העט־ווײַט, דער קריג ענדיקט זיך, און זיי — לויפֿן, באַהאַלטן זיך, — צערעדט זיך דער פּאָליציי־אָנפֿירער. — מאָרגן באָמבאַרדירן מאָסקווע צען טויזנט דײַטשישע עראָפּלאַנען אויף איין מאָל, און געענדיקט מיטן קריג. מיט איין קלאַפּ! און מיר, דער טײַוול זאָל אײַך נעמען, האָט איר אָנגעקאָכט די ריכטיקע קאַשע. אַ ריכטיקער אומגליק! און אַלץ צוליב אײַערע זאַכן. מ׳קאָן צו קיין טאָלק ניט קומען... דערצו מײַנע ווײַבער האַלטן אין איין זעגן מיר, ס׳הייסט, מאָלן מיט די צינגער און שילטן און דראָען...

דער אַרײַנגעקערטער אין זײַן האַלדז ביטערער טראָפּן בינדט אים פונאַנדער די צונג, און ער ברײַעט װײַטער, צוזעצנדיק זיך אויפן ראַנד פון דער נאַרע:

— כאַ, כאַ, ס׳געפעלט זיי ניט, די װײַבער מײַנע, װי סע גייט איצט צו בײַ אונדז. װי מיר מאַכן אַ טאָלק מיט די ייִדעלעך... האָבן זיי מיר, די װײַבער מײַנע, אין שטוב אַ גיהנום געמאַכט. מײַן װײַבל זאָגט, אַז זי װעט מיט מיר ניט לעבן. מילא, װעט מען אָפּטער דאַרפן גיין צו פרעמדע מוידן. נאָר איצט װעלן זיי זיך שוין באַרויִקן, מײַנע װײַבער. אָט האָט איר אײַערע דאָקומענטן. איך האָב זיי געקאָנטראָ־לירט. אין זיי איז ניט פאַרשריבן, עמעצער פון אײַך זאָל זײַן אַ קאָמוניסט. נעמט, צעטיילט זיך די דאָקומענטן, נאָר האָט קיין טעות ניט. און אַז ס׳װעט אין גאַנצן פינצטער װערן, ציט אָפּ פון דאַנען אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט באַמערקן. מײַנע װאַכלײַט װעלן אײַך אַרויסלאָזן, קוים האָט איר אײַערע דאָקומענטן. און טראָגט זיך אָפּ, עס זאָל פון אײַך קיין דוך ניט בלײַבן, און שוין. שרעקט זיך ניט, איך טו אַלץ לויטן געזעץ. איינצלנע מעג איך צעקנאַלן, אָבער אַזאַ כאַליאַסטרע, אַ גרופּע, הייסט עס, איז שוין די זאַך פון דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפט. זי דאַרף באַפעלן. און זי באַװײַזט זיך ניט. פאַרשטייט איר, נעבכטן האָבן מיר זיך דאָ אָפּגערייניקט, אײַלט זי זיך ניט צו קומען. פאַראַן אַ סך אַרבעט אַנדערש װוּ. איר, ייִדע־לער, זענט דאָך אומעטום אָנגעװאַקסן, װי די װילדשװאָמען. כ׳האָב, װי איר זעט, געװאַרט אַ גאַנצן מעת־לעת. האָב איך רעכט אײַך צו שיקן צו אַלע רוחות. איז דאָס מאָל שוין אײַער הינטיש גליק און אויך מײַן גליק. מײַנע װײַבער װעלן פאַרשטומט װערן...

עס שעפּט זיך ענדלעך אויס בײַ אים דער װערטערקװאַל. װאַקלט ער צו צו דער טיר, עפנט זי און הויך אויפן קול באַפעלט ער די װאַכלײַט, זיי זאָלן אַרויסבאַגלייטן די אַרעסטאַנטן ביז הינטערן שטעטל, בעת ס׳װעט אין גאַנצן פינצטער װערן. ער באַפעלט אויך ברענגען פריש װאַסער צו טרינקען, אַ ביסל ברויט, אויב ס׳װעט זיך אײַנגעפינען. אויך זאָל מען באַזאָרגן פאַר די מענער רעקלעך אָדער װעלכע ניט איז אַנדערע אָפּגעניצטע מלבושים. אויב ניט,

ווי וועלן זיי אויסזען, די מענער, אין הוילע אונטערהעמדער. די פרויען איז עס ניט נוגע — זיי האָט מען געהאַט איבערגעלאָזט די קליידלעך...

— אַ פּאַסטקע, אַן אמתע פּאַסטקע! — צאַפּלט אויף דער אַדוואָקאַט, ווען די טיר פאַרקלאַפּט זיך הינטערן באַרעדעוודיקן שׂררה. — געזען די רויטע פּלאַקאַטן? אין זיי ווערט פאַרווערט יעטווידע באַוועגונג אויף די וועגן פון זון־אונטערגאַנג ביז זונאויפ־גאַנג, און ער לאָזט אונדז אַרויס. שפּילט פאַר זײַנע ווײַבער דעם נאָבעלן מאַן, אָבער פאַר די וואָס בעל־הבתעווען אויף די וועגן, קאָן ער דאָך ניט גאַראַנטירן... איך, איך וועל אײַך דערקלערן, פאַר וואָס ער האָט אונדז אָפּגעגעבן די דאָקומענטן. ווען מע וועט אונדז צעשיסן ערגעץ ווו אונטערוועגנס, וועט ניט בלײַבן קיין סימן, אַז מע האָט אונדז פריִער געהאַט געכאַפּט, געהאַלטן אין אַרעסט. וועט ער ניט דאַרפן די פײַנע לײַט פון דער שיסער־קאָמאַנדע געבן אַ חלק פונעם רויב... אָט פאַר וואָס ער לאָזט אונדז פרײַ. אַלץ איז קלאָר. קלאָר ווי דער טאָג.

— טאָ וואָס לייגט איר פאָר? — פרעגט עמעצער ציטעריק.

— וואָס זאָל מען טאָן?

נאָר דאָ קומט ווידער אַרײַן דער שׂררה און וואָרנט:

— דאָס קינדער־וועגעלע זאָלט איר איבערלאָזן. מיר וועלן עס באַדאַרפן.

געזאָגט עס און טראָגט זיך אָפּ.

אַלע אין דער קאַמער זענען אויף די פיס. די שפּאַנונג האָט זיי אויפגעהויבן. אַלע קוקן זיך אָן, פרעגנדיק אָן ווערטער: „וואָס טוט מען? אַרויסגיין?"

דערהערט זיך דאָס קול פון אַ בחורל, וואָס האָט די גאַנצע צײַט זיך געהאַלטן אין אַ זײַט פון דער קאָמפּאַניע און אירע וויכּוחים:

— אַרויסגיין! אַרויסרײַסן זיך פון דאַנען!

ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען יִידיש, כאַפּט אים אונטער דער צוגעקומענער אַרעסטאַנט אויף זײַן מאַמע־לשון, ליטוויש:

— מע מוז אַרויס פון דאַנען! ניטאָ וואָס צו פאַרלירן. מיך האָבן די שיכורע הינט, קענטיק, פאַרגעסן. כ׳ל פרוּוון מיט אײַך, אָן מײַנע דאָקומענטן... מע מוז אַרויס!..

דאָס בחורל וואָס האָט פריִער דעם זעלבן געדאַנק אַרויסגעבראַכט, איז זיך מיט אים מתיחד און ביידע רעדן לאַנג צווישן זיך אין דער שטיל.

די נאַכט — אַ מילדע, אַ צערטלענדיקע, און די וועלט, ווי זי וואָלט ניט וועלן פרייען זיך מיט איר, איז פאַרקראַמפּט אין אַ פאַרצרהט שווײַגן. די אַרויסגעלאָזטע פונעם אַרעסט־שטיבל שלעפּן זיך אין אומאָרדענונג איבער דער אויסגעשטאַרבענער, אין אָנהייב נאַכט אײַנגעקוטעטער שטעטלשער גאַס. איצט זענען זיי צען דער־וואַקסענע און איין עופל בײַם פאָטער אויף די הענט. ס׳באַגלייטן זיי צוויי באַוואָפנטע וואַכלײַט. לאַנג וועלן זיי באַגלייטן? בײַם סוף שטעטל נעמען זיי אָפּשטיין און פאַרשווינדן.

אויס יישוב. ניטאָ קיין פּלויט, קיין שטיבל. און אָט איז גאָר אַ וואַלד. חושכפולע, אימהפולעביימערוועגט פון לינקס, פון רעכטס. אויבן — אַ פּאַס טינט־בלויער הימל, באַשפּרענקלט מיט שטערן. נאָך די אַלע וואַגלענישן און איבערלעבונגען שטעלן די מענטשן קוים אַ טראָט, שלעפּן זיך שווער, באַוועגן זיך פאַרויס. וווהין? וואָס דערוואַרט זיי?

און, באמת, מע וואַרט, ווײַזט אויס, אויף זיי. אין דער ווײַט — עטלעכע פּעך־שוואַרצע סילועטן. ביקסן שטאַרצן איבער זייערע אַקסלען.

— אַהאַ, האָב איך ניט געזאָגט! — רײַסט זיך אַרויס בײַם אַדוואָקאַט.

— באַהערשט זיך! — וואָרנט אים עמעצער.

אַלע בלײַבן שטיין אָפּהענטיקע, פאַרלוירענע. דערהערט זיך ווידער דאָס העלע קול פונעם בחורל, נאָר איצט מיט אַ נאָטע פון באַפעלערישקייט:

— ניט פאַרלירן זיך! הערט אויס: כ׳האָב אָפּגעמאַכט מיטן

ליטווינער. מ׳קאָן אים געטרויען. ביי אים האָט מען געפונען אויס־געבאַהאַלטענע ייִדן. וויל מען אים עפנטלעך שיסן צי גאָר הענגען, איינצושרעקן אַלעמען. טאָ הערט: שאַ־שטיל, אָן אַ פּיפּס צו טאָן, רוקן מיר זיך איינער הינטערן אַנדערן. דערנאָך — אין וואַלד אַריין. שרעקט זיך ניט. אין וואַלד וועלן יענע ניט קריכן. מיר באַהאַלטן זיך ביז זונאויפגאַנג. טאָמער צעשיטן מיר זיך, וועט דער ליטווינער אויסרופן אַ צעצויגענעם „או־או", ווי געוויינטלעך מע רופט זיך איבער אין אַ וואַלד. דערנאָך וועט ער צופּייפן — אַ צייכן, אַז ער איז עס. מיר קלייבן זיך צונויף. דער ליטווינער קען די געגנט, ווייסט אַ זייטיקן, אַ זיכערערן וועג...

און אַז זיי צעציִען זיך אין אַ שורה און טוען זיך מיט איין מאָל אַ ווענד אין וואַלד אַריין, נעמט אַ שיסערייַ זיי פֿאַרפֿאָלגן. קנאַלט, זוכט אין דער וואַלד־חשכות, פֿאַרלירט זיך אין איר, ביז זי גייט אויס צו ביסלעך.

ביי נאַכט קאָן מען געפינען אין וואַלד אַ מקום־מיקלט. טאַקע אָן אימהדיקן, אומגעמיטלעכן אָבער זיכערן.

קורץ זענען די זומערנעכט. די זלידנע באַגינען־קרירה נעמט צופּן, וועקן די מענטשן פונעם אויסלייזנדיקן שלאָף, אין וועלכן זיי זענען געווען אַראָפּגעזונקען ווי אין אַ קאַלטן, באַשיצנדיקן ברונעם.

וויינרויט געפינט זיך לעבן דעם פֿאַרפֿאָלק מיטן קינד. דאָס עופֿל האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. איצט נעמט עס וויינען. אפשר איז דעם קאַלט? און אפשר איז עס הונגעריק, דאָרשטיק? די רעשט מילך אין פֿלאַש איז אַוודאי זויער געוואָרן. פון דעסטוועגן שטילט עס איין דעם קליינעם, ניט איבערקלייבעריש געוואָרענעם וועלט־בירגער.

פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך זויגט איין דער וואַלד די מילכיק־גרויע פֿאַרטאָג־נעפּלען און שיילט זיך אַלץ מער אויס פונעם טונקלעניש. צי וועט די אָנקוועלנדיקע טאָגשיין צעוואַרעמען פֿאַרגליווערטע אברים, אָפּטייען פֿאַרפֿראָרענע הערצער? ביז וואָס־ווען טשוכען זיך אויס די אויגן. נעמען טשאַטעווען אויפן אַרום, זוכן די אַחים־לצרה. וויינרויטס בליק פֿאַרהאַלט זיך אויפן טאַטן מיטן קינד. גרין

איז דאָס פּנים פונעם טאַטן, באַוואַקסן מיט שוואַרצע יאַדלע־נעגעלער. אויף זײַנע פּלייצעס הענגט אַ שרעקלעך אָפּגעטראָגן רעקל, איינס פון די, וואָס מע האָט נעכטן אָוונט צוגעוואָרפן זיי פאַרן אַרויסלאָזן פון תּפיסה. אונטער די פּאָלעס פונעם רעקל האַלט ער דאָס קינד, עס זאָל דעם וואַרעמער זײַן און זײַנע קולות דעמפּן. ווי לאַנג קאָן מען אַזוי? מע וועט מוזן זיך רירן פון אָרט. מע מעג שוין. די זון גייט אויף, דערלויבן דײַטשן זיך באַוועגן אויף גאָטס ערד. ווער מעג? און ווער קאָן? ווײַנרויטן קומט אָן מיט יסורים יעדער טראָט — יעדער קלאַפּ אינעם טויער פון נײַעם טאָג. די אָפּגעריסענע זויל שטערט גיין, און דאָס טשוועקל מיט וועלכן ער האָט זי געהאַט צוגעפעסטיקט, האָט ער דאָך אַרויסגעוואָרפן. ער קלײַבט זיך קוים אַרויף אויף אַ דערבײַיִקן בערגל. פון דאַנען וועט ער מסתּמא דערזען די אַנדערע אויסגעבאַהאַלטענע, ווי זיי קומען אַרויס פון זייערע פאַרשטעקן. פון דאַנען וועט ער אויסקוקן יענעם, וואָס האָט צוגעזאָגט אַרויספירן זיי אַלע אויף אַ זיכערערן וועג. וועט ער קומען? וועט זיך באַווײַזן דער, אויף וועמען מע וועט קאָנען זאָגן: „דאָס איז אַ מענטש?" און אַז מע וועט שוין מיט מזל זיך אַרויסבאַקומען פון דאַנען, וווּהין וועט מען גיין? דער אַדוואָקאַט און מסתּמא אויך די אַנדערע — זיי מיינען אַוודאי צו האָבן אַן אויסוועג: זיך דערקלײַבן צו זייערע פריִערדיקע היימען. ער, ווײַנרויט, טאָר זיך אויף זײַן פריִערדיקער שוועל ניט באַווײַזן. ער האָט דאָך פאַרט ניט ווייניק געשריבן קעגן היטלערן... און ייִדן וואָס האָבן ניט געשריבן? וואָס זיי דערוואַרט אין זייערע היימערטער, האָט מען שוין געזען אונטער וועגנס. די צעבושעוועטע ייִדן־שינאה, בלוטדאָרשט, רויבלוסט... גוואַלד, וויפל מוראדיקע רישעות שפּײַט דאָס לעבן אַרויס אויפן שוים פון אויפברויז־כוואַליעס! און רבונו־של־עולם, וואָסערע באַשעפענישן באַוועלטיקן עס דײַן וועלטל?

וועלט־פּאָליטישע ענינים זענען אים ביז איצט אָנגעגאַנגען, דעם זשורנאַליסט נחום ווײַנרויט. אַ באַנומענער פון נײַע באַדרענגענישן, ספקות, ווייטוענדיקע פאַרגעפילן, גליווערט ער צווישן ביימער אויף אַ בערגל, קוקט אויס אַז דער נײַער טאָג וואָס שיילט

זיך אויס אין מיזרח, זאָל דערפרייען געדרודפּטע מענטשן, זאָל זיי איבערצײַגן : פֿאַראַן מענטשן אויף דער וועלט ! איינער פון זיי איז איצט גרייט לטובת ייִדן צו ריזיקירן מיט זײַן לעבן...

ער האָט געלערנט לאַטײַן, ווײַנרויט, און ווייסט, אַז שוין די אַלטע רוימער האָבן זיך געפרעגט : Quid est homo ? — וואָס איז ער, דער מענטש ? און באַלד געענטפערט : Nihil et omnia ! — גאָרנישט און אַלץ !.. טאָ, וואָס, וואָס שטעקט פאָרט אין דער קרוין פונעם באַשאַף, אינעם מענטש — אַ מלאך צי אַ טײַוול ?

און ווידער, ווידער... פאַר כּעס נעמט ווײַנרויט זיך באַוועגן הין און הער. דער קאָפּ איז דול. די נערוון — איין קנויל אָנגעשפּאַנ־טע דראָטן. און ניט ער נעמט עס ברומען די אומפאַרענטפערטע שאלה : „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא — טראַ־די־רי־די...״

וואָס פאַר אַ קשיא די וועלט פרעגט איצט, ווייסט ער, נחום ווײַנרויט. פאַרמאָגט זי אַ תּשובה, די וועלט, אויף דער קשיא : „וואָס איז ער, דער מענטש ?״ — טאָקע גאָרנישט ? טאָקע אַלץ ?

## פּראַכטפולער פּאַרברעך

אַ סלופּ, פינף טריט און ווידער אַ סלופּ... דער שאַרפירער פון עס־עס פראַנץ מילער ציילט אָפּ פינף קנאַקעדיקע טריט און ווײַזט אָן דאָס אָרט פאַר אַ נײַעם סלופּ. נאָך פינף טריט און ווידער אַ סלופּ... לענג־אויס דעם ענגן, גרויען פאַרשטאַטגעסל שטעלן זיך אויס, אײַנגע־גראָבענע אינעם ברוק, אָפּגעטעסעטע, מיט טערפּקען סמאָלע־ריח שמעקעדיקע סאָסנאָווע סלופּעס.

האָריזאָנטאַלע און ווערטיקאַלע שטעכלדראָטן — אַ דראָטגע־וועב באַדעקט די סלופּעס. אַלץ ווערט געמאַכט שטרענג גענוי לויט דער „אינסטרוקציע צו איזאָלירן ראַסיש־מינדערווערטיקע וועזנס”. די דאָזיקע אינסטרוקציע האָט פראַנץ מילער גוט אויסגעשטודירט, נאָר אויף יעדן פאַל טראָגט ער זי שטענדיק אין קעשענע. ס׳קאָן דאָך געשען, אַז מע מוז עפּעס פאַרפינקטלעכן...

די שטעכלדראָט־נעץ גאַרטלט אַרום אַ שטח מיט גרויע הילצער־נע הײַזקעס און זונדערט זיי אָפּ פון דער אַרומיקער וועלט, ווי מיט אַ דורכזעיִקער תּפיסה־וואַנט. אָנווײַזנדיק די ערטער פאַר נײַע סלו־פּעס, וואָלט פראַנץ מילער געקאָנט אָוועקשפּרײַזן ווער ווייסט ווי ווײַט, ווען ס׳וואָלטן אים באַוויזן נאָכגיין די, וואָס שטעלן אויף די שטײַג, אין וועלכער מע וועט אײַנפּאַקן ס׳גאַנצע יידן־געזינדל פון שטאָט.

און די זון פונעם לויטערן הימל אַראָפּ באַקט אָן מיטלייד. וואָלט כאָטש אַ ווינטל געטאָן אַ בלאָז! דעם שאַרפירער דאַכט זיך, אַז די אָרטיקע זון ברענט אומישנע אַזוי און וועט אויסנאָגן דעם זאַפט פון זײַנע ביינער. אים איז הייס, שטיקיק־הייס. ער שוויצט. עס דאַרשט אים. אין האַלדז איז איבערגעטריקנט. נאָר פראַנץ, אָנגעטאָן אין דער שטײַפער שוואַרצער עס־עס־אוניפאָרעם, דערצו

נאָך מיט אַ רימען, שטאַרק צונויפגעצויגן אַרום די היפטן, טרעט, אויף קיין רגע ניט אָפּ פון זײַן פּאָסטן. סאַראַ גליק ס'איז צו לײַדן פאַרן פירער, אַדאָלף היטלער, וואָס גאָט האָט אַראָפּגעשיקט דעם דײַטשישן פאָטערלאַנד; פאַרן פירער, וואָס איז זיך מקריב דעם ריינראַסישן דײַטשישן הערנפאָלק: פירט ניט קיין פאַמיליע־לעבן, האַלט זיך אָפּ פון האָבן צו טאָן מיט פרויען, טרינקט ניט קיין אַלקאָהאָל־געטראַנקען און עסט וועגעטאַריש. ווי דאַרף מען זײַן גליקלעך צו קאָנען אויספירן באַפעלן פון אַזאַ אייבערמענטש־טיטאַן, און ביז צום לעצטן אָטעמצוג זײַן געטרײַ אים און דער הייליקער האַקנקרייץ־פאָן. ער, פראַנץ, וועט זײַן געטרײַ און איבער־געגעבן!

דער שאַרפירער פראַנץ מילער איז אַ בראַווער יונג, קוים צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט. ער איז וווקסיק, שטאַלטנע, בלאָנד, בלוי־אויגיק, מיט אַ קליינער שמאָלער נאָז, וואָס אָן דעם מינדסטן אויס־בייג לאָזט זי זיך אַראָפּ פון שטערן. ער שטאָלצירט מיט זײַן אויסזען, גרייסט זיך מיט זײַנע אַבסאָלוט קלאָרע אַרישע מערקצייכנס. אַ שפּאָטיש געלעכטערל טוט אַ קרים זײַנע ליפּן, ווען ער דערמאָנט זיך אין די צוויי מלאכימלעך פון ראַפאַעלס „סיקסטינער" מאַדאָנע. אַ פאַרביקע רעפּראָדוקציע פון די מלאכימלעך איז געהאָנגען איבער זײַן קינדערש בעטל. די מאַמע, אַ גליקלעך־לויכטנדיקע, פלעגט זאָגן, אַז איר קליינער פראַנץ, ס'הייסט, דער איצטיקער שאַרפירער, איז ענלעך אויף איינעם פון זיי. זי האָט בלויז ניט געקאָנט געניו אָנ־ווײַזן, אויף וועלכן, ווײַלביידע זענען ענלעך געווען איינס אויפן צווייטן — ביידע בלאָנדהאָריקע, העלפנימדיקע, בלויאויגיקע, טרוי־מעריש־פאַרקוקטע אויפן הימל.

נאָך הײַנט פּאַסירט, אַז די מוטער באַגײַסטערט זיך פון דער דאָזיקער ענלעכקייט, ניט געקוקט דערויף וואָס דאָס דערצאָרנט אים. און טאַקע, ווי זאָל ער עס פאַרלײַדן? דער פירער האָט דאָך דערקלערט, און ניט איין מאָל דערקלערט, אַז ער וויל אויסהאָדעווען אַ שטאַרקע, האַרטנעקיקע, אַכזריותדיקע יוגנט מיט אויגן פון רויב־חיות. און דאָ — גאָר ענלעך צו אַ מלאך... יענע פאַרביקע רעפּראָ־

דוקציע האָט פראַנץ שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן צו אַל די שוואַרצע יאָר, אָבער די מלאכישע מילדקייט פון זײַנע אויגן... צי דען וועט עס אים בלײַבן אויפן גאַנצן לעבן? נאָך אַ גליק, וואָס ער האָט אַ טיפן שראַם אויפן שטערן — אַ צייכן פון אַ צוזאַמענשטויס מיט יודאָ־באָלשעוויסטישע אונטערמענטשן. אַן אָנגעהעריקער צו דער „היטלער־יוגענד״, האָט ער מיט אַ גרופּע ברוין־העמדלדיקע צעגראָ־מירט עטלעכע וווינונגען פון ייִדן און אַנדערע פּאָלקס־פרעמדע עלעמענטן. דערבײַ האָט ער אַרײַנגעכאַפּט אַ שפּאָר ביסל קלעפּ. אָבער איצט איז דער דאָזיקער אויף אייביק פאַרבליבענער צייכן — דאָס בעסטע וויזיט־קאַרטל. דערצו דער אָפּשטאַם־דאָקומענט, וואָס שטעלט פעסט, אַז אין זײַנע אָדערן פליסט קריגעריש בלוט פון אוראַלטע נאָרד־גערמאַנער... זאָל די ליבע פראַו מאַמאַ ניט פלוידערן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. איינע פון זײַנע פלאַקסהאָריקע פרײַלינס איז געווען אָביעקטיווער, דערקלערנדיק אין אַן אינטימער מינוט: „דײַנע אויגן זענען ווי בײַ אַ וואָלף — בלוט־אָנגעגאָסענע און גיריק־פרעסערישע. דײַן בליק — שאַרפער פון האַרטסטן שטאָל!״ דאָס איז אַ קאָמפּלימענט!

ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָפּשפּראָץ פון די אוראַלטע גערמאַנער, דערוויַיזט ער אָפט זײַן אומברחמנותדיקייט. יעדער אינדערפרי, צום אָנהייב פונעם אַרבעטסטאָג, צעקאַטעוועט ער, צו מאָל ביז טויט, אַ צוימבויער. אַזאַ וואָס אַרבעט ניט גענוג פלײַסיק. פאַרוואָר, דאָס טוט ער לויט דער אינסטרוקציע וואָס לערנט, אַז נאָר אַזוי ווערט אײַנגעפלאַנצט אָפּשײַ פאַר דער ראַסע, וואָס איז באַרופן צו הערשן איבער דער וועלט. אָבער נעכטן האָט ער שוין לויט דער אייגענער איניציאַטיוו געגעבן אַ שטרענגע לעקציע דער אָרטיקער באַפעלקע־רונג. זאָל קיינער ניט מיינען, אַז אויב ניט קיין ייִד, איז אים דער־לויבט...

צו די פיס פון איינעם פון זײַנע צוימבויערס האָט זיך צוגע־קײַקלט אַ הייפּטל קרויט. פראַנץ מילער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען: עס פאָרט אַ פור, אָנגעלאָדן מיט קרויט, און אויבן — אַ יאָט וואָס האַלט שוין בײַם וואַרפן אַ צווייט הייפּטל... דער שאַרפירער

האָט אָן וואַקלעניש געשאָסן אינעם „פילאַנטראָפּ". דער מאַנצביל וואָס האָט געהאַלטן די לייצעס, האָט האַסטיק אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד, ניט באַמערקנדיק אַז אויפן קרויט איז מיט פונאַנדערגע־שפּריצטע הענט אומגעפאַלן זײַן מיטפאָרער...

פּראַכטפול! נאָר אַזוי קאָן מען אין די טעמפּקעפיקע אָרטיקע אײַנוווינערס אַרײַנהאַקן אונטערטעניקייט.

נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט אין פראַנץ מילערס ביאָגראַפיע. פיר יאָר האָט ער געשטודירט מעדיצין. און אויב ער האָט פאַר דער צײַט ניט אָפּגעגעבן קיין עקזאַמענס אפילו ניט פאַר צוויי קורסן, באַטײַט עס נאָך ניט, אַז ער איז אומפעיִק צי גאָר — טעמפּ. דעם עקזאַמען „ראַסן־לערע", און בײַ אַזאַ באַרימטן געלערנטן ווי הערמאַן האוך, האָט ער אויסגעהאַלטן אויף „אויסגעצייכנט". די מעדיצין־פּראָפעסאָרלעך וואָס האָבן אים פאַרשניטן אויף די אַנדערע דיסציפּלינען, וועט ער נאָך באַווײַזן, ווער ס'איז פראַנץ מילער!

דער אָנגעהויבענער קריג קעגן דעם יודאָ־קאָמוניזם אויפן מיזרח איז געווען פאַר אים אַן אויסלייז. פראַנץ איז מאָביליזירט געוואָרן, אַוועק אויפן פראָנט אויסצוקעמפן „לעבנסרוים" פאַר זײַן נאַציע און רום פאַר זיך פערזענלעך.

נאָר דערווײַלע איז אים הייס, דושנע. ער דערלויבט זיך פונאַנ־דערצושפּיליען אַ ביסל דעם שטײַפן קאָלנער, אָפּלאָזן אַ קאַפּ דעם רימען. דעם ווײַטערדיקן צוימאַפּשניט האָט ער אָקערשט אָנגע־צייכנט. די ערטער פאַר נײַע סלופּעס — אָפּגעמערקט. זײַנע וואַכ־לײַט פּאַסן אויף, אַז די אַרבעט זאָל אָנגיין לויט אַלע געזעצן, קאָן ער אַ ביסל פרײַ אַרומשוועבן מיט די געדאַנקען אין די ספערעס, אין וועלכע ער וועט אין גיכן באַרימט ווערן.

די געדאַנקען לאָזן אים ניט צו רו, ברענגען אַרויס פון געדולד. צו וואָס וואַרטן, ביז די אונטערמענטשן מיט די געלע זעקס־עקיקע שטערן אויף דער ברוסט און אויפן רוקן וועלן פאַרענדיקן אויפשטע־לן דעם צוים? צו וואָס וואַרטן, ביז מע וועט זיי אין דער שטײַג פאַרשפּאַרן? ווער לאָזט ניט אַ נעם טאָן זיך און טאַקע באַלד רעאַ־ליזירן געוויסע פּלענער זײַנע?

ער קאָן ניט זאָגן, אַז אונטער זײַן קאָנטראָל מיִען זיך די דאָזיקע טיפּן ניט געננוג פלײַסיק, כאָטש אין אַלגעמיין איז באַוווּסט, אַז ייִדן זענען ניט פעיִק צו אַרבעטן פּראָדוקטיוו. אָבער אַ דאַנק זײַן וואַכעוודיקייט קאָן מען צו זיי קיין פּרעטענזיעס ניט האָבן. ער האָט אַרײַנגעהאַקט אין זייערע אָפּגעשטאָנענע געהירן די געזעצן פון דער צוימבוי־אינסטרוקציע און אויך דאָס, אַז בײַם שאַרפירער פּראַנץ מילער טאָר מען זיך ניט פוילן. נאָר מיט וואָס װעלן די אַ סוביעקטן קאָנען דינען דער וויסנשאַפט און זײַנע, מילערס, פּער־זענלעכע אינטערעסן ?

ווי אַ יעגער וואָס טשאַטעוועט אויף אַ קרבן, קוקט ער זיך אַרום.

אַ װוּקסיקער, ברייטפּלייציקער יונג מיט אַנטבלויזטע אָרעמס און קרעפּטיקע הענט נעמט פונאַנדער מיט אַ ברעכשטאַנג דעם ברוק אין די ערטער, וווּ עס דאַרף קומען אַ סלופּ. אַ גאַנץ פײַן, ענערגיש און פאַרהאַרטעוועט פּנים. ניין, דער דאָזיקער טיפּ קומט ניט אין באַטראַכט, פּאַסט ניט פאַר ראַסישע פאָרשצילן.

ניט קיין הויך מענטשל אין אַלטמאָדישע פּענסנע גראָבט פלײַ־סיק אַ גרוב פאַר אַ סלופּ. גראַלעכע שלייפן, דינע ווײַסע הענט, אַן אינטעליגענט אויסזען. טויג אויך ניט.

אַ שלאַנקער יאַט פלעכט פלינק דראָטן... צום דאַנערוועטער ! אויך ער פאַרמאָגט ניט קיין ספּעציפישע מערקצייכנס פון זײַן געמיינער ראַסע !

ווי זשע זאָל פאַרווירקלעכט ווערן דער פאַרטראַכט, וואָס דאַרף באַרימט מאַכן דעם שאַרפירערס נאָמען ? אַ צעקאָכטער נעמט פּראַנץ אַרומשפּאַנען לענג־אויס דעם צוים, באַטראַכט די טיפּן וואָס ווערן בײַ אים באַשעפּטיקט, און שטעלט פעסט : טויג ניט, פּאַסט ניט, טויג ווידער ניט !

נאָר זע ! אַ באַשעפעניש מיט אַ האַק טעסעט קלעצער, שיילט זיי אַרום פון דער קאָרע, די סלופּעס זאָלן ניט פוילן, לאַנג, לאַנג זיך האַלטן. ריכטיק ! לויט דער אינסטרוקציע ! דאָס באַשעפעניש — אַ קליין מענטשל, אַ פאַרזעעניש — קרום, לאָם, מיט אַ גרויסן קאָפּ : ברייט אויבן, צוגעשפּיצט אונטן, ווי אַן איבערגעקערטער דרײַעק.

די הענט זענען בײַ אים לאַנגע, ביינערדיקע. לאַנגע פינגער ווי בײַ אַ מאַלפּע... דאָס איז עס!

אָ, פּראָפעסאָר הערמאַן האוך! אײַער געטרײַער שילער, דער סטודענט פראַנץ מילער, זעט אײַך, ווי איר שטייט בײַם פּולט פאַר די סטודענטן אין דער אוניווערסיטעט־אָודיטאָריע, זעט און הערט דײַטלעך אײַערע טיף אין האַרץ אַרײַנדרינגענדיקע אויספירן: „אין אײַך, סטודענטן פון היטלערס דריטן רײַך, איז אַלץ געווענדט! איר דאַרפט ענדלעך וויסנשאַפטלעך דערווײַזן פאַר דער גאַנצער וועלט די ריכטיקייט פון דער ראַסן־לערע; מיט אַנאַטאָמישע און היסטאָ־לאָגישע עקספּערימענטן באַשטעטיקן דעם פירער אַדאָלף היטלערס טעזיס, אַז דער גרעסטער טייל פון דער אַזוי גערופענער מענטשהייט שטעלט מיט זיך פאַר אַ מיש־מאַש פון האַלבע מאַלפּעס!״

און ער, פראַנץ מילער, וועט ניט זײַן פראַנץ מילער, אויב ער וועט עס ניט דערווײַזן עקספּערימענטאַל.

נאָך איין סוד טראָגט פראַנץ אין האַרצן. פאַרן גיין אין קריג האָט ער געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט זײַן בעסטן קאַמעראַד יאָהאַנעס גרובע. דער שטאַרק קורצזעיִקער יאָהאַנעס, וואָס טויג ניט פאַרן אַקטיוון מיליטער־דינסט, וועט אַוועק אַרבעטן אין דעם באַרימטן גענעאַלאָגיע־ און ראַסן־פאָרש־אינסטיטוט „אַנענענערבע״, אין שטראַסבורג, און ער, פראַנץ, וועט אים שיקן אָביעקטן צו באַשטע־טיקן דורך עקספּערימענטן די טעאָרעטישע פּאָסטולאַטן פון דער ראַסן־לערע. דעם דאָזיקן אָפּמאַך האָבן ביידע געשלאָסן, שווערנדיק געטרײַשאַפט בײַ קופלען ביר אינעם האַלב־פינטערן קעלער פונעם מיטל־עלטערלעכן סטודענטן־שענק אין זייער אוניווערסיטעט־שטאָט.

אָבער איצט, דערזעענדיק דעם אויסגעצייכנטן פּאַרשאָביעקט, פאַלט מילערן אײַן: צו וועלכע קלאָגן דאַרף ער אַ קאָמפּאַניאָן? אַז גאָט גיט, פּובליקירט יאָהאַנעס די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין זײַן אייגענעם נאָמען, און שרײַ צו די הימלען... ער, פראַנץ, וועט אַליין אין אַ היגן מעדיצינישן אַנשטאַלט צוגרייטן היסטאָלאָגישע הויט־, האָר־, מאַרך־פּרעפּאַראַטן, וואָס וועלן וויסנשאַטלעך דער־

ווײַזן, אַז די ניט־אַריער קערן זיך מער אָן צו חיות, ווי צו מענטשן, ווי עס לערנט אַזאַ ערודירט, אַזאַ קאַפּאַציטעט ווי זײַן פּראָפעסאָר הערמאַן האַוף.

אַלץ איז קלאָר. נאָר ניט אַרויסלאָזן דעם אויסגעצייכנטן עקזעמפּלאַר פון די הענט!

דערשפּירנדיק, אַ פּנים, דעם שאַרפּירערס פאַרפאַלגערישן בליק, קריכט דער וואָס טעסעט די קלעצער, פון דער הויט. די שאַרפּע האַק אין זײַנע הענט גליטשט זיך אַרויף און אַראָפּ איבערן סלופּ און שינדט לאַנגע פּאַסמעס קאָרע. פראַנץ מילער זידט אויף: וויל דער דאָזיקער אונטערמענטש דערווײַזן, אַז ער טויג צו עפּעס?! סײַ ווי איז אַלץ שוין באַשלאָסן! גענוג האָט דאָס דאָזיקע באַשעפעניש פאַרפעסטיקט מיט זײַן אָטעם די לופט, וואָס עס אָטעמען די אַריער. אַזאַ נישטיקע קרעאַטור! געוויס קערט ער זיך אָן צו די טיפן, וועלכע, וועדליק דעם פּראָפעסאָר האַוכס אויספירן, קאָנען זײַן בלויז שווינדלער, געמיינע גנבימלער, געלטפעלשערס, שרעקעוודיקע פרויען־יעגערס — אַלץ קליינע פאַרברעכערלעך, אין דער צײַט וואָס די פאַרשטייערס פון דער נאָרדיש־גערמאַנישער בלוטגרופּע זענען פעיִק צו באַגיין פראַכטפולע פאַרברעכנס.

גענוג! דער שאַרפּירער באַפעלט דעם טעסלער אָוועקצולייגן די האַק און אויפשטיין. נו, יאָ, נאַטירלעך, ווי אַ פאַרשטייער פון זײַן ראַסע, שטייט ער ניט ווערטיקאַל. פראַנץ באַפעלט אים ווײַזן די אָפּצאָסן. ווידער קלאָר: אָפּגעטראָטן אויף אויסן. אַ באַשײַמפּער־לעכער סימן פון אַ ייִדן. ער באַטראַכט דעם קאָפּ פונעם אָביעקט: שיטערע רויטלעכע האָרקרויזן, צעפלאָסענע זומער־שפּרענקלעך אויפן פּנים. ניט מעסטנדיק, שוין אויפן אויג קאָן מען פעסטשטעלן: די פּראָפּאָרציעס פון דער לענג צו דער ברייט פונעם שיידל זענען פון אַ מינערווערטיקער ראַסע. הײַנט די שטאַרצנדיקע אויערן, די פּירקאַנטיקע נעגל! עכט סעמיטיש! בלײַבן נאָר די היסטאָלאָגישע באַווײַזן.

דער שאַרפּירער טוט אַ ווונק, זײַנע וואַכלײַט זאָלן אַ נעם טאָן דעם פאַרגרייטער פון די סלופּעס.

— פֿאַר וואָס? — פֿרעגט יענער אָפּטרעטנדיק דערשראָקן אויף הינטערוויילעכץ.

דער שאַרפֿירער באַפֿעלט, אַ וואַכמאַן זאָל צודריקן דעם קאָפּ פֿונעם ייִדן צום קלאָץ, אויף וועלכן ער האָט געטעסעט די סלופּעס.

— פֿאַר וואָס?! — שרייט אויס פֿאַרצווייפֿלט דער קרייד־בלייכער מענטש, מאָדנע אויסקרימענדיק דאָס מויל.

ווען זיינע באַפֿעלן ווערן אויסגעפֿירט, שפּירט דער שאַרפֿירער, אַז אַ בלוטנפֿל פֿאַרציט אים די אויגן. אָט איז זי, די גרויסע מינוט, ווען דער אַרישער מענטש דערשפּירט אין זיך גאָטס לייטזעליקייט און נעמט לעבן ווי ס'באַדאַרף צו זיין! ער כאַפּט די האַק — די נייע, גוט אָנגעשאַרפֿטע, אינעם דריטן רייך אויסגעשמידטע און פֿאַרהאַר־טעוועטע האַק.

— פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס?! — שפּאַלט די לופֿט אַ הייזעריק געשריי.

פֿון אָט דעם געשריי ווערט דער שאַרפֿירער אין גאַנצן דול. ער דערהערט איצט אין זיך די דערוואַכטע שטים פֿונעם גערמאַנישן בלוט, די שטים וועלכע הייסט אים ראַסיש אויסבעסערן דעם מענטשלעכן שטאַם. דאָ מאַכט זיך אים די ערשטע בעסטע געלעגנ־הייט. פֿאַר זיין פֿאָלק און דעם פֿירער, אַדאָלף היטלער, וועט דער קאָפּ פֿונעם אונטערמענטש ווערן אָפּגעהאַקט. מיט איין קלאַפּ! עס זאָלן אינעם מאַרך און אין די געוועבן ניט פֿאַרקומען קיינע דעפֿאָר־מאַציעס. נאָך דעם וועט דער קאָפּ ווערן פּרעפּאַרירט און אָפּגע־שיקט מיט דער „איילפּאָסט" דירעקט צום רעקטאָר פֿון דעם „אַנענערבע־אינסטיטוט"...

דער שאַרפֿירער הייבט אויף די האַק, צילנדיק אין האַלדז פֿונעם אַנידערגעוואַלגערטן ייִד. אויפֿגעהויבן די האַק, שפּאַנט ער אָן אַלע כּוחות, אַז מיט איין זעץ זאָל דער קאָפּ זיך אָפּטיילן פֿונעם קערפּער...

פֿאַרכאַפּט פֿונעם קוראַזש צו דינען דער וויסנשאַפֿט און דעם פֿירער, דערזעט ניט פֿראַנץ מילער, אַז סיי די צווימבויערס, סיי זיינע

וואַכלײַט האָבן צוגעשמידט צו אים זייער בליק; באַמערקט ניט, אַז דער הויכוווּקסיקער, ברייטפּלייציקער יונג מיטן ברעכשטאַנג, וואָס האָט פונאַנדערגענומען דעם ברוק פאַר די סלופּעס, איז הינטער אים. און איידער די האַק באַוויזט זיך אַראָפּצולאָזן אויפן האַלדז פונעם ייִד, זעצט דער יונג אַרײַן דעם שפּיץ פונעם שטאָלענעם פרענט אין קאַרק פון דעם שאַרפירער.

## דער קראַנקער און זײַן פרוי

אויף די מײַז האָט ער קיין שליטה ניט. די גרויע מיאוסקייטן לויפן אַרום איבערן דיל, דראַפּען זיך אומפּאַרשעמט אַרויף אויף די פּאָר בענקלעך אין קעמערל, שפּרינגען אַרום איבערן הוילן טישל. ניט געפינענדיק פּאַר זיך גאָרניט, נעמען זיי גריזשען די פיס פון דער הילצערנער בעט, ווו עס בלאַנקען נאָך שפּורן פון דער אַמאָליקער פּאָליטור. זיי דערוועגן זיך אַפילו אַרויפצוקריכן אויפן געלעגער, נישטערן אין די אָנגעוואַלגערטע שמאַטעס אויפן קראַנקן, און בײַסן, רײַסן זיי פּאַר כּעס, וואָס זיי געפינען ניט קיין סימן פון אַכילה.

דער קראַנקער איז שוין געוווינט צו די דאָזיקע באַשעפענישן, איבער וועלכע ער האָט די שליטה פאַרלאָרן. אָגב, זענען עס דאָך די איינציקע בעלי־חיים, צו וועמען מע קאָן אין משך פונעם טאָג אַרויסברענגען עפּעס אַ קלאַנג — אַ סטראַשע טאָן זיי.

צונויפגעקנוילט, ווי דער קראַנקער אין בעט, ליגט אינעם קאַלטן קעמערל דער פאַרדומפּטער גרויער פאַרנאַכט. די פּעטע לישײַעס אויף די ווענט, דער פאַררייכערטער סופיט דריקן אַלץ מער און מער צונויף דעם פאַרנאַכט, האַלטן אים בײַם אַרויסשפּאַרן דורכן איינצי־קן פענצטערל אין דער וואַנט צו דער גאַס צו. דורך אָט דעם פענצטערל, כאַטש דער פראָסט האָט עס פאַרצויגן מיט אַ מאַט־גרויער בעלמע, האַלט דער קראַנקער אויף דעם צובונד צום לעבן. וואָס אין גערטאָ געשעט, האָט ער זיך אויסגעלערנט משער צו זײַן לויטן הילך פון די טריט פון די געטריבענע צו דער צוואַנגאַרבעט באַגינען, לויט די פאַרבײַשלײַכנדיקע שאָטנס פון די זעלטענע פאַר־בײַגייערס בײַ טאָג, לויט זייער הילוך און תּנועות.

פון הונגער, צי פון דער קרענק, צי פונעם שטענדיקן פּחד, אַז

אַט־אַט קומען די דײַטשן און מאַכן אַ סוף צו אים, שטילט זיך שוין דער ווייטיקדיקער מיש־מאַש אין קאָפּ בכלל ניט אײַן. אויך דאָס שטענדיקע שווינדלעניש פאַר די אויגן. דערצו די ביטערע קעלט, ביטער ווי גאַל... דער קראַנקער ציטערט מיטן גאַנצן גוף; קאָן זיך ניט דערוואַרעמען, הגם ער ציט אַרויף די קאָלדרע איבערן קאָפּ, עס זאָל ניט אין ניוועץ גיין די וואַרעמקייט פון אייגענעם אָטעם. נאָר ווען ס'פאַרפעלט אים לופט אָדער דער הוסט נעמט שטיקן, דעקט ער זיך אָפּ אויף אַ רגע. דעמאָלט טוט ער אַ וואָרטשע אויף די מײַז, כאַפּט אַ קוק צום פענצטערל.

ס'איז סוף טאָג. ווי אויף אַן עקראַן באַוועגן זיך שאָטנס פון מענטשן איבער דער פאַרפראָרענער פענצטערשויב. מע קערט זיך אום פון דער צוואַנגאַרבעט. באַלד וועט אויך זײַן פרידע קומען... נאָר וואָס איז געשען? די שאָטנס אויף דער שויב נעמען אײַליק זיך גליטשן, גליטשן, ביז זיי פאַרשווינדן אין גאַנצן. ס'ווערט שטיל און פוסט אויף דער גאַס — קיין אָפּהילך פון אַ טראָט, קיין שאָטן אויף דער שויב. פּלוצעם שנײַדט דורך די שטילקייט אַ גרילציק געברום פון אַן אויטאָ. אַ שוואַרצער רוח טראָגט זיך פאַרבײַ דעם פענצטער.

וואָס האָט פּאַסירט? ס'איז דאָך פאַרווערט אין געטאָ דער פאַרקער מיט אַ וועלכן ניט איז טראַנספּאָרט־מיטל. און דאָ — אַן אויטאָ! קיין גוטס זאָגט עס אַוודאי ניט אָן... וואָלט פרידע געקומען!

אויף יענער זײַט פענצטער שאַרן זיך ווידער פאַרבײַ שאָטנס פון מענטשן. ס'טוט אַ ווייע אויפן קראַנקן מיט אימה, וואָס פאַר־קוועטשט זײַן האַרץ אין אַ קאַלטער פּויסט... וואָלט שוין פרידע געקומען! די שכנים הינטערן ווענטל באַוועגן זיך שוין. קלאָר — אומגעקערט זיך פון שטאָט, פון דער אַרבעט. און פרידע, זײַן פרידע, דווקא זי פאַרשפּעטיקט. זאָל זי שוין קומען בשלום!

סוף־כּל־סוף קומט אויך פרידע. אַן אַרומגעוויקלטע אין אַ דיקער צעשמאַטעטער פאַטשיילע, שפּאַרט זי זיך דורך דער טיר, וואַרפט אַראָפּ פון דער פּלייצע אַ גרויסן בונט טרוקענע צווײַגן און זעצט זיך צו אויפן בענקל לעבן בעט אָפּצוכאַפּן אָטעם.

— וואָס פאַר אַ צרה שוין ווידער? אַן אויטאָ אין געטאָ, אַן אויטאָ! פרידע!

ניט ענטפערנדיק נעמט זי אַראָפּ די פּאַטשיילע, בינדט פונאַנדער דעם שטריק פון אַרום די טיכער אין וועלכע זי איז אײַנגעוויקלט.

— אַן אויטאָ! — חזרט איבער מיט עזות דער קראַנקער. וואַרטנדיק מיט אומגעדולד אויף אַן ענטפער, זעצט ער זיך אויף, נאָר פאַלט באַלד צוריק אויפן קישן.

פון אַ פאַרבאַרגענער קעשענע אין אירע שמאַטע־בגדים נעמט פרידע אַרויס אַ פענעץ, ברויט און דערלאַנגט דעם קראַנקן.

— ניין! — שאָקלט ער מיטן קאָפּ. — ס'איז דײַן ברויט. דײַן פּאַרציע. דו'סט פאַרדינט. דײַנס!

— מײַנס, דײַנס. נעם, עקשן זיך ניט, — זאָגט מילד די פרוי.

— זאָלן עסן די, וואָס דאַרפן לעבן. איך בין שוין אַ מת. דער־ווײַלע אַ לעבעדיקער מת. אַ שיברי־כּלי, וואָס...

דער הוסט שטיקט צו זײַנע ווײַטערדיקע ווערטער.

די פרוי זעצט זיך אַוועק אויפן ראַנד פון בעט, נעענטער צום צוקאָפּנס, און מיט אַ מאָגערער, פאַרגרעבטער האַנט טוט זי ליבלעך אַ פודל דעם מאַנס לאַנג ניט געשוירענע האַרטע טשופּרינע.

— נו, גענוג, גענוג שוין.

ביידן פאַרהאַלט דעם אָטעם דאָס אומגעריכטע געזשום פון אַ פאַרבײַאײַלנדיקן אויטאָ. איצט יאָגט ער צום געטאָ־טויער. ווען דער קראַנקער כאַפּט זיך אָפּ, איז שוין פרידע ניטאָ לעבן אים. זי עסקט זיך אַרום דעם פּאַק צווײַגן. הייצט אײַן דאָס אײַזערנע אייוועלע, וואָס שטייט אין אַ ווינקל. די טרוקענע צווײַגן צעפלאַקערן זיך, ברענען הילכיק, אונטערקנאַקנדיק. זייער פלאַם באַפאַרבט רויטלעך די לופט אינעם קעמערל.

דער קראַנקער לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פון זײַן פרוי.

— פרידע, פרידע, אַן אויטאָ אין געטאָ. וואָס זאָל'ס באַטײַטן? — פרעגט ער מיט תּחנונים אין קול.

— כ'ווייס ניט. גלייב מיר, כ'ווייס ניט, — פרוווט זי אים באַרויִקן. — האָב געדולד. כ'וועל זיך דערוויסן. עס, בעט איך דיך.

דער קראַנקער קײַט דאָס ברויט האַפּנדיק, אַז ס׳וועט אים שטילן כאָטש אַ ביסל דעם קאַפּווייטיק, אפשר אויך האַמעווען דעם הוסט. ס׳וועט אים לײַכטער ווערן... זײַנע אויגן־לעדלעך לאָזן זיך פּאַמעלעך אַראָפּ, און ער באַמערקט ניט, ווי זײַן פרוי ציט אַרויס פונעם מיטגעבראַכטן בינטל צווײַגן עפּעס אַ פּעקל, פאַרשטעקט עס אונטער דער פּאַטשיילע, וואָס זי האָט ווידער אַרויפגעטאָן אויף זיך, און כאַפּט זיך אַרויס פונעם קעמערל.

די טיר מאַכט זיך צו מיט אַ סקריפּ, און דער קראַנקער צאַפּלט אויף. ווידער איז ער אַליין. ניטאָ פרידע. פאַרשווונדן, זיך אַרויס־געגנבעט. עפּעס באַהאַלט זי פון אים. נו, יאָ, אַ קראַנקער מענטש איז אַ שיברי־כּלי — ווער ס׳וועט ברענגט זי נוצן? איז בלויז אַן איבע־ריקע לאַסט... און ס׳גייט אַפילו ניט אָן זײַן פרוי, אַז ער איז דער פאָטער פון זייער קינד. עס לעבט דאָך זייער מיידעלע, לעבט! איז אין זיכערע הענט, ווי איר מאַמע זאָגט. די מלחמה וועט זיך ענדיקן. זייער טעכטערל וועט פרעגן אויפן טאַטן, און וועט ניט וויסן, אַז די מאַמע האָט דעם טאַטן, אַ קראַנקן, צעבראָכענעם, געלאָזן אויף הפקר. אין אַזאַ שרעקלעכער רגע געלאָזן אים — נאָכן קומען פון אַן אויטאָ אין געטאָ... דער כּעס אויף דער פרוי זײַנער טריקנט אויס דעם גומען, שׂרפעט די אויגן. און ער ווייסט ניט, דער קראַנקער, ווי אַזוי די שׂרפה צו לעשן. אויסגעגאַנגען, אויסגעטריקנט דער טרערנ־קוואַל. ווער ווייסט, צי עמעצן איז אויסגעקומען צו וויינען אַן טרערן, ווי ער אַצינד?.. נאָר גוט, וואָס ער דערהערט אַ דין פּישטשען, אַ שאַרף סקראָבען.

— אָ, געטרײַע מײַנע... אַהער, מײַזעלעך! — ער צעפּיצלט דאָס ברעקל ברויט, וואָס איז אים אין האַנט געבליבן, שיט די קרישקעס אויפן דיל.

און הינטערן ווענטל רעדן די שכנים, שושקען זיך. דער אויער פונעם קראַנקן כאַפּט אויף אָפּגעריסענע זאַצן: „ס׳האָט געפעלט... אויך הײַנט האָט געפעלט די צאָל... וויניק, צו וויניק מענטשן שטעלט צו די געטאָ... דער אויטאָ, דער אויטאָ... געקומען סטראַשען. אויב מאָרגן וועט פעלן, וועט עס קלינגען..."

די ברענענדיקע צװײַגן אינעם אײַזערנעם קנאַקן, שטערן צו דערהערן װאָס גענוי מע רעדט הינטערן װענטל. דעם קראַנקן װערט אָבער קלאָר: די װאָס זענען מחויב, גייען ניט אַרויס אין שטאָט צו דער אַרבעט. סימולירן, באַהאַלטן זיך. ברענגען אַרויף אַן אומגליק אויף אַלעמען. זעגן אונטער די צװײַג, אויף װעלכער די געטאָ האַלט זיך. מע פֿאַרגעסט די װאָרענענדיקע אויפֿשריפֿט בײַם געטאָ־טויער: „איר לעבט ניט כּדי צו אַרבעטן, נאָר איר אַרבעט כּדי צו לעבן!״ הייסט עס, אויב מע װעט ניט אַרבעטן... װאָלט שוין פֿרידע געקומען! זאַמט זי זיך װידער. װוּ, װוּ איז זי אַהינגעקומען? מסתּמא װייסט זי, װי ס'װעט מאָרגן קלינגען... און אפֿשר, װיסנדיק אַז מאָרגן װעט זײַן ביטער, זוכט זי אַ ראַטוניק פֿאַר זיך? אפֿשר האָט זי עפּעס פֿאַרטראַכט, װעט זיך באַהאַלטן. איינע אַליין װעט זי זיך לײַכטער אַן עצה געבן...

ס'איז טונקל אין קעמערל. אויף אַ װאַנט ציטערט אַ גרויסע רויטע פֿליאַמע — דער אָפּשײַן פֿונעם פֿײַער אין אײַזערנעם אַן דעם טירל — ציטערט, װי ער װאָלט זיך איבערגעשושקעט מיט דער װאַנט. די אַרומיקע טונקלקייט װערט אַלץ געדיכטער, שװערער. הינטערן װענטל האַלט מען אַלץ אין איין שושקען זיך. אַלע, אַלע מיט זייערע סודות. קיינער װיל ניט, די קראַנקע זאָלן זיך פּלאָנטערן אונטער די פֿיס. זיי, די געזונטע, סימולירן, גייען ניט צו דער אַרבעט, און לײַדן װעלן די פֿאַרשלאָפֿטע, די אומגליקלעכע חולאים. אפֿשר דאַרף ער זיך אָנטאָן? אפֿשר הייבט מען באַלד אָן צו כאַפּן מענטשן צו נאַכטאַרבעט? טאָמער געפֿינט מען אים אין בעט, װעט מען אים אויפֿן אָרט דערהרגענען. אויך אַזוינס האָט שוין פּאַסירט. ס'װעט ניט העלפֿן די צײַגעניש, אַז ער איז באמת קראַנק און איז באַפֿרײַט... פֿרידע, װוּ איז זי?

ענדלעך איז זי דאָ. שטיל קומט זי אַרײַן, ברענגט אַן צװײַגן, װאַרפֿט זיי אין אײַזערנעם און בלאָזט פֿונאַנדער דאָס אויסגייענדיקע פֿײַער.

דער קראַנקער װאַרט זי זאָל עפּעס זאָגן. ס'װעט זײַן דער

לעצטער אויספּרווו, צי זי זאָגט אמת. וואַרט ער. אָט־אָט, און זײַן געדולד פּלאַצט. אַ טעמפּער הוסט נעמט שטיקן.

פרידע איז באַלד לעבן אים, וויל צורעכט מאַכן זײַן צוקאָפּנס.

— אַוועק! אַוועק! — סאָפּעט ער בייז.

— באַרויִק זיך, — זאָגט זי געלאַסן.

— כ'וועל ניט! ניין! — נעמט ער פּאַכען מיט די הענט. — אַלע, אַלע זענט איר ערגער... ערגער פון נאַציס. זיי זענען וועלף, אָבער איר? דער אויטאָ, האָ? שווײַגסט!

זי ענטפערט ניט. דערלאַנגט אים אַ קווערטל אָנגעוואַרעמט וואַסער, פאַרזיסט מיט סאַכאַרין.

— טרינק! — און זעצט זיך אויפן ראַנד פון זײַן געלעגער מיטן אויסגעשטרעקטן קווערטל אין האַנט.

זי פּרוּווט אים דערקלערן, אַז מע דאַרף זיך ניט אויפרעגן צוליבן אויטאָ. וואָס איז שוין, אַז מען איז געקומען אָנזאָגן, אַז מאָרגן זאָלן ניט פעלן קיין מענטשן בײַם טויער? ס'איז שוין ניט ס'ערשטע מאָל, ווי מע פאָדערט. ס'איז נוגע די אַרבעטספּעזיִקע. קראַנקע דאַרפן ניט מורא האָבן.

— און דאָס גאָר? אַ־אַ־לץ? — צעציט גאַליק דער קראַנקער.

דערפילט דעם מאַנס אומצוטרוי, האַלט פרידע ניט אויס:

— ניט אַנדערש, ווילסט וויסן! איז אָט: זיי סטראַשען. אויב מאָרגן וועל פעלן מענטשן, וועט עס קלינגען... גיי ווייס וואָס... זייער געקלאַנג... אַ נאַציש געקלאַנג... זיי סטראַשען די סימולאַנטן. דיך גייט עס ניט אָן.

דעם קראַנקן ווערט אַ קאַפּ לײַכטער. זי זאָגט דעם אמת, פרידע. איצט גלייבט ער איר. זעצט ער זיך אויף און נעמט מורמלען:

— מאָרגן גיי איך אויך צום טויער. טאָמער זוכן זיי אין געטאָ. ס'וועט דאָ קלינגען. מוז מען אײַנשטילן די וועלף, בכדי צו ראַטע־ווען, ראַטעווען די גאַנצע געטאָ. ס'וועט מיר סטײַען כּוח... גיין צו דער אַרבעט מאָרגן...

— מאָרגן וועלן מיר זײַן צוזאַמען, — ענטפערט זי, אַרויספליִיגנ־דיק אַ האַנט אויף זײַן ביינערדיקער פּלייצע. — מיר'ן זיך האַלטן

צוזאַמען. מיר'ן גיין, אַוודאי וועלן מיר גיין. אָבער ניט צו דער אַרבעט...

עס דערפרייט אים וואָס זײַן פרוי וועט אים ניט לאָזן אַליין. דערפרייט אַזוי, אַז ער דערהערט ניט אירע לעצטע ווערטער. אומזיסט האָט ער זי חושד געווען. דאַרף מען בעטן מחילה. כאַפּט ער פון איר האַנט אַרויס דאָס קווערטל און נעמט זשעדנע זופּן דאָס וואַרעמע געטראַנק.

ווי יעדן אָוונט, ווי יעדע נאַכט לעצטנס — די פרוי מאָסטעט זיך אײַן בײַם קראַנקן צופוסן... און די קאַלטע חשבונות וויקלט זיי ביידן אײַן אין שוואַרצע, דריקנדיקע, שטיקנדיקע תּכריכים.

אַן אויסגעמאַטערטע, קלעפּן זיך איר באַלד צו די אויגן. נאָר פאַר דעם, ווי יעדן אָוונט, האָבן זיי אויך הײַנט דערמאָנט זייער מיידעלע. זיך געפרייט וואָס דער מוטער האָט זיך אײַנגעגעבן זי אַרויסצוטראָגן פון הינטערן שטעכלדראָט. דער קראַנקער האָט צום וויפלטן מאָל געפרעגט, און אים איז ניט נימאס געוואָרן צו הערן, ווי דאָס איז אַלץ געשען אין יענער רעגנדיקער האַרבסנאַכט, ווען קיין הונט האָט ס'האַרץ ניט געלאָזן אַרויסצוטרײַבן אין דרויסן. און ווי זי, די מוטער, האָט מיט מזל דערגרייכט צו דער פּויערים־משפּחה, וואָס האָט מסכּים געווען דאָס קליינס אויסצובאַהאַלטן. און אויך דאָס מאָל איז דער פאָטער זיך מחיה: „זייער חנהלע וועט בלײַבן לעבן!"

שלאָפט אײַן די מוטער, אַן אַדורכגענומענע מיטן גוטן געפיל, אַז זייער טעכטערל איז מחוץ דער סכּנה, און זי, די מוטער, האָט איצט פרײַע הענט...

דער פאָטער קאָן ניט אײַנשלאָפן. ער גרייט זיך מאָרגן פרי אַרויסגיין צו דער אַרבעט. פאַרשפּאַרטע הינטער שטעכלדראָטן, טאָג און נאַכט באַוואַכטע פון באַגנעטן, מוזן זײַן געהאָרכיק. מוזן פּינקטלעך אויספירן באַפעלן. נאָר אַזוי וועט מען אויסמײַדן איבע־ריקע לײַדן און קרבנות. געווינען צײַט. ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג. וועט ער מאָרגן אומבאַדינגט אַרויסגיין מיט אַלעמען צו דער צוואַנג־

אַרבעט. פרידע וועט אים העלפֿן. דער עיקר — דורכגיין דעם טויער, אַרײַנגערעכנט ווערן אין דער צאָל אַרבעטער, וואָס די געטאָ מוז צושטעלן, עס זאָל ניט קלינגען...

— די געטאָ מוז מען פֿאַרהיטן, — נעמט ער מורמלען, — הערסט, פרידע, מיטן טײַוול שפּילט מען זיך ניט! אַלע דאַרפֿן אַרויס צו דער אַרבעט. מיר — צוליב אונדזער טעכטערל. בלײַבן זאָל זי בײַ טאַטע־מאַמע...

די פרוי הערט אים ניט. זי וויגט הילכיק אײַן אין זיך דעם שלאָף, ווי אַ מחיהדיק געטראַנק. עס וועקט זי אַפֿילו ניט אויף דאָס פֿאַרשטאַרקטע שיסערײַ בײַם געטאָצוים, וואָס זאָגט קיין מאָל ניט אָן קיין גוטס.

דער קראַנקער קאָן ניט אײַנליגן. וואָלט דער פרימאָרגן זיך שוין אָנגערוקט! אָבער אויף יענער זײַט שויב הויערט נאָך אַלץ איבער דער וועלט אַ שוואַרצע נאַכט, וואָס איר פֿראָסטיקן פֿער, אָן אַרײַנגעדרונגענעם אין זײַנע לונגען, מוז ער, דער קראַנקער, אויס־הוסטן, כאָטש יעדער הוסט רײַסט אים אַרויס אַ שטיק לונג. ראַנגלט ער זיך מיטן הוסט לאַנג, זייער לאַנג — — —

— אויפֿשטיין צו דער אַרבעט! אויפֿשטיין!!!

טאָג־טעגלעך, באַגינען וועקן די געטאָ אַזוינע אויסרופֿן, באַגלייטעט פֿון אַ פּויקערײַ אין די פֿענצטער, לאַדנס און טירן. דער־וואַרט זיך אויף דעם, נעמט דער קראַנקער זיך פֿעדערן: „גאָט צו דאַנקען, מע וועקט, מע רופֿט צו דער אַרבעט. ס'איז אַ גוטער סימן. צום לעבן! די געטאָ בלײַבט. וועט ווײַטער בלײַבן. אַלע בלײַבן לעבן!"

— פרידע, שטיי אויף, פרידע! צו דער אַרבעט! גאָט צו דאַנקען!

פֿאַר וואָס האָט זי אים געצויגן אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג און ניט צום געטאָ־טויער? ווי זאָל מען פֿאַרשטיין אירע ווערטער, אַז מע דאַרף זיך ניט לאָזן אויסשעכטן? מע טאָר ניט פֿאָלגן... דאָס קאָן דאָך אַרויפֿברענגען אויף אַלעמען דעם לעצטן, גרעסטן

אומגליק... כאָטש ער איז קראַנק, פֿאַרשטייט ער אויסגעצייכנט די לאַגע און וועט זיך ניט לאָזן אַראָפּפֿירן פֿון דרך־הישר.

דאָס פֿינצטערניש, די מחנות מענטשן... מיט גוואַלד רײַסט ער זיך אָפּ פֿון פֿרידען, וואָס האַלט אים פֿאַר אַ האַנט. אַרויסגעריסן זיך, פֿאַרשטעקט ער זיך אין עפּעס אַן אַרײַנגאַנג. אומזיסט זוכט אים פֿרידע אין דער פֿינצטער, רופֿט אים. און ער — קיין פּיפּס ניט! פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם, ביז איר קול גייט פֿאַרלוירן. דעמאָלט שלעפּט ער זיך פּאַמעלעך אַוועק צום געטאָ־טויער.

מע זעט ניט די מענטשן אינעם דורכוויסיקן חושך. מע פֿילט בלויז דעם שאָרך פֿון זייערע אָטעמס אין דער שוואַרצער פּראָסטיק־שטײַפֿער לופֿט. מע הערט בלויז דעם דומפּן גרילץ פֿון זייערע טריט אינעם ניט אָפּגעראַמטן שניי. אײַלנדיק טוט עמעצער אַ שטויס דעם קראַנקן.

ער גיט זיך אַ וואַקל, שפּאַרט זיך אָן אינעם שטעקן וועלכן ער האָט מיטגענומען. מיטן שטעקן איז עפּעס זיכערער. און טאַקע — אָנגעשפּאַרט אין אים, בלײַבט ער שטיין. ער וועט הײַנט דורכגיין דעם טויער. דאָס בעסטע, ער זאָל אַרײַנפֿאַלן צו די שנייראַמערס. אויף אַ לאָפּעטע קאָן מען זיך ווידער אָנשפּאַרן. ער וועט זיך פֿאַרען דאָרטן, וועט באַקומען אַ פּאַרציע ברויט, אַ טעלער קרויטגעקעכטס. געגנוג צו זײַן אויסגעשטעלט אויפֿן חסד פֿון אַנדערע, מעג עס זײַן דאָס אייגענע ווײַב... ווו איז זי, פֿרידע? און וואָס האָט זי פֿאַר־טראַכט? ער פֿילט, די גאַנצע צײַט פֿילט ער, אַז עפּעס פֿאַרבאָרגט זי פֿון אים, טראָגט זיך אַרום מיט אַ סוד. אָ, טעכטערל מײַנס, דײַן מאַמע וועט אַרויפֿברענגען אַן אומגליק אויף אונדזערע קעפּ!

אָנשטרענגענדיק אַלע כּוחות באַוועגט זיך דער קראַנקער. נאָך ווײַט ביזן טויער? האָט ער ניט פֿאַרבלאָנדזשעט? ניין! פּאַסמעס העלער שטויב דרינגען אַדורך דעם חושך. די אויגן פֿאַרבלענדן בליצלאָמפּן אויפֿן זאַמלפּלאַץ בײַם געטאָ־טויער.

ער שאַרט זיך צו צו אַ הײַפֿל מענער, צונויפֿגעדרענגטע אויפֿן פֿאַרשנייטן שטח. אינעם געזעמל וועט ער זיך דערוואַרעמען, הערן אַ טרייסטוואָרט, אַן אָנדײַט אויף בעסערע צײַטן, אויף דער ישועה

וואָס אַלע דערוואַרטן. שווײַגן גאָר אַלע. יעדערער איז זיך אײַנ־געשלאָסן. דער קראַנקער קוקט זיך אַרום און ס'טוט אים אַ ריס אין האַרצן. עס טאָפּלט זיך אַלץ פֿאַר די אויגן. פֿון דעסטוועגן זעט ער באַשײַמפּערלעך, אַז הײַנט, דווקא הײַנט קומען זיך צונויף ווייני־קער מענטשן ווי געוויינטלעך. און דאָס טויג שוין זייער ניט. „ייִדן, איר מאַכט זיך אומגליקלעך!" — וויל ער אויסשרײַען, וואָרענען. דאָס האַרץ נעמט זיך צאַפּלען. דער הוסט רײַסט זיך אַרויס פֿון זײַן האַלדז מיט אַ ווייטיק און הילכט אָפּ אין דער פּראָסטיקער לופֿט, ווי אין אַ פּוסטער פֿאַס. דעם קראַנקן האַקן זיך אונטער די פֿיס: „די וואַכלײַט זאָלן אַקאָרשט ניט דערהערן. חלאָים האָבן זיי ניט נייטיק!"

עמעצער רוימט אים אַרײַן אין אויער:

— וואָס ט'איַיך, פּעטער, אַהער געטראָגן? איר האָט ניט קיין צעטל צו בלײַבן אין שטוב?

דעם צודרינגלעכן חכם וויל ער דערקלערן, אַז אַ צעטל האָט ער טאַקע יאָ, נאָר הײַנט דאַרפֿן אַלע אויספּילן דעם חוב לגבי דער געטאָ... שאַ, וואָס הערט ער? וואָס דערזעט ער דורך דעם שווינדלע־ניש פֿאַר די אויגן? פֿרידע! זוכט אינעם עולם, רופֿט אים בײַם נאָמען.

ער פֿאַרקריכט אַלץ טיפֿער אינעם מענטשן־געדראַנג, באַהאַלט זיך. מיט אַ מאָל דערהערן זיך באַפֿעלערישע אויסרופֿן אין דײַטש, מע זאָל זיך אויסשטעלן צו פֿיר. אַלע נעמען זיך רירן, באַוועגן. די ליכטער בײַם טויער ווערן אומדערטרעגלעך שאַרף, פֿאַרבלענדן די ראיה. ניט נייטיק עפּעס צו זען — דער קראַנקער ווערט געטראָגן פֿונעם מענטשנשטראָם און הערט דײַטלעך ווי מע ציילט די רייען. מע האָט אים אַרײַנגערעכנט אין דער צאָל אַרבעטער, וואָס די געטאָ מוז צושטעלן. זײַן חוב האָט ער דערפֿילט.

ער גייט צו דער אַרבעט. איין האַנט אײַנגעקלאַמערט אינעם אָרעם פֿון דעם פֿרײַנדלעכן שכן, די צווייטע — אָנגעשפּאַרט אינעם שטעקן. דאַכט זיך, גאַנץ ווײַט שוין אַוועקגעשפּאַנט. פֿאַרשוווּנדן

דאָס פּראָזשעקטאָרן־ליכט. מע טוקט זיך אין חושך און מע גייט, מע גייט, ביז מע שטעלט פּלוצעם זיך אָפּ. ס׳ווערט אַ געדראַנג, אַ מהומה. די רייען צעמישן זיך. אויך ביקסנשאָסן מישן זיך אַרײַן. וואַכלײַט צעהאַלדערן זיך, שיטן מיט טויטע קללות און שלאָגן, שלאָגן... עמעצער טוט דעם קראַנקן אַ שטויס. ער פֿאַרלירט דעם שטעקן. די ערד גייט ווי אַוועק פֿון אונטער זײַנע פֿיס. און דאָ — איבער זײַן קאָפּ טוט אַ זעץ אַ האַרט פֿלעקל און לאָזט איבער אין די אויערן אַ לאַנגן, ווייטוענדיקן נאָכקלאַנג. ער פֿאַלט אויסצײַענדיק זיך אין דער לענג מיט אויסגעשטרעקטע הענט. פֿון מויל טוט אים אַ פֿלייץ אַ קלעפּיקע פֿליסיקייט... און אַרום — אַ דײַטשיש געהאַל־דער... מע שטויסט אים, מע בריקעט אים — ער זאָל אויפֿשטיין. ער קאָן ניט, קאָן ניט. כאַפּט מען אים אָן פֿאַר די הענט און פֿיס, מע וויגט אים פֿונאַנדער, און זײַן אויסגעטריקנטער גוף פֿליט לײַכט אַרײַן אין אַן אָנגעוואַלגער פֿון שרײַענדיקע, קרעכצנדיקע ייִדן...

אַ שאַרף געברום פֿון אַן אַוועקגעלאָזענעם מאָטאָר רײַסט אָפּ פֿון אָרט דעם שרײַענדיקן, קרעכצנדיקן מענטשן־אָנגעוואַלגער. גאָר די מײַז פֿון דער וועלט, אַלע אויף אַ מאָל פּישטשען, גרילצן, טוען זיך אַ לאָז אויפֿן קראַנקן, גריזשען זיך אַרײַן אין זײַן לײַב מיט אַ שרעקלעכער שׂינאה. ער קאָן זיך ניט ווערן. זײַנע הענט זענען פֿאַרקוועטשט. ער קאָן אויך ניט שרײַען, רופֿן הילף. זײַן קעל איז פֿאַרקלעמט, און ער ווערגט זיך מיטן ניט־אַרויסגעבראַכטן געשריי...

פֿרידע האָט זיך געוואָרפֿן אין אַלע זײַטן, זוכנדיק אין דער פֿינצטער איר מאַן. געהאַפּט אים צו געפֿינען אויפֿן באַלויכטענעם זאַמלפּלאַץ. דערוועגט זיך אַפֿילו אויסצורופֿן זײַן נאָמען. ערשט דעמאָלט, ווען די מענטשן האָבן גענומען זיך רוקן צום טויער, האָט זי באַמערקט איר קענטלעך בלוי טיכל, מיט וועלכן ער האָט געהאַט אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ. האָט זי דורכן געדראַנג זיך אַ לאָז געטאָן צו אים.

אומזיסט זיך געשטופּט, אומזיסט אים נאָכגעשריִען. ער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן: ניט דערהערט צי געמאַכט זיך ניט הערנדיק.

ביז ער איז מיט די אַרויסגייענדיקע מענטשן צו דער צוואַנגאַרבעט פאַרשוווּנדן הינטערן געטאָ־טויער.

איצט האָט פרידע גענומען רודערן קעגן שטראָם, האַלטנדיק אין איין מורמלען:

— מענטשן, וווּ גייט איר? גייט ניט!

— פאַר וואָס עפּעס, ליבינקע? — האָט געפרעגט אַ מאַנצביל מיט אַ פאַרגראָבן פּנים אין אויפגעשטעלטן קראַגן פון זײַן קורטקע.

— גייט ניט, זאָג איך אײַך, גייט ניט!

אַרויסבאַקומען זיך פונעם באַלויכטענעם זאַמלפּלאַץ, דערגרייכט אַ ליידיק געסל, האָט זי גענומען לויפן.

ווי זיי וואָלטן מודיע געווען דעם צוגעזאָגטן געקלאַנג, האָבן געהילכט אין די נאָך טונקעלע געטאָגעסלעך שווערע סאָלדאַטישע טריט, שנײַדיקע מיליטערישע באַפעלן. די טונקלעניש האָבן פון צײַט צו צײַט דורכגענישטערט עלעקטרישע האַנטלעמפּלעך, באַגלייטע פון אַ שיסערײַ. מע האָט גלײַך געזען, געפילט, אַז דאָס מענטשן־כאַפּעניש וועט דאָס מאָל זײַן באַזונדערש שטרענג און האַרב, ווײַל געשטעלט האָבן זיך צום טויער נאָך ווייניקער געטאָ־אײַנוווינערס ווי געוויינטלעך.

פרידע איז געלאָפן פון די כאַפּערס, פון זייערע נאָכיאָגנדיקע לעמפּלעך און קוילן. געלאָפן דורך הינטערהויפן, געקראָכן איבער פּלויטן, ביז זי איז דערלאָפן.

— חברים, טײַערע חברה! — איז זי אַ קוים לעבעדיקע אַרײַנ־געפאַלן צו אירע פרײַנד און זיך פונאַנדערגעוויינט.

אַ בזיון צו וויינען אין אַזאַ רגע. נאָר ווי באַפעלט מען דאָס האַרץ, ס'זאָל ניט בלוטיקן? און טענות, טענות צו זיך האָבן געקלעמט דאָס האַרץ. ניט צו קאָנען איבערצײַגן דעם מאַן, איבערצײַען אויף איר זײַט! זי האָט טאַקע געדאַרפט האַלטן בסוד דעם צונויפרייד מיט חברים, און דאָך האָט זי ניט איין מאָל געפּרווּוט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אויפדעקנדיק אירע מחשבות און באַשלוסן. ער פלעגט אויפזידן. הערן ניט געוואָלט דערפון. און איצט? ווו איז

ער איצט? פון וואַנט, אויב די אַרויסגעגאַנגענע צו דער צוואַנגאַר־בעט וועלן זיך ניט אומקערן, וועט אַלץ זײַן קלאָר...

— פרידע, ס׳איז העכסטע צײַט! — האָט איר דערמאָנט אַ חבר.

זי האָט אָנגענומען איינס פון די שפּיציקע העקלער, וואָס מע האָט בסוד אויסגעשמידט אין געטאָ. דאָס הענטל — פון די שטענג־לער, וועלכע זי האָט נעכטן אַרײַנגעטראָגן אינעם פּעקל צווײַגן. דאָס הענטל האָט אַ וואַרעם געטאָן איר דלאָניע.

מיט נאָך צווייען איז פרידע אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם.

וואַכן וואַכט זי בײַם סאַמע אַרויפגאַנג. ווי ס׳זאָל ניט זײַן, וועט מען מיטן העקל קאָנען פּלעטן דעם קאָפּ פון אַ דײַטש, וואָס וועט זוכן אויסגעבאַהאַלטענע.

זי האָט אַ שטיקל געווער, אַ פּיצל האָפענונג, אַן אילוזיע. מיט זיי איז לײַכטער. איר קינד איז ווײַט, ווײַט פונעם קאַשמאַר. איר מאַן...

פרידע האָט נאָך שטאַרקער פאַרקראַמפּט דאָס הענטל פון איר אילוזאָריש וואָפן.

## מאָרגן, אויפן זעלבן אָרט...

— בעניע, אים זאָלן מיר טאַקע שיקן?

— כ'מיין, ער איז דער פּאַסיקסטער...

— און טאָמער, טאָמער פּאַסירט מיט אים?.. וועט עס הייסן: געבליבן אַ יתומל אין געטאָ, האָט מען אים געשיקט אויף אומקום.

— געוויס, מיר'ן האָבן צו זיך טענות, זיך ניט קאָנען מוחל זײַן... אָבער ווער פון אונדזער אָרגאַניזירטן קליינוואַרג פּאַסט בעסער פון בעניען? ער איז פּיפּיק, האָט אײַנפאַל. דאָס ווייסן מיר שוין.

— דערצו איז ער ניט ענלעך אויף קיין ייִדיש קינד. אַן אמתער שייגעצל.

— יאָ, אָבער ליטוויש רעדט ער מיט אַ ייִדישן אַקצענט.

— דאַרף מען אים הייסן שטאַמלען. זיך פאַרהאַקן אויפן „ריש".

מ'האָט אָנגערופן אויך אַנדערע נעמען און זיך אומגעקערט צום ערשטן.

— הייסט עס, בעניע.

פאַר דעם אַ אָפּעראַטיוון דרײַלינג־קעמערל פון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ, וואָס האָט הינטער אַ מאַסקירוועגטל אויף אַ בוידעם שטיל־שעפּטשענדיק אָפּגעהאַלטן דעם יִישוב־הדעת, זענען אויפגעקומען נײַע קשיות: גוט, בעניע. צי וועט מען אים באַלד געפינען? דער ענין איז אײַליק. און ווי קומט מען אַריבער צו אים אין מיטן העלן טאָג, בעת דער עולם איז אויף צוואַנגאַרבעט און מע זעט קוים עמעצן אין גאַס? אַ סכנה אָנצושטויסן זיך אין אַ דײַטש, וואָס וועט דיך אַ נעם טאָן, הלמאַי ביסט ניט אויף דער אַרבעט. און געפינען בעניען מוז מען. און וואָס גיכער...

טונקל איז הינטערן מאַסקירוועגטל אויפן בוידעם, קוים מע

זעט איינער דעם אַנדערן, כאָטש אין דרויסן באָדט זיך די וועלט אין טאָגשײַן. פֿאַרטונקלט, פֿאַרכמאַרעט איז דאָס געמיט פֿון די דרײַ יאָטן, וואָס היטן זיך אויס פֿון דער טאָגשײַן. צוויי פֿון זיי באַהאַלטן זיך פֿונעם כאַפּעניש צו דער צוואַנגאַרבעט. דער דריטער, זעליק, וואָס האָט בעניען געקענט און באַשטאַנען מע זאָל שיקן דווקא אים, איז ניט לאַנג צוריק צו זיי אַרויפֿגעקראָכן, נאָך דעם ווי ער איז ממש מיט נסים, וואָס דער מקור זייערער איז געלעגן אין זײַן פֿלינקער אָריענטאַציע, ניצול געוואָרן פֿון אַן אָבלאַווע אין שטאָט. און געגאַנגען איז ער אין אַ וויכטיק שליחות. אַ קלייני־קייט: געוועט! געוועט פֿאַר די געטאָ־קעמפֿערס!

מיט אַ נס האָט ער זיך דערקליבן צו דער געטאָ. מיט אַ נס אַרײַנגעפּויזעט אינעווייניק דורך „זייער“ געהיימער לאָך אינעם שטעכלדראָט־צוים און אונטער דער נאָז פֿונעם פּאָסטן, וואָס האָט אַרומגעשפּאַנט איבער זײַן וואַכאָפּשניט. זײַן שליחות אין שטאָט האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. וויל ער איצט פּרוּוון זײַן מזל אין געטאָ:

— איך גיי צו בעניען.

און באַלד אַ הצלחה. דערגאַנגען, געפֿונען ס׳יאָטל אויף זײַן שלאָפֿאָרט. ס׳רעגנט, איז ניטאָ וואָס צו זוכן אין דרויסן. און נאָך אַ הצלחה: קיינער, אויסער בעניען, איז אין שטיבל ניט געווען, האָט מען גלײַך אויף אַן אָרט געקאָנט אים דערקלערן, וועגן וואָס עס גייט די רייד.

דאָס עלף־יאָריקע יאָטל האָט מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן אָנגעשפּיצט זיך צו יעדער וואָרט, וואָס ער האָט געהערט: אין שטאָט איז אַן אָבלאַווע און דווקא הײַנט איז אָפּגערעדט אַ באַגע־געניש דאָרטן וועגן אַ גאָר־גאָר וויכטיקן ענין. קינדער גייט די אָבלאַווע ניט אָן, מע טשעפּעט זיי ניט. וועט ער, בעניע, רויִק אַדורכגיין דעם קאָנטראָל אויף דער בריק, וואָס איבערן טײַך, פֿון דער פֿאַרשטאָט אין שטאָט אַרײַן. און קומען מיט מזל אויפֿן אָרט. אָט פֿאַר וואָס אים, בעניען, וועט אויסקומען צו גיין און אָפּרעדן מיט אַ מענטש, וועגן און ווו זיך צו טרעפֿן מיט אים אַן אַנדערש מאָל.

זעליק האָט אײַנגעהזרט מיט בעניען, וואָס ער דאַרף אַרײַנ־קומענדיק צו די פּרעמדע מענטשן זאָגן, מע זאָל אים גלייבן. וואָס דער ענטפער זייערער דאַרף זײַן. דעם מענטש מיט וועלכן ס׳וועט אים אויסקומען צו רעדן, וועט ער אַלץ דערקלערן, פאַר וואָס ער איז געקומען און ניט קיין אַנדערער.

דערנאָך האָט זעליק אַרײַנגעלייגט אין בעניעס קעשענעס עטלע־כע שטיקלעך פאַרשיידן ברויט. טאָמער, די שעה זאָל ניט אויסשלאָגן, מע פאַרהאַלט אים, וועט ער טענהן, אַז געגאַנגען איז ער בעטלען ברויט, און אויך קאָנען עס דערוויַזן...

— און אַז דו קומסט צוריק, איז דאָס ברויט דײַנס!

צוגעגרייט דאָס יאַטל צום שפּרונג אין דער סכנה, האָט זעליק אים באַקוקט פון אויבן אַראָפּ, ווי וועלנדיק נאָך אַ מאָל זיך איבער־צייַגן, אַז דער אויסקלײַב זייערער איז ריכטיק. בעניע — אַ צעשווי־בערטער קאָפּ העלע האָר, אַ פּײַערל אין די גרויסע העלע אויגן, אַ קורץ נעזל...

— דאָס היטל טו ניט אָן. כ׳מיין אין שטאָט. זאָל מען זען, אַז ביסט אַ שייגעצל, — האָט זעליק געעצהט בעניען, מחמת ייִדן, קליין און גרויס, האָבן אומעטום געמוזט טראָגן היטלען, און נאָר היטלען.

— מײַן היטל פאַררוק איך אין קעשענע אויף יענער זײַט צוים,

— האָט בעניע געוויזן ווי ער טוט עס שוין ניט צום ערשטן מאָל.

— פאַרן רעגן שרעק איך זיך ניט און אויכעט ניט פאַר דײַטשן. איך האָב זיי אין דר׳ערד.

— דײַן אָנטועכץ... — האָט זעליק באַטראַכט דעם יאַטלס גאָר שטאַרק אָפּגעטראָגן קורטקעלע, די געלאַטעטע הויזן זײַנע, די צעטראַמפּלטע שיך פון אַ דערוואַקסענעם. — אוי, דײַן אָנטועכץ!

— איך בין דאָך אַ בעטלער, — האָט בעניע פאַרשײַט אַ ווונק געטאָן צו דעם וואָס שיקט אים אַ גאַנג, אַוודאי אַ גוטן פאַר ייִדן און גאָר שלעכטן פאַר די דײַטשן, אַ מיתה־משונה אויף זיי.

— פון דעסטוועגן, בעסער וואָלט געווען אַ בעסער אָנטועכץ. נאָר אַז ס׳איז שוין אַזוי... חזר אַקאָרשט איבער אַלץ וואָס כ׳האָב דיר אָנגעזאָגט.

געגוי האָט בעניע איבערגעחזרט דורך וועלכע גאַסן ער האָט צו גיין אין שטאָט, איבערגעחזרט דעם אַדרעס און וואָס ער דאַרף דאָרטן באַקוקן פֿאַרן אַרײַנגיין צו די מענטשן, און וואָס ער האָט זיי צו זאָגן. איבערגעחזרט אַפֿילו מיט דער אינטאָנאַציע, ווי די רייד זענען צו אים אַרויסגעבראַכט געוועזן. און שטאָלץ איז ער געוואָרן בײַ זיך נאָכן גוט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. שטאָלץ דער־מיט וואָס מען געטרויט אים אַזאַ וואָזשנעם און געפֿערלעכן ענין.

אָפּגעוואָרט, דער וואַכמאַן וואָס שפּאַנט לענג־אויס זײַן צוויי־מאָפּשניט, זאָל זיך דערווײַטערן, האָט זעליק אַראָפּגענומען בעניעס געלע לאַטעס פֿון ברוסט און רוקן. זיי אַרײַנגעלייגט צו זיך אין אַ קעשענע:

— אין אַ צוויי שעה אַרום וואַרט איך דיך אָפּ אָט אָ דאָ. וועל איך דיר די לאַטעס אָנטשעפּען.

זעליק האָט אַ הייב געטאָן דעם אונטערשטן דראָט פֿונעם צוים. דאָס יאַטל איז פֿלינק אַדורכגעקראָכן די געשאָפּענע שפּאַרונע. האָסטיק זיך אויפֿגעשטעלט, פֿאַררוקט זײַן היטל אין קעשענע, זיך אַרומגעקוקט, און זײַן בלאָנדער קאָפּ האָט זיך אָפּגעטראָגן פֿון געטאָ־ראַיאָן, ווי געטריבן פֿון אַ רוח.

ניט צו פֿאַרגעסן חלילה דעם אַדרעס, האָט בעניע די גאַנצע צײַט אים איבערגעחזרט אין קאָפּ. נאָר ניט פֿאַרגעסן! געפֿינען די גאַס, דאָס הויז, לויטן נומער, איז פֿאַר אים געווען אַ מעשׂה פֿון גאָרנישט. ער האָט געזען פֿאַר זיך, ווי מ׳האָט אים אויסגעמאָלט, אין וועלכן טויער ער דאַרף אַרײַן, אויף וואָס פֿאַר אַ פֿענצטער ער דאַרף אַ קוק טאָן, צי דאָס פֿאַרהענגל איז אָפּגעצויגן. נאָר דעמאָלט מעג ער אַרײַן אין דער דירה.

— שענקט אַ הונגעריקן אַ שטיקל ברויט, ווייס׳ צי שוואַרצס, אַלץ איינס, — האָט ער געזאָגט אין ליטוויש, אַרײַנקומענדיק צו די מענטשן אין שטוב.

ס׳האָט אים פֿאַרוווּנדערט אָנגעקוקט אַן עלטערע פֿרוי. די פֿאַרוווּנדערונג האָט זי ווי אָפּגעהאַלטן עפּעס צו זאָגן. אָבער געקו־מען איז פֿאָרט איר ענטפֿער:

— וואָס זאָל מען טאָן, ס'איז קריג. הונגעריקע זענען אַ סך פֿאַראַן.

בעניע האָט שיִער ניט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ פֿרייד־געלעכטער. יאָ, יאָ, בעתן אײַנלערנען מיט אים אַלץ, האָט פּונקט אַזוי אים געענטפֿערט דער, וואָס האָט אים געשיקט אַהער. הייסט עס, אַז אַלץ גייט ווי געשמירט.

אין אַ הינטערשטן האַלב־טונקל קעמערל האָט ער עפּעס אַ הויכן מאַנצביל מיט געלבלעכע וואָנצעס און געלבלעכע האָר געגעבן איבערגעגעבן, וואָס ער האָט געדאַרפֿט איבערגעבן, און געבעטן זאָגן, ווען דער מענטש פֿון געטאָ קאָן צו אים קומען. בײַם סאַמע סוף האָט בעניע זיך געכאַפּט, אַז ער האָט עפּעס געזאָלט שטאַמלען. אין אײַלעניש האָט ער עס פֿאַרגעסן טאָן. ווען שטאַמלען? האָט ער אָנגעהויבן אַלץ פֿון ס'נײַ און זיך צעטומלט, איז רויט געוואָרן, אָנגעהויבן אויף אַ אמתן שטאַמלען.

דער הויכער מאַנצביל וואָס האָט אויף אים געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ, האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זײַט, בײז זיך אָנידערגעזעצט אויף אַ האַרטן טאַפּטשאַן און מיט אַ שאַרפֿן בליק ווי אָפּגעשלײַדערט פֿון זיך בעניען. געשוויגן און מער ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן מאָדנעם שטאָפּעטל.

— פּעטערל, איר דאַרפֿט מיר זאָגן, איר מוזט מיר זאָגן, און איך דאַרף זאָגן, אַט יענעם וואָס'ט מיך געשיקט אַהער, דאַרף איך זאָגן ווען און ווו מען דאַרף קומען, — האָט בעניע זיך געקליאַנט־שעט. זײַן שטים האָט געציטערט. ער אַליין האָט געציטערט קוקנדיק אויפֿן מאַנצביל, וואָס אַלץ איז געלעגן אין זײַנע הענט...

און ער, דער מאַנצביל, איז געזעסן אַראָפּגעבויגן, די אויגן אײַנגעגראָבן אין דיל, ווי ער וואָלט אויף אים אָפּגעלייענט ווי זיך אַן עצה געבן אין אַ סכּנותפֿולן פּלאָנטער. לסוף האָט ער צום ערשטן מאָל געלאָזט הערן זײַן שטרענגע שטים:

— גיב איבער... אַזוי טאַקע גיב איבער: מאָרגן, אויפֿן זעלבן אָרט, אין דער זעלבער צײַט. אָנו, זאָג מיר נאָך, זאָלסט פֿאַרגע־דענקען. און דערגיב, אַז לענגער קאָן איך ניט וואַרטן. פֿאַרשטאַנען?

בעניע האָט נאָכגעזאָגט אויף ליטוויש, עס גוט פֿאַרשטאַנען, גוט פֿאַרגעדענקט און אויפֿן צוריקוועגס אין געטאָ אַריַין איַינגעחזרט אין קאָפּ, ווי עס אַרויסצוברענגען אויף ייִדיש...

אַ וואַכמאַן האָט אים אָבער פֿאַרהאַלטן, ווען ער האָט געפּרוּווט אַריַינקריכן צוריק אין געטאָ.

זעליק איז, ווי צוגעזאָגט, געשטאַנען אין דער נאָענט פֿון „זייער" לאָך אינעם צוים, און דערהערט בעניעס פֿאַרצווייפֿלטן אויסגעשריי „מאַמע!", דערזען ווי דער פּאָסטן שלעפּט אים פֿאַר אַ האַנט. בעניע, אַ צעצאַפּלטער, האָט געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זײַטן און עפּעס געשריִען אין ליטוויש. באַמערקנדיק זעליקן אויף יענער זײַט צוים, האָט ער גאָר־גאָר הילכיק, ממש מיט אַלע כּוחות, אויסגערופֿן, און ווידער אין ליטוויש:

— מאָרגן, אויפֿן זעלבן אָרט! אין דער זעלבער צײַט!

און עס איבערגעחזרט, איבערגעחזרט.

דאָס משונהדיק שריַיענדיקע יאַטל האָט דער וואַכמאַן איבערגעגעבן צו די לײַט פֿון דער טויערוואַר, און יענע האָבן באַשלאָסן אָנצולערנען דעם „פֿרעכן קנאַבע" און צו גלײַך די ייִדן. אויפֿן פּלאַץ בײַם געטאָ־טויער האָט מען באַלד אַלע ייִדן פֿאַרהאַלטן — אויף אַראָפּצונעמען אַ מוסר־השׂכּל און וואָרענען אַנדערע. מ'האָט בעניען אַראָפּגעלאָזט די הויזן, אַוועקגעלייגט אים מיטן פּנים אַראָפּ אויף אַ בענקל און גענומען אַריַינצייִלן די געהעריקע פּאָרציע — צוואַנציק שמיץ אויפֿן נאַקעטן הינטער־חלק — ער זאָל פֿאַרשפּאָרן אַ צווייטן מאָל אַרויסגנבענען זיך אין שטאָט בעטלען ברויט.

אַ גומי־פּלעקל האָט געזעצט אין אים, און בעניע האָט געשריִען פֿון ווייטיק. אין זײַן וויַיגעשריי אַריַינגעמישט קולי־קולות אין ליטוויש:

— מאָרגן! מאָרגן! מאָרגן אויפֿן זעלבן אָרט! אין דער זעלבער, אין דער זעלבער צײַט, צײַט, צײַט!..

די דײַטשן האָבן זיך פֿאַרווּנדערט: אַ צעדרייטער „קנאַבע"! כּאַפּט קלעפּ און הערט ניט אויף זײַן משונהדיק ווילד גאָרגלרײַסערײַ. קלאָר, אַז ער האָט אַ מיש אין קאָפּ, דער דאָזיקער אַריש

אויסזעענדיקער דולער „קנאַבע”. אַרײַנגעצײלט װײניקער װי די העלפט פון דער „פּאַרציע”, ניט געװאָלט מער אויסגעבן כּוח און געהייסן אים אָפּטראָגן זײַן צעקאַטעװעטן הינטן צום דאַנערװעטער...

געװיס. בעניען האָט עס אָפּגעגליקט. מ׳האָט אים ניט דער־קאַטעװעט. אַ דײַטש האָט אים אויפגעהויבן פאַרן קאָלנער, אַװעק־געשטעלט אויף די פיס און אָפּגעװאָרפן פון זיך. דאָס געפיל, אַז די דײַטשן האָבן אים פרײַ געלאָזט, ער לעבט, האָט בעניען געצװוּנ־גען אַרויפצוציִען די הויזן. עמעצער האָט אים אונטערגעכאַפּט אונטערן אָרעם:

— ייִנגעלע, קאָנסט בענטשן גומל.

— איך האָב זיי, האָב זיי אין דר׳ערד, — האָט בעניע קרעכצנ־דיק אַרויסגעמורמלט, און די װעלט האָט זיך געטונקלט, אויפגע־העלט, געטונקלט.

און אַז ער האָט זיך אַרומגעזען: אָ, דער װאָס האָט אים געשיקט, זעליק, דער חבר פון דער אָנפירונג, און אויך אַ צװייטער האָבן אים ממש געטראָגן, װי אויף פליגל, געבראַכט צו זיך. אַנידער־געלייגט אויפן בויך מיטן פּנים אַראָפּ, געלייגט קאַלט װאַסער צו די צעממיתטע ערטער. מע האָט אים געטרייסט, געלויבט זײַן דרייסט־קייט, זײַן אײַנפאַלערישקייט. צוגעזאָגט אים אַרויספירן פון געטאָ, װי נאָר מ׳עט קאָנען. ער האָט עס פאַרדינט.

און בעניע האָט פאַרשטיקט שטאַמלענדיק זיך פאַרטיידיקט, און אויף ייִדיש, פאַרשטייט זיך:

— כ׳האָב געמיינט... געמיינט... כ׳װעל שטאַרבן, שטאַרבן... און ניט באַװײַזן דערציילן, ניט באַװײַזן... און טאָמער װאָלטן זיי מיר די צונג אויסגעשניטן? האָב איך אין ליטװיש, זיי זאָלן ניט פאַרשטיין, די דײַטשן, די דײַטשן... האָב איך געשריִען און איר װאָלט דערהערט... און איר װאָלט פאַרשטאַנען, אַז, אַז מ׳דאַרף קומען מאָרגן, מאָרגן... אויפן זעלבן אָרט... אין, אין דער זעלבער צײַט... און לענגער, לענגער, קאָן ער ניט װאַרטן...

# אַ „מלאכל"

1

דער הער פיליפּ פינקעלגאָלד האָט געוווּסט, אַז מלאכים — גאָטס פּאַרמיטלערס צווישן הימל און ערד — שוועבן אַרום ניט נאָר אין די הימלישע הייכן. זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער זינדיקער ערד צו די, וואָס פאַרדינען עס. פאַרשטייט זיך, אַז זיך האָט ער צוגע־רעכנט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע ערד־תּושבים. פאַרשטייט זיך, אַז גאָטס שליחים — וואָס מע פילט זייער ווילטועוודיקע שוץ און הילף, זענען איבערנאַטירלער־הייליקע. דעריבער פלעגט פיליפּ פינקעלגאָלדן שאָקירן, וואָס דער עולם האָט מיטן וואָרט „מלאך" גענומען באַצייכענען ריין־ערדישע און אָפט ניט קיין עטיש־דער־הויבענע באַגריפן. אין געטאָ, למשל, זענען אַוועק אין גאַנג די אויסדרוקן „געפינען אַ מלאך", „שיקן אַנשטאָט זיך אַ מלאך". באַטײַט האָט עס פּראָסט און פּשוט: דינגען עמעצן, ער זאָל דיך פאַרבײַטן אויף דער צוואַנגאַרבעט. ס'איז אַ מין געשעפטלעכער אָפּמאַך, אַ טראַנסאַקציע אַזאַ: גיסט דעם „מלאך" דײַן אַרבעטשײַן, באַצאָלסט אים, גייט יענער אַנשטאָט דיר מיט דער בריגאַדע צו דער אַרבעט אין שטאָט אַרײַן. דאָרטן האָרעוועט ער אָפּ דעם טאָג, שטעמפּלט דײַן שײַן, און דו קאָנסט זײַן רויִק: האָסט די „אַרבעט־פליכט" כּשר דערפילט. דאַרפסט ניט אויפציטערן בײַ יעדן שאָרך, ניט מורא האָבן, מע זאָל דיך אַרויסשלעפּן פון דער וואַרעמער בעט, אַרײַנוואַרפן אויף איבער נאַכט אין קאַרצער, אַרײַנצײלן אַ פאַרציע מלקות און באַגינען, מיט אַ בריק אין הינטער־חלק, אַרויסטרײַבן צו די שווערסטע אַרבעטן. בקיצור, האָסטו אַ „מלאך" קאָנסטו שלאָפן רויִק.

אַזאַ „מלאך" האָט ניט שלעכט באַשיצט דעם הער פּיליפּ פּינקעלגאָלד. סוף־כּל־סוף איז עס נאַרמאַל. ניט פאַר זײַנע יאָרן (דאָ ניט לאַנג האָט ער געפּראַוועט זײַן איין און פופציקסטן געבוירן־טאָג) און ניט פאַר זײַן הדרותדיק אויסזע (ער איז הויך, שטאַלטנע, האָט ניט אָנגעוווירן אין גענטאָ קיין גראַם פון זײַן וואָג), ניט פאַר זײַן שטאַנד און אָנזען, אויב איר ווילט, אַפילו ניט פאַר זײַן ווילקלינ־געוודיקן פאַמיליע־נאָמען פאַסט צו לאָזן זיך טרײַבן מיט ווער־ווייסט־וועלכע הקדשים, גראָבן אַ גאַנצן טאָג קלעפּיקע ליים, צי האַקן האָלץ אָדער גאָר, אַז גאָט גיט, אויסלאָדן פון וואַגאָנען שטיינקוילן און ווערן ענלעך צו אַ שוואַרצן טײַוול...

דעם הער פּיליפּ פּינקעלגאָלד האָט לעצטנס אויסגעצייכנט פּאַרטראָטן אַ „מלאך". דעם אמת געזאָגט, בלויז אַ „מלאכל"... אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז אויף דער גאַס אין געטאָ צוגעשטאַנען צו אים אַ יאַטל און געבעטן רחמים: „האַרעלע, אויב איר דאַרפט אַ ,מלאך', נעמט מיך. איר זעט, כ'וועל פּאַסן. נעמט מיך, אַניט גייען מיר אויס מיט דער מאַמען פון הונגער!"

אויך מיר אַ „מלאך". אַ יאַטל און מער גאָרניט. אָבער פּיפּיק, גענוג וווקסיק. אויב ניט קיין פולשטענדיקער „מלאך", איז עס דע־פיניטיוו אַ „מלאכל". ניט קיין פּוליאַריקער, וועט איר זאָגן? דאַרף מען אַלץ קאַלטבלוטיק אָפּוועגן און אָפּמעסטן.

אַדרבא, וועגט און מעסט. דער הער פּיליפּ פּינקעלגאָלד האָט רחמנות געהאָט אויפן יאַטל און אים גענומען אָנשטאָט זײַן פריִער־דיקן „מלאך" (אַ דערוואַקסענער וועט זיך גיכער אָן עצה געבן מיט פּרנסה). איז קלאָר, אַז ער, פּינקעלגאָלד, באַגייט גאַנצע צוויי נאָ־בעלע מעשׂים אויף אַ מאָל. ערשטנס, האַלט ער איצט אויס אַ יתום און זײַן אָרעמע מוטער: דאָס „מלאכל" באַקומט אויף דער אַרבעט זײַנע, פּינקעלגאָלדס, פּאַרציע ברויט און זופּ, און דער מוטער צאָלט ער אויס יעדן איבערטאָג אַ קילאָ ברויט און אַ האַלבן קילאָ אַרבעס אָדער גרויפּן. אמת, אַ דערוואַקסענעם „מלאך" דאַרף מען באַצאָלן מער. אָבער פאַר אַ יאַטל איז עס איבער גענוג. ער דאַרף דאָך ווייניקער עסן פון אַ דערוואַקסענעם. מע מוז אויך נעמען אין

באַטראַכט דעם יקרות אויף פּראָדוקטן מלחמה־צײַט און איבער הויפּט נאָך — אין געטאָ, הינטערן שטעכלדראָט.

דאָס איז קודם־כּל. און צווייטנס, איז דער הער פּיליפּ פינקעל־גאָלד איבערצײַגט, אַז ער באַגייט אַן אַקט וואָס איז אי הומאַן, אי אויסגעהאַלטן פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט: ער ראַטע־וועט פון הונגער ניט נאָר אַ ייִדיש קינד און זײַן מוטער, נאָר ברענגט אויך נוצן דער גאַנצער עדה ייִדן, צווישן וועלכע ער לעבט. בעת מע דינגט אַ דערוואַקסענעם „מלאך״, דאַרף יענער אַרבעטן צוויי שיכטן אין אַ מעת־לעת — איינע פאַר זיך, די צווייטע פאַר אים, פינקעלגאָלדן. אַ ייִדישער מענטש ווערט ממש אויסגעריסן, פאַלט פון די כּוחות. ווען דער דערוואַקסענער זאָל אַרבעטן דעם טאָג בלויז ווי אַ „מלאך״, ווערט באַגאַנגען אַ חטא לגבי דעם כּלל, וואָרעם עס קומט מיט אַ מענטש ווייניקער צו דערפילן די אַרבעט־פליכט. און ווי אַזוי די דײַטשן רעאַגירן, אויב די געטאָ שטעלט ניט צו די פעסטגעשטעלטע צאָל אַרבעטער, איז אַלעמען שוין צו גוט באַקאַנט. נײַע אַבלאַוועס, שיסערײַען, הריגות. הייסט עס, אַז פון אַלע שטאַנדפּונקטן איז מער באַרעכטיקט צו באַשעפטיקן אַ „מלאכל״, איידער אַ „מלאך״.

דאָס „מלאכל״ גייט צו דער אַרבעט, און דער הער פּיליפּ פינקעלגאָלד בלײַבט אין געטאָ. ער עסט, טרינקט, טוט זיך לײַטיש אָן. אין וועמענס זכות און וועמענס פאַרדינסט איז עס? מיט גאָטס הילף געשעט עס אין זײַן אייגענעם זכות, און ס׳איז אויסשליסלעך זײַן אייגענער פאַרדינסט. ער האָט געריזיקירט! בעת די באַלשעוויקעס האָבן דאָ אַ יאָר צײַט געבעל־הבתעוועט, האָט ער אויסגע־באַהאַלטן פון זיי אויסלענדיש געלט, גאָלד־מטבעות, טײַער צירונג. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן אין געטאָ. ניט אָפּגעגעבן די דײַטשן זײַן אויסגעהיט פאַרמעגן. באַגראָבן עס בשתיקה אין זײַן האַלצ־שטעלכל. אמת, ער האָט געשטעלט אין טויט־סכּנה אַלע אײַנוווינערס פון שטוב און אפשר אויך פון גאַנצן קוואַרטאַל, מחמת די דײַטשן האָבן געזוכט מיט שפּירהינט, מיט ספּעציעלע מכשירים. אוי, ווען זיי געפינען! נאָר זײַנע נערוון האָבן אויסגעהאַלטן. געוועזן חכמים

וואָס האָבן אַגיטירט אַלץ אָפּצוגעבן, אַנזעטיקן די צוררים, אײַנשטילן זיי. „דאָס נפש איז בילכער" — האָבן זיי געטענהט.

געוויס איז דאָס נפש בילכער, און טאַקע דערפאַר האָט ער קיינעם קיין זאַך ניט אָפּגעגעבן. פאַרמאַגסטו געלט, איז דײַן וועלט! וואָס דען, בלײַבן אַ קבצן און אויסגיין פון הונגער?

דער הער פיליפּ פינקעלגאָלד גראָבט איצט אויס צו ביסלעך זײַן פאַרמעגן און קאָן אַנגיין מיט אַ לײַטיש לעבן אַפילו הינטערן שטעכלדראָט און נאַצישער באַוואַכונג. ס'געפינען זיך חברה־לײַט וואָס בײַטן אויס אין שטאָט פאַרשיידענע חפצים אויף שפּײַז און שמוגלען עס אַרײַן אין געטאָ. זיי ריזיקירן טאַקע מיטן קאָפּ, אָבער ניט, חלילה, צוליב עפּעס אַן אידעע. געלט! נאָר צוליב געלט! צוליב געלט גייט מען אַנטקעגן כּלערליי סכּנות שטענדיק און אומעטום. אמת, ס'איז שווער צו קאָנטראָלירן די היגע ספּעקולאַנטלעך זיי זאָלן ניט רײַסן קיין פּאַס, דיך ניט באַשווינדלען. איז ער, דער הער פיליפּ פינקעלגאָלד, אויף דער וואָך. הילכות מיסחר דאַרף מען אים ניט לערנען. היט ער זײַן געלט. אַז מע האָט געלט, אָרדנט מען זיך ווי געהעריק אײַן אין אַלע באַדינגונגען. אויב עס זאָל אַזוי ווײַטער גיין, איז ער מסכּים איבערצווויצן אין געטאָ די גאַנצע מלחמה. אַז ס'וועט, אם־ירצה־השם, זיך ענדיקן די בלוטבאָד, וועלן זיך די געמיטער באַרויִקן, די דײַטשן וועלן ווערן געזעצטער, סטאַטעטשנע, ווי מע רופט עס; זייער בלינדע ייִדן־שׂינאה וועט זיך מילדערן, פאַרבײַגיין. ווי עס זאָל ניט זײַן, איז עס אַ ציוויליזירט פאָלק. ער קען זיי נאָך פון יענער וועלט־מלחמה. דרייענדיק דעמאָלט מיט זיי אַ ראָד, האָט ער אָנגעלעבט אַ פאַרמעגן. דערנאָך איז דאָס פאַרמעגן געוואַקסן, געוואַקסן...

נאָר טאָמער וואַרפט אים עמעצער פאָר, אַז ס'איז ניט עטיש צו לאָזן אַנשטאָט זיך גיין צו דער קאַטאָרגע־אַרבעט אַ מאָגער און זייער בלייך יאַטל, קאָן ער די דאָזיקע צער־בעלי־חיימניקעס באַרויִקן: זײַן „מלאכל" האָט אים דערציילט, אַז אויף דער אַרבעט לאָזן אים די ייִדן ניט האָרעווען, העלפן אים אויספירן די פעסט־געשטעלטע אַרבעט־נאָרמע. טוען פאָר אים אָפּ ווו נאָר אַ שווער

שטיקל אַרבעט. אַזוי אַרום איז דער ענין רעגולירט אויפֿן בעסטן און ראַיעלסטן אופֿן.

2

אַזוי האָט געלעבט דער הער פֿיליפּ פֿינקעלגאָלד אין שוץ פֿון זײַן „מלאכל״ ביז איינעם אַ שלימזלדיקן פֿאַרנאַכט.

פֿון דער צוואַנגאַרבעט האָט מען שוין אָנגעהויבן זיך צוריקקערן אין געטאָ, און פֿינקעלגאָלד האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויפֿן „מלאכל״, וואָס האָט אָט־אָט געזאָלט זיך באַווײַזן מיט דעם אָפּגעשטעמפּלטן אַרבעט־שײַן. דעמאָלט וועט מען קאָנען אָן מורא אַרויסגיין אין גאַס כאַפּן פֿרישע לופֿט, געניסן פֿונעם מילדן סעפּטעמבער־אָוונט. וויפֿל איז דער שיעור צו ליגן אין שטוב, ווי אַ הונט אין קאָנורע, שפּילן מיטן ווײַב אין קאָרטן צי פֿונאַנדערלייגן אַ פּאַסיאַנס? ס׳איז די רעכטע צײַט אַ באַקאַנטן צו טרעפֿן, אונטערכאַפּן אַ רכילותל, הערן אַ ביסל נײַעס, דערוויסן זיך, למשל, צי ס׳וועט זיך געפֿינען אַ גוטער קונד אויפֿן גאָלדן זייגערל, וועלכן ער קלייבט זיך צו רעאַליזירן.

דאָס „מלאכל״ האָט זיך פֿאַרזאַמט, און פֿיליפּ פֿינקעלגאָלד איז געוואָרן מלא־חמא אויפֿן פֿאַרשײַטן יאַטל; אַרומגעשפּאַנט אַ צעקאָכטער איבער דער שטוב און געגרייט זיך צו געבן דעם חצוף די געהעריקע פֿאַרציע פֿאַרן פֿאַרהאַלטן זיך אונטערוועגנס. נאָר דאָ איז אַנשטאָט דעם „מלאכל״ אַרײַנגעפֿאַלן אין שטוב זײַן מאַמע, אַרײַנגעפֿאַלן מיט ווילדע קולות, געוואָרפֿן און געשלײַדערט זיך, ווי משוגע. פֿינקעלגאָלד האָט לאַנג ניט פֿאַרשטאַנען וואָס זי וויל, כאָטש ער איז געווען גרייט אירע טענות צו פֿאַרנעמען.

ענדלעך האָט ער פֿאַרשטאַנען. ווײַזט זיך אַרויס, אַז בײַם געטאָטויער האָט אַ וואַכמאַן זיך צעיושעט. ניט געפֿעלן איז אים, ווי די בריגאַדע אין וועלכער ס׳האָט זיך געפֿונען זײַן „מלאכל״, האָט אַדורכגעמאַרשירט דעם טויער. האָט ער גענומען שיסן. געהרגעט עטלעכע ייִדן און געטראָפֿן אין איר ייִנגל, אין זײַן, פֿינקעלגאָלדס

„מלאכל״. אַזוי טאַקע האָט די ייִדענע געשריִען: „אין אײַער ‚מלאכל׳!״

און ווײַטער האָט פינקעלגאָלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס יאַטל ליגט לעבן טויער מיט אַ דורכגעשאָסענעם פּוס, און דער דײַטש באַפעלט אויסגראָבן אויפן אָרט אַ גרוב אויף אַרײַנצוּוואַרפן און פאַרשיטן די טויטע און אויך די פאַרווּנדיקטע, ווײַל צו דער אַרבעט וועלן זיי מער ניט טויגן...

אויסגעטענהט זיך, האָט די פרוי געפּאָדערט, אַז ער, דער הער פינקעלגאָלד, זאָל לויפן צו די עלטסטע פון דער ייִדישער געטאָ־פאַרוואַלטונג, בעטן, פאָדערן ראַטעווען איר זון, כּל־זמן ס׳איז ניט שפּעט. ער, דער הער פינקעלגאָלד, איז אַן אָנגעזעענער מענטש, מע וועט האָבן פאַר אים אָפּשײַ, דרך־ארץ, און אויב מע וועט דעם צעיושעטן דײַטש אונטעררוקן אַ ווערטפולן חפץ, אַ גאָלדענע מטבע צי אַ גאָלדענעם זייגער, וועט ער געוויס זיך מרחם זײַן. שוין ניט איין מאָל האָט שוחד, אויסקויפגעלט געהאָלפן אײַנשטילן דער־צערנטע דײַטשן.

זײַן דערשראָקן ווײַב האָט געפּרוּווט עפּעס זאָגן, האָט פּיליפּ פינקעלגאָלד זי באַלד אָוועקגעזעצט אויף איר אָרט. אין זײַנע געשעפטן האָט זי קיין מאָל ניט געטאָרט אַרײַנמישן זיך. ער איז געווען אַ זאַכלעכער, ניכטער דענקנדיקער מענטש און ליב געהאַט אַלע ענינים צו ערשט קאַלטבלוטיק און אַלזײַטיק צו באַטראַכטן, דערנאָך ערשט האַנדלען, און לויטן אַלטן כּלל: זיבן מאָל מעסט, איין מאָל שנײַד. איז אים ראשית־כּל אָנגעקאַנגען צו קריגן אין האַנט אַרײַן זײַן אַרבעטשײַן. פאַר וואָס האָט די ייִדענע ניט צוריק־געבראַכט דעם אַ דאָקומענט? ווייסט זי ניט, אַז אָן אַן אָפּגע־שטעמפּלטן שײַן איז אַ סכּנה זיך ווײַזן אין גאַס? ווען זי איז ניט אַזוי צעדולט, וואָלט זי דעם שײַן אַרויסגעקראָגן בײַ איר פאַרווּנ־דיקט ייִנגל און ערשט דערנאָך געקומען מיט אירע טענות. אַ וואָרט, אָפּגעמאַכטע תּנאָים מוזן אָרנטלעך אָפּגעהיט ווערן אין אַלע באַדינ־גונגען און אומשטאַנדן.

און אָט, די ייִדענע וואָס וואָלט אַן זײַן שטיץ שוין לאַנג געווען

אויסגעגאַנגען פון הונגער, האָט נאָר געוווּסט צו גוואַלדעווען, פּילדערן. פּלוצעם, ווי אַ מטורפע, גאָר אַנטלאָפן. אַ נאַיווע ייִדענע. מיט וואָס קאָן מען שוין העלפן? אונטעררוקן דעם דײַטש, ווי זי מיינט, אַ גאָלדענעם זייגער? שטעלן איין קאָן אַזאַ פאַרמעגן, בעת די יוכע זעצט דעם רוצח אין געהירן, און אויפן ייִנגל וואַרט שוין במילא דער קבר? ווער וועט דעם קבצן אויסהיילן? און נאָך אין געטאָ! קיין זאַך וועט דאָ שוין ניט העלפן.

זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט האָט פינקעלגאָלד ניט געהאַט בדעה. מע מוז אויסקלאָרן ווי די זאַך איז געשען. מסתמא איז דאָס יאַטל שולדיק. אַוודאי געלאָפן, ווען ס'איז געווען באַפוילן שטראָם שטיין אויפן אָרט. מע דאַרף זיך דערוויסן, צי דאָס געשעעניש האָט ניט אויפגערודערט די געטאָ; צי ס'איז ניט פאַרווערט זיך צו באַוועגן אין גאַס.

זיך באַוועגן אין גאַס... לאָגיש טראַכטנדיק דאַרף ער ניט מורא האָבן. אויף דער אַרבעט איז זײַן שײַן געשטעמפּלט, זײַן נומער ווערט אַזוי אַרום געמאָלדן דעם אַרבעטסאַמט. הייסט עס, אַז זײַן פליכט איז ערלעך דערפילט. איז איצט גאָר וויכטיק, אַז דער שײַן זאָל פאַרשווינדן מיטן יאַטל. וועט ער, פינקעלגאָלד, תיכף מעלדן דער געהעריקער אינסטאַנץ, אַז אים איז דער שײַן פאַרלאָרן געגאַנ־גען. ס'פּאַסירן אַזעלכע זאַכן. וועט מען אויסשטעלן אַ נײַעם. אמת, ס'וועט זײַן אַ ביסל כלאָפּאָט מיטן געפינען אַ נײַעם, ניט קיין טײַערן „מלאך“. בקיצור, אַ ביסל כלאָפּאָט וועט זײַן. וואָס קאָן מען טאָן, פאַרשפּאַרט זײַן אין אַ געטאָ בײַ נאַצי־דײַטשן איז פאָרט ניט קיין צו גרויסער פאַרגעניגן.

פּלוצעם איז אין צימער ווידער אַרײַנגעפאַלן דעם יאַטלס מוטער.

שוין! שפּעט! אַ סוף צו אַלץ! ניטאָ איר בן־יחיד, איר אויג אין קאָפּ! די ערד האָט אים צוגעדעקט. אַ לעבעדיקן באַגראָבן צוזאַמען מיט אַלע הרוגים. די מוטער האָט געוויינט, געיאָמערט, געבראָכן די הענט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ.

צוקלײַבנדיק לאָגישע און וואָגיקע אַרגומענטן האָט פינקעל־

גאָלד געפּרוּווט טרייסטן די פרוי. אָט, אין דער זעלבער בריגאַדע זענען געווען אפשר אַ פּאָר הונדערט ייִדן, און די קויל האָט געטראָפן דווקא איר זון. טאַקע שרעקלעך, שוידערלעך! וואָס קאָן מען אָבער מאַכן? אַזוי איז שוין באַשערט. הײַנט — ער, מאָרגן — אַ צווייטער. ס'איז גורל, גאָטס ווילן... די צײַט איז אַזאַ...

דער הער פיליפּ פינקעלגאָלד האָט זיך ניט באַנוגנט מיט טרייסטווערטער. זאָל וויסן די שווער־געליטענע, אַז מע פילט איר מיט. מסתּמא איז זי ניט אומזיסט געקומען אַ צווייט מאָל... און הגם ער האָט זײַן „מלאכל״ קיין זאַך ניט געקומט (נעכטן האָט ער פּאָר יענעמס טירחה אַרויסגעגעבן דער מאַמען אַן אַוואַנס — אַ לעבל ברויט און אַ האַלבן קילאָ אַרבעס), האָט פינקעלגאָלד אַרויסגע־נומען פון שפּײַזאַלמער אַ שטיק ווייצנברויט און אַ פול פּאַפּירן זעקעלע. דערלאַנגענדיק עס דער פרוי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז אינעם זעקעלע איז צוקער. צוקער — מלחמה־צײַט, און נאָך אין געטאָ!

אָנשטאָט צוצונעמען און זאָגן אַ דאַנק, האָט די פרוי מוראדיק אַ ריטשע געטאָן און איז גאָר אַנטלאָפן.

דער הער פיליפּ פינקעלגאָלד האָט זי פאַרשטאַנען. נאָר אויך זי האָט געמעגט פאַרשטיין, אַז ער איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק. זײַן געוויסן איז אַבסאָלוט ריין, כאָטש די גאַנצע געשיכטע איז באמת אומאָנגענעם, באמת פּײַנפול, באמת טראַגיש.

וואָס איז אים געבליבן צו טאָן? ער האָט אַרײַנגעלייגט צוריק אין אַלמערל דאָס ברויט און דעם צוקער, האָסטיק זיך אָפּגעראַ־זירט, איבערגעטאָן אַ בעסערן בגד. בשעת מיטן אויסשרײַבן אַ נײַעם אַרבעטשײַן וועט אויסקומען זיך ווענדן צו בעלי־דעות פון צווישן די ייִדן, דאַרף מען אויסזען לײַטיש.

מיושבדיק, טראָט בײַ טראָט איז ער געגאַנגען נאָכן נײַעם דאָ־קומענט, און זײַנע מחשבות האָבן זיך געדרייט אַרום נײַעם „מלאך״ צי „מלאכל״, וועלכן מע וועט אומבאַדינגט נאָך הײַנט אָוונט מוזן געפינען. אַניט וועט ער דאָך מוזן אויפשטיין מאָרגן גאָר־גאָר פרי... און צום געטאָ־טויער... צו צוואַנגאַרבעט...

# אייביק!

פאַרשיכּורט פונעם ליבע־עקסטאַז, האָט דער געניאַלער תּנכישער אַנאָנים, דער מחבר פון „שיר השירים״, פּאַטעטיש אויסגערופן:
„עזה כמוות אהבה״ — שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע!

אָבער דאָס לעבן? צי זאָגט דאָס לעבן יאָ צום דאָזיקן אוראַלטן זאָג, אָדער איז עס בלויז אַן עקזאַלטירטע פראַזע, וואָס איר הייבאַם איז אַן אויפשוווּנג פון עמאָציעס אין אַ געבענטשער פּאָעטישער רגע?

אָ, ניין! ניט קיין עקזאַלטירטע פראַזע, און טאַקע אַליין דאָס לעבן דערווײַזט אָפט איר וואָרהאַפטיקייט. אָט בין איך אַן עדות פון אַן אומפאַרגעסלעך טראַגיש געשעעניש. אַן אויטענטיש געשעעניש. ברענג איך עס מיט די אויטענטישע נעמען פון די נוגע־בדבר. זאָל עס אויך דינען פאַר זיי אַ שטיקל אַזכּרה, אַ באַשיידענער רעקוויעם אַזאַ. —

...דערהערנדיק דאָס גערויש פון אַן אָנקומענדיקן אויטאָ, האָבן מיר, עטלעכע ייִדן, האַסטיק זיך צוריקגעצויגן פון דער גאַס און זיך פאַרטײַעט הינטער אַ טויער פון אַ הויז. מיר האָבן שוין געוווּסט, ווער עס מעג קומען אין געטאָ אויף אויטאָס. און אויך גוט געוווּסט, אַז קיין גוטס ברענגען זיי אונדז קיין מאָל ניט.

דורך אַ שפּאַרע אינעם הילצערנעם טויער האָבן מיר אַרויס־געקוקט און געזען, אַז ס׳האָט זיך אָנגעטראָגן אַ לענגלעכע ברוינע מאַשין מיט אַ צוגעפּלעטשטן פאָדערשטן טייל, ווי דער שנוק בײַ אַ קראָקאָדיל, און געבליבן שטיין לעבן אַ הויז אַנטקעגן איבער. פון דער מאַשין זענען אַרויסגעקראָכן צוויי אין גרין־גרויע נאַצישע אוניפאָרמען. פאַרריכט די שוואַרצע קראַוואַטן, האָבן זיי זיך אומ־

געקוקט אין די זײַטן, אָפּגעשטימט, ווי ס'האָט אויסגעזען, דעם נומער פון הויז.

— גאָט מײַנער, געסטאַפּאָ! — האָט דערשראָקן אַ שעפּטשע געטאָן עמעצער לעבן מיר. — טוט אַ קוק אויפן לינקן אַרבל...

כ'בין געווען זיכער, אַז פּונקט ווי איך, האָבן אַלע אַנדערע אויפגעציטערט, דערזעענדיק דעם שרעקלעכן צייכן.

די צוויי געסטאַפּאָ־לײַט האָבן באַקוקט דאָס הויז פון אַנטקעגן איבער. איינער פון זיי, דער נידעריקערער, און ווײַזט אויס אויך דער נידעריקערער אין ראַנג, האָט זיך שטראַם אויסגעצויגן פאַרן שטאַרק העכערן פון אים, צוקלאַפּנדיק די אָפּצאַסן פון זײַנע שטיוול, און דערנאָך פאַרשוווּנדן אינעם הויז. באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט אַ הויכן מאַנצביל און אַ שלאַנקער פרוי.

— לאָזט, לאָזט, — האָב איך מיר אַ צי געטאָן נענטער צו דער שפּאַרע אינעם טויער.

כ'האָב געקענט דאָס פּאָרפאָלק וואָס מע האָט אַרויסגעפירט. ניט קיין נאָענטע קאַנטשאַפט, אָבער געוווּסט, אַז ער, אַלכּסנדר בלומענטאַל, שטאַמט פון ליטע און געווען אַ שווייצאַרישער בירגער; זײַן פרוי, הענריעט, אַ קריסטין פון בעלגיע. די מלחמה האָט זיי געטראָפן דאָ, ווו אַלכּסנדר האָט געהאַט זײַנע עלטערן, און אָפּגעשניטן דעם וועג אַהיים.

אויסגעהערט דעם הויכן דײַטש וואָס האָט זיי עפּעס דערקלערט, טײַטלענדיק די גאַנצע צײַט מיטן ווײַזפינגער פון דער רעכטער האַנט, האָבן ביידע בלומענטאַלס זיך אומגעקערט אין הויז, באַגלייט פונעם נידעריקערן דײַטש.

דער העכער'ער אין וווּקס און אין ראַנג איז געבליבן בײַם אויטאָ — אַן אויסגעטריקנטער, סוטולעוואַטער דראַנג מיט אַ לענג־לעך פּנים און שפּיציקן קין. ער האָט מיטן שנויץ פון זײַנעם אַ שטיוול געקלאַפּט אין די שינעס, ווי אויספּרווונדיק, צי ס'איז גענוג אָנגעבלאָזן לופט. דערנאָך, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן רוקן אין דער מאַשין, איז ער פאַרגליווערט שטיין געבליבן.

דאָס אַלץ איז געשען אין אַ וואַרעמען זומערדיקן נאָכמיטאָג.

דער הימל איז געווען לויטער, בלוי. די זון האָט געגאָסן איר וואַרעמע שײַן אויף די גרויע, הילצערנע איינ־ און צוויי־גאָרנדיקע הײַזער לעבן שמאָלן טראָטואַר פון צעשפּאָלטענע בעטאָנענע פּליטן. ס'האָט אויסגעזען, אַז רינגס אַרום האָט אַלץ אויף עפּעס געוואַרט — דער ברוינער, לענגלעכער אויטאָ מיטן צוגעקלעפּטן צו אים געסטאַ־פּיסט; מיר — הינטערן טויער; די פּאַרטײַעטע יִדן אין אַנדערע הויפן און שטיבער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די זון אין הימל איז פּאַרגליווערט געוואָרן אין דערוואַרטונג.

ענדלעך האָבן אויפן שוועל פונעם הויז אַנטקעגן איבער זיך באַוויזן דער נידעריקער דײַטש. נאָך אים — די בלומענטאַלס, אָנגע־טאָן אין בעסערע בגדים, מיט מאַנטלען אויף די הענט, מיט טשע־מאָדאַנען. אַרויסבאַגלייט האָבן זיי צוויי פרויען און אַן עלטערער מאַנצביל. מע האָט זיך גענומען געזעגענען, זיך געדריקט די הענט, געקושט זיך.

ביידע דײַטשן האָבן געדולדיק געוואַרט, ביז די געזעגענונג־צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט. דעמאָלט האָט דער העכערער דײַטש געעפנט דאָס טירל פון דער מאַשין, מיט אַ העפלעכן זשעסט פאַרבעטן אַהין דאָס פּאָרפּאָלק. אַפילו געהאָלפן דער יונגער דאַמע אַרײַנשטעלן איר טשעמאָדאַן.

דער אויטאָ האָט זיך צעזשומעט, אַרויסגעשטויסן אַ בלוילעך וואָלקנדל רויך און זיך אָפּגעריסן פון אָרט.

מיר האָבן לאַנג געקוקט אויפן אויסגעליידיקטן געסל. פאַר־בײַגייערס האָבן אַלץ זיך ניט דערוועגט צו באַווײַזן. בלויז די וואָס האָבן באַגלייט די בלומענטאַלס, זענען אַרויף אויפן ברוק און, אַזוי ווי מיר דורכן געעפנטן פאָרטל אינעם טויער, געקוקט אַהין ווו דער אויטאָ איז פאַרשווונדן. לסוף זענען מיר אַרויס פון הינטערן טויער און צוגעגאַנגען צו זיי.

— אָט, גליקלעכע מענטשן! קיין שווייצאַריע אָפּגעפאָרן! — האָט מיט באַגײַסטערונג און מיט אַ קענטלעכער קינאה אונדז גע־לאָזט וויסן אַן עלטערע פרוי מיט אַ צעקנייטשט פּנים, איינע פון די אַרויסבאַגלייטערס.

קיין שווייצאַריע? פון הינטערן שטעכלדראָט — אין דער נייטראַלער, רויִקער שווייצאַריע? צו פֿאַנטאַסטיש, עס זאָל זײַן אמת.

דערפילט דעם אומצוטרוי צו אירע רייד, האָט די פרוי, מאָדנע זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, גענומען אונדז פאַרזיכערן:

— יאָ, יאָ, מיט מײַנע אייגענע אויערן געהערט. דער דײַטש האָט זיי געהייסן גוט און שיין זיך אָנטאָן, מיטנעמען די בעסטע זאַכן. צו פופצן קילאָ אויף אַ פערזאָן. אויב גוטע זאַכן, האָט ער דערלויבט מיטנעמען מער ווי פופצן קילאָ. און די ווערטפּאַפּירן זאָלן זיי ניט פאַרגעסן מיטנעמען, און דאָס גאַנצע געלט וואָס זיי פאַרמאָגן, און דאָס גאָלד און צירונג. איך פאַרשטיי דײַטש און האָב גוט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. און אויך אַז דער שווייצאַרישער קאָנסול אין ליטע האָט זיך געזאָרגט וועגן זיי. איז פאַר זיי אָנגעקומען די דערלויבעניש צו פאָרן קיין שווייצאַריע. וואָס איז דער וווּנדער — שווייצאַרישע בירגערשאַפט! דער דײַטש האָט אַפילו געזאָגט, אַז די רײַזע מיטן עראָפּלאַן ביז בערלין איז באַצאָלט. און דאָרטן וועט שוין דער שווייצאַרישער אַמבאַסאַדאָר וועגן זיי זיך זאָרגן. וועט דעקן אַלע קאָסטן...

דער מאָנצביל פון צווישן די באַגלייטערס האָט שווער אָפּגעזיפצט. באַקוקט אַלעמען ווי וועלנדיק זיך איבערצײַגן, אַז מע מעג רעדן אָפן, האָט ער פאַמעלעך, פאַמעלעך מיט אַ געדעמפט קול און אָנגעשפּיצט אומקוקנדיק זיך אַלע ווײַלע, געלאָזט הערן וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן:

— מעגלעך, עמעצער אין אויסלאַנד האָט טאַקע זיך געזאָרגט וועגן די בלומענטאַלס. מעגלעך, זיי אַליין האָבן געמאַכט אַוועלכע שריט אומצוקערן זיך אַהיים. אָנגעגעבן בקשות, דערקלערונגען... איז עס דערגאַנגען צו געסטאַפּאָ... מיר געפעלט ניט, מיר געפעלט זייער ניט, ווי דער הויכער דײַטש, דער דראָנג, האָט צו לעצט געזאָגט צום שאָפער... איך קען אויך דײַטש. און גאָר גוט... און געזאָגט האָט ער: „אַלזאָ, צום פלוגפלאַץ, צור הימעלפאַרטס־רײַזע!" ס'הייסט, צו אַ נסיעה אין די הימלען...

ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט אַן אָנגעשפּאַנטע, ווייפּולע שטיל־

קייט, ווי נאָך אַ לוויה. ס'האָבן געשוויגן די באַגלייטערס פון די אָפּגעפּאָרענע. מיר האָבן אויך ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. ס'לשון איז בײַ אַלעמען אָפּגענומען געוואָרן.

שטיין אין אַ געזעמל אין מיטן גאַס האָט מען אין געטאָ ניט געטאָרט. קיינער האָט אָבער ניט געקאָנט אַוועקגיין, ניט האָבנדיק אויסגעקלאָרט די אומגעוויינטלעכע געשעעניש: געטאָ־אַסירים זאָלן האָבן אָפּגעפלויגן קיין שווייצאַריע?

— אויך מיר געפעלט ניט די געשיכטע, — האָט פּלוצעם שטיל אָנגעהויבן די צווייטע פרוי, וואָס'ט אַרויסגעבאַגלייט די בלומען־טאָלס. — פון העלער הויט איז נעכטן הענריעט בלומענטאַל אַרויס־גערופן געוואָרן אין געסטאַפּאָ. צוריקגעקומען איז זי אַ צעטראָ־גענע, אַ צעבראָכענע. איך בין געווען אין דער היים און אַלץ געזען. איר מאַן איז צו איר צוגעשטאַנען: „וואָס האָט מען געוואָלט פון דיר?" זי האָט ניט געענטפערט, איז אַרויפגעפאַלן אים אויפן האַלדז און זיך צעיאָמערט. פאַר וואָס זי האָט געוויינט, האָט זי מיר שפּע־טער אויסגעזאָגט, בעת מיר זענען געווען אַליין.

— נעכטן האָט זי געוויינט און הײַנט איז זי אפשר די גליק־לעכסטע אין דער וועלט, — האָט האָפּערדיק צוגעגעבן די פרוי מיטן צעקנייטשן פּנים.

— די גליקלעכסטע? — האָט אויפגעציטערט די יִינגערע.

— נו, ווייסט איר, ניטאָ קיין גליקלעכע צווישן אונדז און קאָנען ניט זײַן... כ'וועל אַרויסגעבן דעם סוד... הענריעט האָט מיך פאַר־שווירן קיין וואָרט ניט צו זאָגן איר מאַן. אָבער אײַך מעג איך, דאַרף איך. זאָל עס זײַן אַ לערע... מע האָט איר פאָרגעלייגט זיך שיידן פון מאַן, פאַרלאָזן די געטאָ. וועט זי קאָנען זיך אומקערן אַהיים. צי פּאַסט עס פאַר אַן אַריערין צו שטעקן הינטערן שטעכלדראָט צוזאַמען מיט די פון גאָט פאַרשאָלטענע?.. זי איז ניט מסכּים געווען, אויף קיין פאַל ניט מסכּים געווען. און הײַנט קומט אויס, אַז ביידן האָט מען באַפרײַט... אָרעמע, אומגליקלעכע הענריעט...

געזאָגט עס, איז די פרוי אַוועק, ווי ניט האָבנדיק מער וואָס

צוצוגעבן. אַלע זענען שווײַגעוודיקע, פאַרקלעמטע, פאַרטראַכטע זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

איך האָב געטראַכט, אַז הענריעט איז ניט בלויז אַן אָרעמע, אומגליקלעכע. ווי זאָל מען אָנרופן אַזאַ, וואָס האָט ניט געוואָלט פאַרן פרײַז פון מקריב זײַן איר ליבע קויפן די פרײַהייט און אויך דאָס לעבן? נאָר צי דען, צי טאַקע?

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן מיר אויף דער צוואַנגאַרבעט זיך געטראָפן מיט סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע. אָפּגעוואַרט אַ מאָמענט, ווען די וואַכלײַט האָבן כאַפּנדיק אַ שמועס זיך אָפּגערוקט פונעם אַרבעטפּלאַץ, האָט איינער פון די קריגס־געפאַנגענע, אַ רוס, זיך געווענדט צו אונדז:

— זאָגט, האָט מען די טעג אַרויסגעפירט פון אײַער געטאָ אַ פאַרפאָלק, אַ הויכן מאַן, אַ שלאַנקע פרוי? ביידע מיט געלע שטערן אויפן ברוסט און רוקן. מ'האָט זיי געבראַכט אין אונדזער לאַגער. מיר האָבן עס געזען. דײַטשן זשעניִרן זיך ניט...

איך האָב זיך אָנגעשפּיצט. גענומען אויספרעגן, פאַרפינקט־לעבן.

ס'איז צונויפגעפאַלן די צײַט פון טאָג — פאַר נאַכט. ס'האָבן געשטימט די אַנדערע פּרטים. דאָס זענען געווען די בלומענטאַלס, באַגלייט פון די זעלביקע צוויי דײַטשן. מיט פּיסטאָלעטן אין די הענט האָבן זיי צוגעפירט דאָס פאָרפאָלק צו די שטענדיק גרייטע גריבער אויפן בית־הקברות פונעם לאַגער, און געהייסן אויסטאָן די אייבערשטע זאַכן. דערנאָך האָט דער העכערער דײַטש אָפּגערופן די פרוי אין אַ זײַט, עפּעס גערעדט צו איר, געוואָלט, אַ פּנים, זי צו עפּעס צורעדן. אַפילו געהאַט זײַן געווער אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. און ווײַטער גערעדט דראָענדיק מיטן אויפגעהויבענעם ווײַזפינגער. פּלוצעם האָט די פרוי זיך אַ ריס געטאָן צום מאַן, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער גרוב, באַוואַכט פונעם נידעריקן דײַטש מיטן פּיסטאָלעט אין האַנט. צוגעלאָפן צום מאַן, אַרויפגעפאַלן אים אויפן האַלדז...

דער העכערער דײַטש האָט אַ ווונק געטאָן צו זײַן געהילף, און

יענער האָט מיט אַ קויל אין נאַקן אויסגעלאָשן דאָס לעבן פון מאַן. געוואַרט ביז דער טויטער האָט זיך אַראָפּגעקוילערט אין גרוב אַריַין, האָט דער שיסער געווענדט זיַין בליק צום באַפעל־געבער. ס׳איז געקומען דער צייכן אויסצולעשן דאָס לעבן אויך פון דער פרוי...

„שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע... אירע פלאַמען זענען פלאַמען פיַיער, אַ פלאַקער פון גאָט. גרויסע וואַסערן קאָנען ניט פאַרלעשן די ליבע, און טיַיכן וועלן זי ניט אָפּשווענקען." — אַזוי ווערט געזאָגט אין „שיר השירים", איבערגעזעצט אויף ייִדיש דורך יהואָשן.

פשוט, קלאָר, וואָרהאַפטיק און — אייביק!

## דאָס איין־און־איינציקע שליחות

פּנימער, פּנימער, קאַנוווּלסיוו אויפצוקנדיקע פּנימער פון אַ מוטנעם מיש־מאַש אַרויס.

און מיט טענות, מיט ביטערע טענות אין זייערע גרויסע, אויפ־געריסענע, ייִדישע אויגן, געווענדטע צו אים, צו אים...

אַ סך, אַ סך אומבאַקאַנטע פּנימער. און באַקאַנטע. איינס פון זיי — אַ גוט באַקאַנטס, האָט זיך אַנגעצונדן אונטער אַ שוואַרצן קאַפּעליוש. און זיך פאַרלאָשן. געבליבן ברענען די וואַנצעס, די ליפּן, די באָרד. אַ רויטע, בלוט־רויטע באָרד. און דאָס מויל האָט געשפּריצט פלאַמפײַער. און פלאַמפײַערדיקע רייד, שטאַרק אײַנ־געקריצטע אין זײַן זכּרון, פון פריִער גוט באַקאַנטע רייד האָט דאָס מויל איצט ווידער אַרויסגעשטויסן מיט גרויס קוראַזש, מיט עקזאַל־טאַציע.

די רייד האָבן אַנגעצונדן ס׳געווימל קאַנוווּלסיוו אויפצוקנדיקע פּנימער, און אַ ווייגעשריי, אַ הילף־בעטנדיק געשריי האָט לסוף אַרויסגעפּלאַצט פון די ברענענדיקע פּנימער. ס׳געשריי איז געווען אימהדיק און קלאָר: „די צײַט איז געקומען! די צײַט איז געקומען, דאָקטער לעאָ ענאָר!״

— עטי, עטי! — האָט קרעכצנדיק זיך אַ הייב געטאָן אויפן געלעגער דער דאָקטער.

זײַן פרוי, געשלאָפן אין די זאַכן דערנעבן אויף אַ טאַפּטשאַנדל, איז אויפגעשפּרונגען, אַראָפּגענומען די פאַרטונקעלונג־טוך פונעם איינציקן פענצטערל אין זייער קאַמער, וואָס זײַנע שײַבלעך האָבן נאַכטרעשטן געהאַט פאַרצויגן מיט פײַכטע, טונקל־גרויע בעלמעס. דורך זיי האָט דער דרויסן געפּרוווט אַרײַנמישן אינעם פינצטערניש פון דער קאַמער אַ ביסל פאַרשמאַכטע שײַן.

— אוי, לעאָ, האָסט שווער געאָטעמט. און געקרעכצט... — איז די פרוי צוגעפאַלן צום מאַן.

— עטי, ליבע עטי, — האָט דער דאָקטער זיך אַרומגעקוקט אין דעם כּמעט־חושך, — דער זעליגער הרב שטיקלער, אַ רויטע באָרד האָט ער געהאַט?

— אַך וואָס, לעאָ! אַ שוואַרצע, אַ שוואַר־צע... אוי, האָסט שווער געקרעכצט אין שלאָף. געבן אַ טרונק? און שלאָפן קאָן מען נאָך. אַ שטילע נאַכט אין געטאָ. בלויז דאָס שיסערײַ אַרום די צוימען. ניט קיין נײַעס. מע וואָרנט, ייִדן זאָלן פון געטאָ ניט פּרוּוון לויפן. ווײַט־ווײַט הערט מען עפּעס... דער פראָנט. דאָרטן קאָכט זיך עס. אין געטאָ איז שטיל. אַרויסגאַנג־פאַרבאָט. קאָן מען שלאָפן.

— ש־ל־אָ־פ־ן? — האָט מיט חידוש פונאַנדערגעצויגן דער דאָקטער. — געַנוג געשלאָפן. אַלזאָ, אין אונדזער עלטער ווערן נאַכטרוימען אָפּגעמעקט, ווי נאָר מ׳עפנט די אויגן. אָבער דאָס מאָל... דער הרב שטיקלער, נאָר מיט אַ רויטער, מיט אַ ברענענדי־קער באָרד. און זײַנע רייד פון מיט דרײַ יאָר צוריק...

— צו דערמאָנען וואָס מיט דרײַ יאָר צוריק. זיך אויפרעגן, — האָט אים איבערגעהאַקט די פרוי. — זייער נייטיק, וואָס?

— נייטיק, עטי. אומבאַדינגט נייטיק!

פאַמעלעך ז׳דער דאָקטער אַראָפּגעזונקען אויפן קישן. געבליבן ליגן מיטן פּנים אַרויף. געלעגן פאַרגליווערט, אין אַ דרעמלנעץ אַרײַנגעפאַלן. בלויז דער זכּרון. ער איז וואַך געווען אין אַ מאָדנע קלאָרער, רעאַלער וועלט... שוין דרײַ יאָר ווי דער זכּרון זײַנער טראָגט אין זיך ווייטיקדיק־פריש יענעם טרויעריקן צונויפקום, די אַסיפה, וואָס דער שטאָט־רב האָט אויפן באַפעל פון די דײַטשן געמוזט צונויפרופן. די פאַרבעטענע זענען צעשראָקן, אַנגעשפּאַנט. אין דער דושנער לופט פון הייסן זוניקן נאָכמיטאָג פּילט מען — ס׳הענגט איבער אַלעמענס קאָפּ דער בלוט־טריפנדיקער נאַצישער מעסער, וואָס געוועלטיקט אין שטאָט... ווי זיי זינגען דאָרטן: „ווען ס׳יודנבלוט פון מעסער טריפט, גייט׳ס נאָך מער גוט...״ און אין דער

שפּאַנונג וואָס האָלט אײַנגעקלעמט די פּאָר צענדליק פּאַרזאַמלטע, הערט ניט אויף צו פּויקן דער אָפּהילך פונעם באַפעל, וואָס דער ברוין־אוניפאָרמירטער דײַטשישער שליח האָט דאָ אָפּגעגעבן. דעם באַפעל האָט פאַרזיגלט די וואָרענונג, אַז אויב אין זעכציק מינוטן אַרום וועט ער קומען און ניט קריגן די ליסטע פון אַ יודנראַט אין באַשטאַנד פון דרײַ ראַבינערס, פינף ייִדישע פּראָמינענטן, אין שפּיץ מיט אַן אָבעריודע — צום אויסהערן און אויספירן באַפעלן וועגן אויפשטעלן אַ סעפּאַראַטן „יודנפערטל", אַ געטאָ, וועלן פּאָר נאַכט דערשאָסן ווערן די צוויי טויזנט צונויפגעבאַפּטע ייִדישע פרויען און קינדער, וואָס מע האַלט זיי הינטערן שטאַט אין אַן אַמאָליקן שוצגראָבן... אָפּגעגעבן דעם באַפעל אויפן שוועל פון דער אָפענער אַרײַנגאַנג־טיר, אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגער, אויסגעקערעוועט זיך, פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

אויפן באַפעל פון דײַטש אויפגעשטאַנענע און צו אים צוגע־ווענדטע, האָבן די פאַרזאַמלטע לאַנג ניט געקאָנט אָפּכאַפּן אָטעם, זיך אַנידערזעצן. אָבער דאָס טיקען פונעם זייגער וואָס האָט גענומען אָפּרײַסן די מינוטן פון דער שעה, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין זייער רשות, האָט ווי געצווונגען גיכער, גיכער באַשליסן, גיכער, גיכער מקיים זײַן די אייביקע, די גרויסע מיצווה פון ראַטעווען ייִדישע לעבנס. אַ געטאָ — אפשר וועט דאָס לעבן פון ייִדן הינטער אַ צוים אויפהערן צו זײַן הפקר. אַ צוים וועט גאָר שיצן פון די כּלערליי ציווילע און אוניפאָרמירטע רוצחים, וואָס בושעווען אין שטאָט, פאַרגיסן ייִדיש בלוט אַן אָפּהאַלט און אָפּקלײַב, ראַבעווען פראַנק און פרײַ ייִדיש האָב־און־גוטס. און ווידער — די גרויסע מיצווה, דער הייליקער חוב צו ראַטעווען צוויי טויזנט ייִדישע פרויען און קינדער!

אַ יודנראַט — ווי אַ יודנראַט. מע האָט זיך צונויפגערעדט, אויפגעשטעלט. און צו אים, צום דאָקטער לעאָ ענאָך, איז מען צוגע־שטאַנען, ניט אַנדערש — ער און נאָר ער מוז עס ווערן דער אָבעריודע. זײַן שטאָלטיק אויסזען און אינטעליגענץ — ער רעדט פּערפעקט דײַטש, האָט געענדיקט מעדיצין אין דײַטשלאַנד, איז

געווען ביז היטלערן דער דאָקטער פון דער היגער דײַטשישער אַמבאַסאַדע... ווער טאַקע ער ווי געהעריק רעפּרעזענטירן די גרויסע ייִדישע עדה, געפינען אַ צוגאַנג צו די מושלים. ער איז אַ וואַרעמער ייִד, איז געבאַפּערט פון אַלעמען ווי אַ מענטש מיט האַרץ און געוויסן... און ער, לעאָ ענאָך, — ניין און ניין! קאַטעגאָריש ניין! ביז דער הרב שטיקלער... אויפגעשטעלט האָט ער זיך — אַן אײַנגעשרומפּענער, פאַרקלעמטער — און הייס זיך צערעדט, גענומען שיטן מיט פסוקים און דערווײַזן, און געבעטן, און שטרענג אַפּעלירט, און האַרצרײַסנדיק צום סוף אויסגעשריִען: „די דײַטשן פאַרלאַנגען, מיר זאָלן זיי צושטעלן אַן אָבעריודע. פאַר אונדז וועט איר, דאָקטער לעאָ ענאָך, זײַן דער ראָש־הקהל אין זינען פון דער שיינער ייִדישער טראַדיציע. און ווען די צײַט וועט קומען, וועט איר, טאַקע איר, אונדז פירן קיין ארץ־ישׂראל!" אויסגעשריִען, זיך פונאַנדערגעוויינט. און אַ סך האָבן זיך געווישט די טרערן... האָט ער, דער דאָקטער, נאָכגעגעבן. און די דײַטשן האָבן דעמאָלט ס'איינציקע מאָל, מיט אַ כּוונה — מע זאָל זיי גלייבן, פאָלגן — געהאַלטן וואָרט: אַרויס־געלאָזט די פרויען און קינדער. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַנט, דער דאָקטער ענאָך, אינעם יאָך, געמיינט, געהאָפט, ער וועט אָרנטלעך רעפּרעזענטירן, שטיין אויף דער וואַך פון ייִדישע אינטערעסן. אין געטאָ וועט ער אײַנפירן גערעכטיקייט, ווי ס'הייסט בײַ ייִדן — צדק און יושר. געמיינט, געהאָפט... האָבן מענטשן אַרום אים געטענהט, ער זאָל קיין קלעמעניש ניט האָבן, געטרייסט, אַז אויף אַ קרומען פּוס קאָן מען קיין גלײַכן שוך ניט אויפנייען. און ייִדן האָבן געבעל־הבתּעוועט. און די דײַטשן האָבן געריסן שטיקער פון דער געטאָ... איז אים געבליבן וואַרטן אויף אַ מאָמענט צו קאָנען אויסגעלייזט ווערן פונעם יאָך. און זיך דערוואַרט. און איצט הערט ער ווידער געשרייען, מע וועקט אים, מע פאָדערט...

— עטי, עטי, — האָט דער דאָקטער זיך ווי אויסגעטשוכעט, — איצט שרײַט דער רעשט פון אונדזערע ייִדן מיט דער שטים פון הרב שטיקלער. דער רב איז אומגעקומען אין אַן אַקציע. מסתּמא דערשאָסן, פאַרברענט אויף אַ שײַטער. אַרויף אין די הימלען. איצט

שרײַען גאָר די ייִדן מיט זײַן שטים, אַז די צײַט איז געקומען. מוז איך זיי פירן קיין ארץ־ישׂראל.

— לעאָ!

— האָב ניט קיין אַנגסט. כ׳בין בײַם פולן פאַרשטאַנד. אַזוי לאַנג, ווי איך בין עס, מוז איך...

ווי עמעצער וואָלט אים אַ הייב געטאָן, איז דער דאָקטער האַסטיק אויפגעשטאַנען, גענומען זיך אָנטאָן, בײַקומענדיק די כראָניש געוואָרענע ריעוומאַטישע ווייטיקן זײַנע. שווער שטעלנדיק אַ טראָט איז ער אַרײַן אין זייער קיכל זיך וואַשן. און אַלץ — אינעם האַלב־טונקל פונעם ערב־טאָג. קיין שײַן טאָר ניט אַרויסשפּריצן פון אַ פענצטער אין געטאָ. נעכטן איז דאָך די צען טויזנט דאָ פאַרבליבענע ייִדן באַפוילן געוואָרן ניט שטעלן זיך הײַנט צו דער אַרבעט, בלײַבן אין די שטיבער און גרייטן זיך צו עוואַקואַציע... נו יאָ, אין מיזרח פאַרקײַכט זיך דער האָריזאָנט. די סאָוועטן... מע רעדט — זיבעציק־אַכציק קילאָמעטערס פון דאַנען קאָכט דער פראָנט... און נאָך איז אָנגעזאָגט געוואָרן די ייִדן: ניט באַהאַלטן זיך אין קיינע „פאַרשטעקלעכער״, ווײַל די געטאָ ווערט אָפּגעמעקט ווערן... און באַלד זענען צונויפגעכאַפּט געוואָרן פינף הונדערט ייִדן, וואָס האָבן ניט באַוויזן אַרײַן אין זייערע שטיבער, און מע האַלט זיי שטרענג באַוואַכט אונטערן פרײַען הימל אין הויף פון יודענראַט, ביז עס וועלן גרייט זײַן טראַנספּאָרט־מיטלען.

כּמעט אין דער פינצטער האָט דער דאָקטער ווי ניט איז זיך אָפּגעראַזירט מיט זײַן לעצטן טעמפּן זשילעט־מעסערל און זיך גענומען וואַשן — ס׳פּנים, דעם קערפּער ביזן גאַרטל, ווי וועלנדיק אָפּרייניקן פון זיך דעם שמוץ פון דער פאַסקודנער וועלט. איבערטראַכטנדיק אַז ער טוט עס צום לעצטן מאָל, האָט ער אינטענסיוו זיך געוואַרשן, בכדי אָוועקצוגיין פון דער וועלט אַ ציכטיקער, ריינער.

אַרײַנגעשטעלט זיך צוריק אין זייער קאַמער, האָט ער מיט אַ ניט־ווילנדיק אַרויסגעלאָזטן זיפץ אַראָפּגעהויבן פון אַ טשוועק אויף דער וואַנט זײַן שוואַרצן גאַרניטער, וואָס אים, ווי אַן אָבעריודע, האָט מען, צום חוזק, איבערגעלאָזט אָנצוטאָן, ווען ער וועט אַרויס־

גערופן ווערן אין שטאָט אַרײַן אָדער אין געטאָ צו קריגן באַפעלן אָדער אויסהערן פאָדערונגען צו די געטאָיִידן מצד דער „מאַכט". די גרויסע געלע מגן־דודס אויפן רעקל האָבן פאַרשמאַכט אַ שימע־ריר געטאָן, און אויך דער העלער אָרעמבאַנד אויפן לינקן אַרבל מיט דער שוואַרצער אויפשריפט Oberjude האָט אָנמאַכטיק געטאָן אַ ריץ די געדיכטע, דומפּיק־גרויע לופט אין דער קאַמער.

— צו וואָס? — האָט די פרוי אויפגעציטערט. — קיינער האָט דיך ניט גערופן.

אויפגעציטערט און ניט געקאָנט פאַרשטיין: ער איז שוין אויס אָבעריודע, איר לעאָ, זינט די געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַצעט. דער נײַער הויכראַנגיקער מושל, אַן אָבערשטורמבאַנפּי־רער פון עס־עס, האָט גאָר גיך ליקווידירט דעם יודענראַט מיט דער טענה, אַז די ייִדן האָבן דאָ אַ סאַנאַטאָריע און ניט קיין „יודן־קאָנצענטראַציע". מיטן ניוך פון אַ רוויב־חיה האָט ער דערפילט, ווער פון די פריִערדיקע ייִדישע בעלי־דעות וועט געהאָרכיק אויס־פירן באַפעלן, ווער וועט ניט פאַרלאַנגען קיין דערקלערונגען, ניט דערוועגן זיך עפּעס צו בעטן, שוין אָפּגערעדט — פאָדערן עפּעס, ווי איר לעאָ האָט עס שוין באַוויזן צו טאָן. איז ער געווען דער ערשטער וועלכן דער נײַער שררה האָט באַפוילן „בלײַבן צו האַוזע, און אַז מע וועט אים האָבן נייטיק, וועט מען אים קומען רופן"...

— לעאָ! — האָט די פרוי פאַרשטעלט דעם וועג איר מאַן, וואָס איז שוין געשטאַנען אין זײַן שוואַרצן בגד, אויפן קאָפּ — דער האַרטער שוואַרצער קאַפּעליוש, ווי אַ מאָל בעתן פאָרן אָדער גיין וויזיטירן קראַנקע, און די לעצטע צוויי און אַ האַלב יאָר — אין דער קאָמפּעטענץ פון אָבעריודע. — גיי ניט, מע האָט דיך ניט גערופן, — האָט זיך געבעטן די פרוי. — און ניט־געגעסן, ניט־געטרונקען. פאַראַן קאַלטע קאַרטאָפל. כ'ל אָנוואַרעמען די גערשטן־קאַווע. אַ שטיקל ברויט מיט מערן־פאַווידלע. כאַפּ איבער ס'האַרץ.

כאַטש אַ שאָד איז אים געווען דאָס ביסל שפּײַז, וואָס ער פאַרתּכלעוועט, האָט ער דאָך געטאָן עטין צו ליב, איבערגעכאַפּט

ס'האָרץ און שוין געווען גרייט אַוועקצוגיין. זי האָט געמאַכט נאָך אַ פּרוּוו אים איבערצורעדן:

— קיינער איז ניט געקומען נאָך דיר. ביסט אויס אַבעריוּדע, און ס'איז אַן ארויסגאַנג־פאַרבאַט.

— ס'איז אָבער נייטיק. זייער נייטיק, כ'זאָל גיין. אומבאַדינגט נייטיק. און כ'קום באַלד צוריק, — האָט דער דאָקטער באַרויִקט זײַן פרוי ווייסנדיק, אַז צום ערשטן מאָל אין לעבן זאָגט ער איר ניט דעם אמת. און געקוקט האָט ער פון אויבן אַראָפּ אויף דער קליינוווּקסיקער געטרײַער לעבנס־באַגלייטערין זײַנער, ווי געזעגע־נענדיק זיך פון איר, געקוקט, ווי וועלנדיק אײַנזאַפּן אין זיך איר געשטאַלט און בלײַבן מיט דעם אויף אייביק. ער האָט זי אַ קוש געטאָן אין שטערן און זיך אַרויסגעשלײַכט פון שטוב.

אין דרויסן האָט ער דערפילט, אַז אויפן גרוילעכן פריִען באַגי־נען שטשירעט שוין אַ הייסער זומערטאָג זײַנע העלע ציין. אַן אימת־מוות האָט געהאַלטן צוגעקוועטשט צו דער ערד די איינגאָרנדיקע גרויע הילצערנע הײַזקעס פונעם געסל, ווו דער דאָקטער האָט געשטעלט זײַנע פאַמעלעכע טריט. איינער אַליין פּנים־אל־פּנים מיט די פאַרשטומטע הײַזלעך, ווו קיין פענצטער האָט זיך ניט געעפנט, פון וואַנען קיין סקריפּ פון אַ טיר האָט זיך ניט דערטראָגן. זיי האָבן געשטומט, די הײַזלעך, מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, אײַנקלעמענ־דיק זייערע תּושבים, ווי אין קברים. ווי לאַנג קאָן אַ לעבעדיק באַשעפעניש לעבן ניט אָפּציִענדיק אָטעם? ווי לאַנג, אויב אַזוי, וועלן די ייִדן וואָס קומען אים צו חלום, קאָנען שווײַגן אויף דער וואָר מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם? די אַלע, וואָס האָבן געשריִען, אַז די צײַט איז געקומען, און געפאָדערט ער זאָל מקיים זײַן דעם הרב שטיקלערס אָנזאָג צו פירן זיי קיין ארץ־ישראל... אוי, ייִדן! ליגן זיי אין באַהעלטענישן און וואַרטן, ער זאָל... און ווער ס'האָט ניט באַוויזן אָדער ניט געקאָנט זיך אײַנאָרדענען אַ באַהעלטעניש אין אַ קעלער מיט אַ קלוג פאַרמאַסקירטן אַראָפּגאַנג, צי אויף אַ בוידעם, צי אין אַ גרוב אונטער אַ שטעלכל? ווער עס האָט ניט אַזאַ אילוזאָריש אויסבאַהאַלט, וואַכט אַוודאי אַפּהענטיק אין אַט

די הײַזלער, וואָרט אויף אַ נס. צי בעטן זיי גאָר גאָט, אַז די אויסלייז־עראָפּלאַנען, די אָפּטע נאַכטגעסט לעצטנס, זאָלן באַמבאַרדירן די שטאָט, ניט פאַרגעסן זײַ געטאָ, און אַ סוף זאָל נעמען צו אַלץ און צו אַלעמען? װוּנדן זיך די ייִדן צום טויבן גאָט, וואָס דערהערט זיי ניט שוין דרײַ יאָר? זיי, די לעצטע רעשטן פון אַ גרויסער עדה, וואָס ער, דאָקטער ענאָך, האָט געזאָלט זײַן איר ראָש־הקהל און פירן זי קיין ארץ־ישׂראל...

ריינע פון מענטשן אינדערפרײַיקע קרומע און ענגע געטאָ־געסלער פון אַ פריִערדיקן פאָרשטאָט־קוואַרטאַל. די זון ליגט נאָך ווי געפּענטעט אַהינטער די הילצערנע הײַזער. די וועלט, אַן אַ ליכטקוואַל, האָט זי ווי אײַנגעשלונגען אַוועלכן ניט איז שאָטן. און ווי דער דאָקטער ענאָך באַוועגט זיך אין אַט דער אומקלאָרער וועלט אַן אַ ליכטקוואַל און אַן שאָטנס, פאַלט צו אים צו עמעצער. טשוכעט אים אויס. ס'איז אַ צעפּאַלאַשעטע יונגע פרוי. גרינלעך, אויסגע־מאָגערט — איר פּנים, און טירוף אין די אויגן. איר אָטעם איז האַסטיק און הייס. דאָס קול — דומפּ, פון פּחדים צוגעשטיקט:

— אוי, דאָקטער, אַ געזונט צו אײַך! וואָס זאָל איך טאָן? כ'האָב אויסגעהיט פון דער קינדער־אַקציע מײַן איינציק, מײַן ברעקל קינד. איצט, אַז מע וועט עוואַקויִרן... וואָס טו איך מיט מײַן מיידעלע? צושטעלן זיך צום טראַנספּאָרט?

— אָפּוואַרטן! ניט צושטעלן זיך! — האָט קאַטעגאָריש פאַראָרדנט דער דאָקטער, ווי באַשטימענדיק אַ פּראָצעדור, בעת ער ספקט ניט אין דיאַגנאָז, און אַוועק זײַן וועג.

דער וועג האָט אים געפירט צום געוועזענעם פאַראַנטוואָרט־לעכן פאַר די פינאַנצן און קאַסירער פון יודענראַט. וועט ער אים געפינען אין שטוב? האָט יענער זיך ערגעץ ניט אויסגעבאַהאַלטן, און צוזאַמען מיט דער קהלשער קאַסע? אומזיסטע חששות. דער דאָקטער האָט דעם נייטיקן מענטש געפונען — אַן אָפּהענטיקן, פאַרייִאושטן, וואָס ווייסט ניט וואָס אָנצוהייבן טאָן. איבערראַשט פונעם אומדערוואַרטן וויזיט, האָט יענער זיך אי דערפרייט, אי דערשראָקן:

— וואָס ט'פּאַסירט, דאָקטער?

— דערוויילע גאָרניט, ליבער פריינד. דערווייל גילט דער אַרויסגאַנג־פּאַרבאָט, די עוואַקואַציע. וווּהין? צו וואָס? די איינציקע האָפענונג — דערווייל האָבן זיי ניט קיין טראַנספּאָרט. די פינף הונדערט צונויפגעכאַפּטע, ווייס איך, האָבן דורכגעמאַכט די נאַכט אונטערן פרייען הימל. איצט, זייט וויסן, טראָג די אַבעריוודע־קליידונג קום איך אַלס ראָש־הקהל, ווי דער זעליגער הרב שטיקלער האָט זיינער ציינט פאָרמולירט, אויב איר געדענקט.

— שייך... בין געווען דערביי. זעצט זיך, דאָקטער.

— שיינעם דאַנק... מיין רעוומאַטיזם... מיר וועט זיין שווער אויפצושטיין. קום איך... אַלזאָ, איך ווייס, כ'האָב אַנטוישט די וואָס זענען באַשטאַנען, ניט אַנדערש כ'זאָל ווערן דער אַבעריוודע. געמיינט האָבן זיי, כ'וועל געפינען אַ צוגאַנג צו די דייטשן, אַ געמיינזאַמע שפּראַך... האָב איך אַנטוישט. איידער דאַרף איך ניט דערציילן. פּרעטענזיעס, אַז איך האַלט זיך ניט אינעם געשיכטלער אויסגעפּרוווטן ייִדישן מעטאָד: מיט געשאַנקען, מיט שמירגעלט ווייך מאַכן בייזוויליקע מאַכטהאָבערס, האַמעווען מערדערישע אינטענצן. איך בין ניט געבוירן צום דאָזיקן מעטאָד. האָבן פּיפּיקערע פון מיר... פּונקט ווי זיי האָבן הינטער מיין רוקן געטאָן אַנדערע קרומע זאַכן, אַזוי האָבן זיי אָפּעריִרט מיט שמירגעלטער, מיט טייערע געשאַנקען. האָט'ס געהאָלפן? האָט מען אונדז ניט שיקאַנירט פּערמאַנענט, ניט אומגעבראַכט? די הענקערס האָבן די „געשענקע" צוגענומען, באַשטעלט צו מאָל נייע און ביי דער ערשטער געלעגנהייט ליקווידירט די געשאַנק־געבערס. הערן זי, מיין ליבער פריינד, דאָס מאָל נעם איך אויף זיך אַ מיסיע. ביי ייִדן הייסט עס — אַ שליחות לטובת דעם כלל. איך פּיל, דער אַבערשטורמבאַנפירער באַציט זיך צו מיר... ווי זאָל איך זאָגן... שוין דאָס אַליין, אַז ער האָט מיך באַפרייט פון צו זיין אַבעריוודע און באַפוילן אַרויסגעבן מיר און דער פרוי די שפּייז־ראַציאָנען און ניט טרייבן צו קיין אַרבעט. מאָדנע, אָבער איך שטעל, ווי מיר דאַכט, אַ ריכטיקן דיאַגנאָז: ער האָט אַ געוויסן אָפּשיי... איצט איז מיר טאַקע נייטיק דאָס טראַדיציאָנעלע ייִדישע

גלות־וואָפן. געדענק איך, אין דער „לינקער קאַסע" פונעם יודענראַט דאַרף זיך אײַנגעפינען אַ גאַר־גאָר ווערטפולער גאָלדענער פּאָרט־סיגאַר מיט אַ היפּשן בריליאַנט אויפן דעקל. מיר האָבן עס געהיט פאַר אַן אויסנעמפאַל.

— געוויס. אַוודאי פאַראַן. איר ווייסט אָבער, דאָקטער, אַז צו דער קאַסע... איר האָט געפאָדערט אײַנפירן צוויי שלעסלער. בלויז פון איינעם איז דער שליסל בײַ מיר. צום צווייטן ווי קומט מען אין דער בהלה? און דער צעטל מיט די צוויי אונטערשריפטן נאָכן אַרויסנעמען עפּעס, ווי איר'ט פאַרלאַנגט. די אונטערשריפט פון צווייטן...

קיין מאָל איז דער דאָקטער ניט געווען אַזוי דעצידירט און באַפעלעריש:

— אויפברעכן דעם צווייטן שלאָס! אַן אַוועלכן צעטל! אויף מײַן פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און ניט פאַרלירן קיין מינוט! אַזוי לאַנג ווי בײַ די דײַטשן קלאַפּט עפּעס ניט... נעמט אַ צוואַנג, אַ האַמער...

אויפן הויף אין אַ שטעלכל, אונטער אָנגעוואָרפן בראָכוואַרג איז געווען באַהאַלטן אַן אַרומגעשלאָגן מיט בלעך הילצערן קעסטל — די „לינקע קאַסע". צו איר איז אַרויס דער קאַסירער. דער דאָקטער, נאָך אַלץ שטייענדיק, האָט געוואַרט. און זיך דערוואַרט. ווען ער האָט אַרויסגענומען פון זאַמשענעם פוטליאַר דעם טײַערן חפץ, האָבן דאָס גאָלד און דער אַרײַנגעזעצטער אין אים בריליאַנט האָפערדיק אַ בליאַסק געטאָן. אַ האָפענונג־בליאַסק? אַן אויפגע־מונטערטער, האָט דער דאָקטער אַרײַנגעשטופּט דעם פּאָרטסיגאַר אינעם זאַמש, האַסטיק אים אַרײַנגעלייגט אין בוזעם־קעשענע און געפרעגט, צי עפּעס איז נאָך געבליבן.

— עטלעכע גאָלדענע מטבעות, עטלעכע רינגען, אַ בראָש מיט איידלשטיינער און נאָך עפּעס פון צירונג.

— גוט. לאָמיר האָפן, אַז מיר'ן עס קאָנען פאַרווענדן צום גונסטן פון כּלל. ווינטשט מיר דערפאָלג.

דערווײַלע האָט די צײַט שוין געהאַט אָפּגעטאָן דאָס איריקע — די אויפגעשטיגענע זון האָט אָנגעזאָגט אַן אומברחמנותדיק הייסן

טאָג. אין דער בלענדיק־בלויער לופט האָבן מיט אַ געטשוויטשער פרײַ און פאַרשײַט אַרומגעשוועבט פייגעלער, ווי שפּעטנדיק פון די פאַרקאָוועטע מענטשן אין געטאָקלעם. די פייגעלער אויבן... און אונטן — צוויי דײַטשן, גרוי־גרין אוניפאָרמירטע וואַכמענער פון דער עס־עס, מיט קאַראַבינערס אויף די פּלייצעס, ווי בעלי־בתּים איבערן אָנגעקומענעם טאָג, האָבן זיך באַוועגט אַנטקעגן דעם דאָקטער ענאַך. געננוי אָפּהיטנדיק די דינים, איז דער דאָקטער צען טריט פאַרן דערגייין צו די דײַטשן אַראָפּ פון טראָטואַר, אַראָפּגענו־מען דעם קאַפּעליוש און שוין געהאַלטן אין פאַרנייגן זיך.

— שטיין בלײַבן, יודע! וווהין?! — האָט שאַרף אויפגעקלונגען אַ באַפעל.

דער דאָקטער איז געבליבן שטיין, אויסגעגליכן זיך, אויפגע־הויבן דעם קאָפּ:

— צום אָבערשטורמבאַנפירער! — און געוויזן דעם אַרעמבאַנד אויפן לינקן אַרבל.

די דײַטשן האָבן אָנגעקוקט איינס דעם אַנדערן, ווי זיך מיישב זײַענדיק וואָס צו טאָן מיטן אין שוואַרץ אָנגעטאָנענעם ייִד, דערצו נאָך מיט אַ קאַפּעליוש, וואָס ייִדן איז פאַרווערט צו טראָגן, דערצו אַ ייִד וואָס איז עובר אויפן „אַרויסגאַנג־פאַרבאָט". איינער פון זיי האָט געלאָזט הערן זייער באַשלוס:

— קומסט מיט אונדז!

אַ חכמה, אויב זיי פירן אים טאַקע צו זייער שעף, האָט אין זיך אַ שמייכל געטאָן דער דאָקטער. מעגלעך, ס'איז דער ערשטער צייכן, אַז זײַן מיסיע וועט זיך אײַנגעבן.

דער דאָקטער — פאָרויס, מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ און אויסגעגליכענעם רוקן, האַלטנדיק נאָך אַלץ דעם הוט אין האַנט. די פיס האָבן איצט מאָדנע לײַכט זיך געהויבן, ווי ער וואָלט גאָר קיין מאָל ניט געליטן פונעם אַרטריטיס. די דײַטשן — נאָך אים. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער, דער דאָקטער, וואָלט גאָר זיי געפירט אַהין, וווּ ער האָט געוואָלט אָנקומען. אויפן וועג האָט ער אַלץ געטראַכט, ווי אָנצוהייבן, וואָס צו זאָגן דעם אייבער־רוצח, דעם

אָבערשטורמבאַנפירער. און ניט געפילט, ווי די דײַטשן האָבן אים טאַקע אַרײַנגעפירט צו זייער שעף.

— אַרויסגאַנג־פאַרבאַט, האָבן מיר דעם יודע פאַרהאַלטן אין גאַס! — האָט איינער פון זיי אָפּגעראַפּאָרטירט און הילכיק צוגע־קלאַפּט די אַפּצאַסן איינס צום אַנדערן.

דער אָבערשטורמבאַנפירער, אַ כמאַרנער, מיט אַן אָפּגעשפּי־ליעטן גרינעם מונדיר, איז געזעסן בײַ אַ שרײַבטיש, מיטן טעלעפאָן פאַר אים, ווי וואַרטנדיק אויף אַ דרינגלער־וויכטיקן קלונג. אויפן טיש צו זײַן רעכטער האַנט — זײַן שטײַף אוניפאָרעם־היטל. האָט ער עס אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ, ווי וועלנדיק פאַרדעקן דעם פּליך וואָס האָט פון שטערן זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן מיטן קאָפּ צום נאַקן צו. איצט האָט די ראַנדן פונעם היטל אַרומגעזוימט אַ קרענצל פלאַקסהאָר. האַסטיק פאַרשפּיליעט דעם מונדיר, האָט דער אָבער־שטורמבאַנפירער זיך דערפילט אין ראַנג פון זײַן וואַזשנעם פּאָסטן און אַ מרוקע געטאָן צו די וואַכלײַט:

— איר זענט פרײַ.

זיי האָבן מאַשינעל אויפגעהויבן די רעכטע הענט צום „היטלער־גרוס״, צוגעקלאַפּט די אַפּצאַסן, אַראָפּגעלאָזט די הענט, אויסגע־קערעוועט זיך מיליטעריש און פאַרקלאַפּט די אַרײַנגאַנג־טיר.

דער אָבערשטורמבאַנפירער האָט פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט דעם דאָקטער:

— אָבעריודע, אייגנטלער, עקס־אָבעריודע, ווי קומט איר אַהער? נעמט פּלאַץ, — און אַ ווונק געטאָן אויפן שטול וואָס איז געשטאַנען פאַרן שרײַבטיש.

ער האָט געאירצט דעם דאָקטער, ער האָט פאַרגעלייגט אַ ייִדן זיך זעצן — צוויי זינד לגבי די „נירנבערגער געזעצן״ אויף אַ מאָל. האָט דער דאָקטער ווידער אײַנגעזען אַ גוטן צייכן און געוומען גלייבן, אַז דער ייִדישער גאָט, וואָס זײַן קרעדיט איז בײַ אים שטאַרק געפאַלן, קומט אים העלפן אין זײַן מיסיע, אין זײַן איין־און־איינציקן אמתן שליחות...

— נעמט פּלאַץ! — האָט מיט אַ געוויסן אומגעדולד איבער־געחזרט דער דײַטש.

— דאַנקע שיין, דאַנקע, — האָט דער דאָקטער זיך ווי אויס־געטשוכעט פון אַ טראַנס און פּאַמעלעך, מיט אַן ערנסט פּאַרטײַעט פּנים געטאָן וואָס מע הייסט אים.

נאָר דאָ האָט דער דײַטש זיך געכאַפּט:

— ווייסט, מע קאָן אונדז איבערראַשן, און ביידע פּאַרלעצן מיר געזעצן...

דער דאָקטער איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען, און די גרימאַסע אויף זײַן פּנים האָט אָפּגעמסרט דעם ווייטיק וואָס האָט אַדורכגע־שאָסן זײַנע קני און היפּטן.

— עפּעס פּײַניקט אײַך? — האָט דער שטורמבאַנפירער זיך אָנגעשפּיצט. — איר לײַדט? וואָס זענט איר אַרויס אין גאַס? פאַר־לעצט דעם אַרויסגאַנג־פאַרבאָט. טוט אַ בליק, איך האָב געהאַלטן אין שיקן אַ פּאָסטן ברענגען אײַך אַהער.

— און איך בין געגאַנגען צו אײַך, הער אָבערשטורמבאַנפירער, — האָט זיך אויסגעגליכן דער דאָקטער, גרייט אַרויסצוקומען מיטן לשון.

דער דײַטש האָט אויפגעלעבט:

— זאָנדערבאַר! טעלעפּאַטיע? איר האָט געטראַכט וועגן מיר. איך — וועגן אײַך. צוגעגרייט פאַר אײַך אַ שוצבריוו. זענט איר געקומען אָפּנעמען און...

— איך בין געקומען...

דער דײַטש האָט ניט פאַרטראַגן, אַז מע מישט זיך אים אַרײַן אין די רייד, בעת זיי זענען אָנגעקוואָלן אויף זײַן צונג:

— ווייסט איך בין אַ מיסטיקער. אונדזער דאָקטרין איז געבויט אויפן מיטאָס פון בלוט. פונעם אַרישן בלוט... בײַ הימלערן, דעם רײַכספירער פון עס־עס, האָב איך געהאַט די ערע בײַצולעבן אַ ספּיריטיזם־סעאַנס. עס זענען אַרויסגערופן געוואָרן גערמאַנישע געטער מיט גאָטישע געזיכטער — לענגלעכע, אַש־גרויע — דאָנאַר, וואָדאַן... און וויסן זי, איך מוז אײַך מאַכן אַ קאָמפּלימענט: אײַער

געזיכט... ווי בײַ וואָדאַן, דעם גאָט פון קולטור און קריגסקונסט, אויך פון קלוגשאַפט און רונענשריפט־צויבער... דערצו, כ׳האָב קאָנ־טראָלירט אין דער געטאָ־דאָקומענטאַציע. קוקט — אַ צונויפפאַל: ביידע זענען מיר געבוירן אין זעלבן טאָג פון מאָנאַט מאַרץ, דעם וואָדאַן־מאָנאַט, בלויז מיט דער דיפערענץ פון צוואַנציק יאָר. איך — שפּעטער... דאָס באַטײַט עפּעס. ס׳אַ צייכן פון דער העכערער מאַכט, וואָס האָט צונויפגעהאָפטן צוויי שיקזאַלן אויף לעבן און טויט... טראַץ דעם וואָס איר זענט יודע, האָב איך באַשלאָסן צו פאַר־לײַכטערן אײַער לעבן. געמאַכט אײַך פאַר אויס אָבעריודע. אין אַ קאַצעט ווי איר ווערט אָפּגעטראַנספּאָרטירט... נעמט דעם בריוו. היט אים. בײַם אָנקום אין נײַעם לאַגער דערלאַנגט אים זאָפאָרט דעם לאַגער־פירער.

דער דאָקטער האָט ניט אויסגעשטרעקט קיין האַנט צו נעמען דעם בריוו. ער איז געשטאַנען ווי ניט דאָ, מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן אָבער קיין זאַך ניט געזען פאַר זיך.

— איך האָב עפּעס געזאָגט! — איז דער דײַטש אויפגעשפרונ־גען, ווי אַ פרוזשינע וואָלט אים אַ הייב געטאָן.

אַ מאַכטהאָבער מוז מען, קענטיק, נאָכגעבן, האָט דער דאָקטער זיך געכאַפּט, און צוגענומען דעם בריוו. איצט האָט ער געטראַכט, איז אַ פּאַסיקער מאָמענט אָנצוהייבן:

— הער אָבערשטורמבאַנפירער, איך בין געקומען אײַך צו דערקלערן... געפעליקסט...

— זעט איר! — האָט דער דײַטש פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול. — עפּעס מיסטיש, נישט וואָר? איך האָב געזאָלט שיקן נאָך אײַך, זענט איר אַליין געקומען. אַ מעטאַפיזישע קראַפט האָט זיך אַרײַנגעמישט. איך ווייס, אײַער אויטאָריטעט בײַ די היגע יודן. דאַרפט איר זיך ווענדן צו זיי, זיי זאָלן ניט באַגיין קיין דומהײַטן, אַרויסקריכן פון די פאַרשטעקלעכער און פרײַוויליק זיך צושטעלן צו דער עוואַקואַציע. אין זייערע אינטערעסן. די סאָוועטן וועלן קומען און אײַך אַלעמען פאַרשיקן אויף אומקום אין סיביר, ווײַל איר האָט געאַרבעט פאַר די דײַטשן. יאָ, יאָ, אַזוי ווע׳ט׳ס געשען!

ביי מיר איז אַ פּראָבלעם מיטן טראַנספּאָרט, אָבער ניטאָ קיין שווע־ריקייטן וואָס מיר, דײַטשן, קאָנען ניט בײַקומען. נאָר געדולד!

האָט דער דאָקטער מער ניט אויסגעהאַלטן:

— אָ, הער אָבערשטורמבאַנפירער, וועגן דער עוואַקואַציע האָט עס מיך פּאַקטיש געבראַכט אַהער. און קומען קום איך מיט אַ מיסיע. פון מיר אַליין איניציִירט און איך אַליין טראָג די פאַראַנט־וואָרטונג. געוויס ווייסט דער הער אָבערשטורמבאַנפירער, אַז מיר זענען געווען דאָ אין שטאָט איבער פערציק טויזנט ייִדן. צום אַרי־בערפירן די געטאָ אויפן סטאַטוס פון אַ קאַצעט, זענען מיר נאָר דרײַצן טויזנט. איצט — קנאַפּע צען... איך ווייס, ניט אײַער שולד. איר האָט אויסגעפירט באַפעלן פון העכער. איר זענט געווען צו אונדז גערעכט, מיט פאַרשטענדעניש. איר האָט געמוזט אײַנפירן די גע־פאָדערטע אָרדענונג...

אַ קנויל האָט פּלוצעם זיך געשטעלט דעם דאָקטער אין האַלדז און ניט געלאָזט אַרויסברענגען קיין וואָרט. די בעסטע וואָס זיצט איצט צונויפגעקאַרטשעט אַנטקעגן אים, איז אויפגעשטאַנען און אין שפּיץ פון אַ באַנדע אוניפאָרמירטע און באַוואָפנטע דײַטשן, אוקראַאינער, ליטווינער, לעטן געוויזן וואָס זי קאָן: געטריבן אַלטע לײַט און אינוואַלידן, געוואָרפן קינדערלעך אין געדעקטע לאַסט־אויטאָס, געריסן קינדערלעך פון מאַמישע הענט, דערשאָסן מוטערס פון וועלכע ער האָט די קינדער ניט געקאָנט אָפּרײַסן... פאַרוואַנדלען די געטאָ אין אַ קאַצעט, אָפּרייניקן זי פון אומזיסטע עסערס... דער קנויל אין האַלדז האָט דעם דאָקטער שיִער ניט דערוואָרגן. אים קוים אויסגעהוסט, האָט ער ווי ניט איז גענומען רעדן און מיט אַן אַלץ שטײַגנדיקן טעמפּעראַמענט:

— איר, הער אָבערשטורמבאַנפירער, זענט אַ זון פון אַ גרויס פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער מענטשהייט אַזעלכע ווי לעסינג, געטע, שילער, העגעל, קאַנט, בעטהאָווען — אַלץ גײַסטער־הומאַ־ניסטן, ריזן... איר פּערזענלעך קאָנט אַרײַנשרײַבן אין דער געשיכטע פון אײַער פאָלק אַ קאַפּיטל פון הומאַנעם גרויסמוט, אַ העלדנטאַט, מיט וועלכער אײַער פאָלק וועט שטאָלצירן...

— וואָס ווילט איר, אייגנטלעך? — איז דער דײַטש געוואָרן אומגעדולדיק און צעבראָכן דעם בלײַער, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געדרייט אין די הענט. — וואָס האָב איך צו טאָן?

— איר האָט קיין זאַך ניט צו טאָן. בלויז זאָרגט זיך ניט וועגן טראַנספּאָרט־מיטלען. וועט די עוואַקואַציע ניט צו שטאַנד קומען. מיר ווייסן, וווהין זי גייט. מיר האָבן געהערט פון אוישוויץ, מײַ־דאַנעק...

— פון וואַנען ווייסט איר וועגן זיי? דאָס איז דאָך גרויל־פּראָפּאַגאַנדע! — האָט זיך אָנגעצונדן דאָס פּנים פונעם דײַטש.

— אַלנפאַלס, איר זענט ניט באַשטימט אַהין. איר פאָרט אַרבעטן.

דער דאָקטער האָט ניט נאָכגעלאָזט:

— ניט אַהין, איז אַנדערש ווו. געוויס, פאַראַן אויך אַנדערע ערטער, ווו ייִדן ווערן אומגעבראַכט...

— בײַ גאָט, איר פאָרט אַרבעטן! אין דײַטשלאַנד!

דער דאָקטער האָט ווײַטער אָנגעגריפן:

— הער אָבערשטורמבאַנפירער, אײַער נאָמען וועט אַרײַן אין די אַנאַלן פון דער געשיכטע... פאַרשאַפט ניט קיין טראַנספּאָרט־מיטלען. דײַטשלאַנד פאַרשפּילט דעם קריג. לאָזט איבער די וואַגאָ־נען פאַר צען טויזנט דײַטשן, זיי צו ראַטעווען פון אומקום אָדער סאָוועטישער געפאַנגענשאַפט. אין פולן באַוווּסטזײַן פון מײַן שריט, לייג איך אײַך פאָר צו בלײַבן מיט אונדז. עטלעכע טעג אָפּוואַרטן, און מיר זענען אויסגעלייזט פון קריגס־וואַנזין. איך פערזענלעך נעם איבער די פאַראַנטוואָרטונג, אַז אײַך זאָל קיין שלעכטס ניט געשען. מיר, ייִדן, האָבן אַ גוט געדעכעניש און פאַרגעסן ניט די יעניקע וואָס טוען אונדז גוטס. מיר וועלן פאַרזיכערן אײַער עקסיסטענץ...

דער דאָקטער האָט אַוועקגעלייגט פאַר אים אויפן טיש דעם פּאָרטסיגאַר.

דער דײַטש איז געזעסן אַ נאָך מער אײַנגעקאָרטשעטער, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין די אָנגעשפּאַרטע הענט אינעם טיש. געווען קענטיק, אַז עפּעס קאָכט זיך אין זײַנע געהירן, ביז ער האָט, ווי רעדנדיק צו זיך, דומפּ אַרויסגעבראַכט:

— איך האָב אָבער אין דײַטשלאַנד אַ פרוי מיט קינדער...

אַ רגע געבליבן פאַרטײַעט און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך ווי פון אַ קאָשמאַרשלאָף. דערזען אויפן טיש דעם ווי פון הימל אַראָפּ־געפאַלענעם חפץ, זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט און האַסטיק אַרויס־געצויגן פון זאַמשענעם פוטליאַר...

— און דאָס וואָס איז? — האָט ער אויפגעריסן די אויגן.

— מיר קאָנען אויפברענגען נאָך קאָסטבאַרקייטן צו באַוואָ־רענען אײַער עקסיסטענץ נאָכן קריג. מיר זאָלן בלויז פון אָרט ניט גערירט ווערן, — האָט דערקלערט דער דאָקטער, זײַענדיק שוין זיכער, אַז ער באַצווינגט דעם דײַטש.

נאָר דאָ האָט דער אָבערשטורמבאַנפירער זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט, שטראַם זיך אויסגעגליכן ווי פאַר אַ העכערן פון זיך אין ראַנג און אויסגערופן:

— אין דער געטרײַשאַפט איז אונדזער ערע! דער אַ דעוויז פון עס־עס איז פאַרזיגלט אין מײַן בלוט! אונטער מײַן לינקער פאַכווע. אויף אייביק! איר, יודן, זענט געטרײַ דעם גאָלדענעם קאַלב, דעם מאַמאָן... כ'האָב דיך געזאָלט דערשיסן אויפן אָרט... — דער דײַטש איז אַריבער אויף „דו", ווי זײַן חוב איז צו רעדן מיט יידן, — נאָר, נאָר... איך פאַרגיב דיר, — און צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול. — אונדזער געמיינזאַמער שיקזאַל. ניט אויסטערליש? ביידע זענען מיר „אָבערס". דו אַן עקס־אָבעריודע איך — אַן אָבערשטורמבאַנפיר׳ער...

דאָקטער ענאָך — אַ פאַרגליווערטע שוואַרצע סטאַטוע מיט אַן אויסגעצויגן, אַש־גרוי גיפּסן פּנים, און לייד פון אַ מאַרטירער, אײַנגעקראַבט אין די ווינקלען פון מויל.

אַ רויט אָנגעצונדענער האָט דער דײַטש פּלוצעם אַ נעם געטאָן דעם פּאַרטסיגאַר און מיט רציחה אַרײַנגעשטופּט אים אין פוטליאַר. און דאָ האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. צופרידן האָט ער געכאַפּט דאָס טרײַבל און אַרײַנגעשריִען אין אים:

— די אײַזנבאַן? ס'הערט אָבערשטורמבאַנפירער...

ווי אַן ענטפער אויף דעם וואָס ער האָט דערהערט, איז אַוועק זײַנע אַן אומגעצוימטע זידלערײַ:

— איר, אַרשלעכער, צום דאָנערוועטער און צום שלאַקסדאָ־נערוועטער נאָך אײַן מאָל! איך ווערג זיך מיטן יודענפּאַק, איך האָב אויסצופירן אַן ערשטראַנגיקע אויפגאַבע פונעם רײַכספירער עס־עס, און איר... איר שײַסיקע טויגענישטן, איר, פאַראַנטוואָר־טונגסלאָזע הינטנס, צום דאָנערוועטער!

פון יענער זײַט האָט מען, קענטיק, איבערגעריסן דעם שמועס. דער אָבערשטורמבאַנפירער האָט אַ שלײַדער געטאָן דאָס טרײַבל אויפן אַפּאַראַט און ווידער זיך צונויפגעקאָרטשעט אויפן שטול.

דער דאָקטער האָט דערפילט, אַז ער האָט אַ געלעגנהייט אויף ס'נײַ זיך צו דערוועגן:

— געאַכפּערטער הער אָבערשטורמבאַנפירער, ווי איך זע, גאָט אַליין וויל... מײַן פאַרשלאַג... זוכט ניט קיין טראַנספּאָרט־מיטלען! ניט מײַנע, ס'איז געטעס אַ מיינונג, אַז בלויז דומקעפּ און טויטע בײַטן קיין מאָל ניט זייערן אַ שטאַנדפּונקט. און נאָך האָט געטע געזאָגט, אַז געזונטע פאַרנופט וואַרט ניט, זי נעמט דאָס פאַר־נונפטיקע וואָס ווערט איר פאַרגעלייגט. דעריבער — ניט וואַרטן ביז קיין אויסוועג וועט שוין ניט זײַן און די גאַנצע שיף וועט פאַר־זינקען אונטערן וואַסער...

אַ וואַנט פון קרום און לאָם גלאָז וואָס פאַרקריפּלט אַלץ הינטער זיך, האָט מיט אַ טראַסק זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן דעם דאָקטער און דעם אָבערשטורמבאַנפירער. אַ בעסטיע, גרייט צו פאַרצוקן די גאַנצע וועלט, איז אויפגעשפּרונגען און זיך צעריטשעט:

— האַלט דעם שנויץ! אַן עס־עס־אָפיציר טוט זײַן פליכט, און מעג די שיף פאַרזינקען!

די בעסטיע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאַרטסיגאַר. געוועזן באַלד לעבן דאָקטער און אים אַרײַנגעשטופּט אין זײַנער אַ רעקל־קעשענע:

— דאָס קאָסטבאַרע יודענדרעק קאָן דיר קומען צו ניץ... און מײַן שוצבריוו. היט אויס דײַן לעבן. אונדזער ביידנס שיקזאַל... איר

אַלע זענט באַשטימט צו אַרבעט. איך מוז אָפּטראַנספּאָרטירן די געוויע צאָל לויט דער דאָקומענטאַציע. מוזסטו זיך עוואַקויִרן און באַרויִקן אַלע אַנדערע. וויסן זאָל מען, אַז קיין לעבעדיקע יודן לאָזן מיר ניט איבער, פון וואַנען מיר טרעטן אָפּ. די געטאָ וועט אָפּגעמעקט ווערן און מיט אַלע פאַרשטעקטע לײַזיקע יודן, וואַנצן און מײַז!

געזאָגט, געעפנט די טיר, מיט אַן אויסגעשריי צוגערופן איינעם פון זײַנע אַדיוטאַנטן:

— דעם יודע צום זאַמלפּלאַץ אָפּפירן!

צום זאַמלפּלאַץ אין הויף פון יודענראַט, אַן אַרומגעצוימטן מיט אַ הויכן הילצערנעם פּלויט. אַ געדיכטע באַוואָפנטע וואַך אין קאַס־קעס אַרום. צוויי דײַטשן מיט ביקסן אין שלאַכטגרייטקייט — בײַם טויער. די יִדן אינעם אָפּצוים — יענוועלטיקע געשטאַלטן מיט אײַנגעפאַלענע בלייכע פּנימער, אַפּהענטיקע, אויסגעשעפּטע פון כּמעט אַ מעת־לעת ליגן אויף דער ערד אונטערן פרײַען הימל מיט אַ פענעץ ברויט און אַ זופּ וואַסער פונעם ברונעם אין הויף. דערזען אַרײַנקומען דעם געוועזענעם אָבעריודע זייערן, מיטן באַקומענעם פענעץ ברויט בײַם אַרײַנגאַנג, האָט אַ געמורמל, ווי אַ פאַרשטיקט געזשום פון אַ בינענרוי, זיך אַ טראָג געטאָן איבערן שטח. יִדן האָבן זיך אויפגעהויבן, צוגעפאַלן צום דאָקטער:

— וואָס וועט זײַן, וואָס וועט זײַן מיט אונדז? ניטאָ שוין קיין כּוח!

אַ צעטומלטער און ווײַטער פון דער רעאַלער וואָר, האָט דאָקטער ענאָך מיט אַ פרעמד קול געגומען מורמלען:

— כ׳האָב געזאָלט... כ׳האָב אײַך געזאָלט פירן... — און דאָ האָט ער אַראָפּגעריסן פון אַרבל דעם אָבעריודע־אַרעמבאַנד. — איר ווייסט דאָך, כ׳בין שוין לאַנג ניט מער... די איינציקע האָפענונג — זיי האָבן ניט קיין טראַנספּאָרט...

— וווּהין פאַרשלעפּט מען אונדז? — האָט זיך דערהערט אַ יונגע שטים.

ווידער מיט אַ פרעמד קול האָט דער דאָקטער געענטפערט, אַז

אויב מע זאָל זיי גלייבן, זאָל עס זײַן אַן אַרבעט־לאַגער, אין דײַטשלאַנד.

— מיר ווילן מער פאַר זיי ניט אַרבעטן! — האָט קאַטעגאָריש מודיע געווען די זעלבע יונגע שטים.

דער דאָקטער האָט פונאַנדערגעפירט די הענט, ווי דערקלערנדיק, אַז ער האָט ניט פאַר קיינעם קיין עצה און קיין הילף.

איז אַרויסגעשפרונגען אַ פּרוי און, ווי דערווידערנדיק זײַן יִיאוש, געפאָדערט:

— דאָקטער, איר מוזט עפּעס טאָן! די ישועה איז דאָך פאָרט אויף דער נאָז און דער חלף — אויפן האַלדז...

— געוויס, געוויס... — האָט דער דאָקטער צוגעגעבן מיט אַ קרעכץ. — כ׳האָב געפּרוּווט. גלייבט מיר, כ׳האָב געפּרוּווט. איך בין אָבער ניט משה רבנו, ניט פאַרדינט אויסצולייזן יִדן פון קנעכטשאַפט. איך, איך האָב ניט קיין רעצעפּט. כ׳בין איינער פון אײַך...

דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז ניט אמת. זײַן שוואַרצער גאַרניטער, דער האַרטער שוואַרצער קאַפּעליוש, בעת די אַנדערע זענען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, טאָרן קיין היט ניט טראָגן און זענען מחויב צו טראָגן היטלען... אַפילו זײַנע געלע מגן־דודס. זיי זענען זויבער אויסגעהיטע... האָט דער דאָקטער האַסטיק אַראָפּגעכאַפּט ס׳רעקל און צווישן די אויסגעלייגטע מענטשן ווי ניט איז דערקראָכן צום הילצערנעם פּלויט, לײַכט געפונען דאָרטן אַ שטיקל פּלאַץ, מחמת קיינער האָט ניט געוואָלט ליגן לעבן פּלויט און פילן די טריט פון די אויף יענער זײַט אַרומשפּאַנענדיקע וואַכלײַט. ער האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אויף דער ערד, אָבער אויך איצט האָט ער זיך געפילט פּריווילעגירט. דער שוצבריוו... ער האָט אים אַרויסגעצויגן פון בוזעם־קעשענע, געשפּירט אַ ברי אין די פינגער. ווי וועלנדיק זיי וואָס גיכער אָפּקילן, האָט ער אויפגעריסן דעם זיגל מיטן האַקנקרייץ אויפן קאָנווערט און פונעם האַנט־געשריבענעם טעקסט אויפן בלאַנק מיטן האַקנקרייץ אין די נעגל פון אַ שפּאַרבער אויבן, זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז טאַקע אַן אַזוי גערופענער שוצבריוו. אין אים ווערט זײַן איבערברענגער, דער יודע ד״ר לעאָ ענאָך, רעקאָמענדירט דעם

נײַעם לאַגער־פירער ווי אַ „נוציקער יודע". אַזאַ וואָס באַזיצט דײַטשישע קולטור און ווייסט צו געהאָרכן און אויספירן באַפעלן. זײַענדיק דער אָבעריודע פון געטאָ האָט ער מיט זײַן אויטאָריטעט בײַ די ייִדן בײַגעטראָגן צום „רײַבונגסלאָזן" פאַרוואַנדלען די געטאָ אין אַ קאַצעט... און דאָ האָט דער בריוושרײַבער געזוכט צו באַווײַזן זײַן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּרינציפּיעלקייט באַטאָנענדיק, אַז ביזן קאָנסעקווענטן פאַרענדיקן מיט דער ייִדישער ראַסע, ווי עס לערנט דער פירער, אַדאָלף היטלער, קאָן דער „נוציקער יודע", ווי אַ דאָקטער פון אַ קראַנקן־באַראַק אין לאַגער, בײַטראָגן צום אויפ־האַלטן די אַרבעטקראַפט, וואָס איז נייטיק צו דערגרייכן דעם זיג פון גרויס־דײַטשלאַנד אינעם טיטאַנישן קאַמף מיטן וועלט־ייִדנטום, מיטן יודאָ־באָלשעוויזם און מיט דער ענגליש־אַמעריקאַנער פּלו־טאָקראַטיע...

דעם בריוו — אַ מוסטער פון נאַצישער פּאַראַנאָיע — האָט דער דאָקטער אויפגענומען מיט ווייטיק און באַדויער. קראַנקע געהירן פונעם האָמאָ סאַפּיענס. קלאָר, צוליבן אָבערגלייבערישן אײַנרעדעניש וועגן זייער ביידנס „שיקזאַל־געמיינשאַפט", האָט דער עקסצענטרישער אָבערשטורמבאַנפירער געזוכט, ווי ווײַט מעגלעך, צו פאַרזיכערן אויך אויף להבא דאָס לעבן פון ניט קיין יונגן ייִד, וואָס האָט ווי „אַן אומזיסטער עסער" געזאָלט ליקווידירט ווערן בעתן אײַנפירן אין געטאָ די קאַצעט־נאָרמאַטיוון. אומזיסט דעם אָבערשטורמבאַנפירערס אײַנשטעלן זיך פאַר אַ ייִדן! קוים האָט זיך אים, דעם דאָקטער ענאָך, ניט אײַנגעגעבן דאָס איין־און־אייניציקע וואָרע שליחות וואָס ער האָט געמוזט נעמען אויף זיך, איז געגאַנג מיט די פּריווילעגיעס. ער איז אַ ייִד מיט אַלעמען גלײַך. איין גורל! הרב שטיקלער האָט ניט פאַרויסגעזען, אַז אַן אָבעריודע, מעג ער זיך האָבן באַמיט צו זײַן מאָראַליש אויסגעהאַלטן, מעג ער האָבן געהאַט די בעסטע אינטענצן בנוגע זײַנע לײַדנס־ברידער, אַן אָבער־יודע קאָן אין קיין ראָש־הקהל, אין שיינעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן זינען, זיך ניט פאַרוואַנדלען. הרב שטיקלער, דער דאָקטער לעאָ ענאָך קערט אײַך אום דעם מאַנדאַט, וואָס איר האָט גוט־מיינענדיק

אים געצוווּנגען אָנצונעמען! און פּטור ווערן, וואָס גיכער פּטור ווערן פונעם טרייפענעם „שוצבריוו״, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין האַנט, ווי אַ ברידקען שרץ.

ליגנדיק אויסגעקערט מיטן רוקן צום עולם, האָט דער דאָקטער מיט אַ מאָדנער הנאה צעריסן, צעפּליקט דעם בלאַנק און דעם קאָנווערט מיט די האַנקרייץ־עמבלעמען. די שטיקלעך פּאַפּיר — פאַרגראָבן אין עטלעכע ערטער אינעם זאַמד, וועלכן ער האָט געריִעט מיט די הוילע פינגער. און איינגעשטילט האָט זיך דאָס פערמאַנענטע האַרץ־צאַפּלעניש, וואָס דער בריוו האָט געהאַט אַרויסגערופן בעתן לייענען. און געבליבן איז דאָס האַרץ איינגעפראָרן אין דער אַרומיקער חמימה. גאָט און טבֿע און די אומברחמנות־דיק סמאַליענדיקע זון — אַלע האָבן היינט געמאַכט יד־אַחת. דער ציאַנקאַלי וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיך און עטין אויף דער „לעצטער מינוט״, איז געבליבן אין שטוב. פאַרגעסן מיטצונעמען? צי, מחמת סיי ווי געוואַרט אויף אַ קויל, אויב ס׳וועט אים זיך ניט איינגעבן... גוט, וואָס עטי ווייסט ניט, ווו דער פּראָשעק איז פאַר־שטעקט. און גוט, וואָס זי געפינט זיך ניט דאָ, אין דער אַרומרינגלונג, ווו יעדע אילוזיע מוז אויסרינען. און עטי, די ייִדן אין זייערע שטי־בער און באַהעלטענישן געפינען זיך דאָך בלויז אַ וועג פון זיבעציק־אַכציק קילאָמעטערס, וועלכע די פריַיהייט דאַרף צו זיי אַדורכמאַכן. יאָ, יאָ, יאָ, די ישועה איז אויף דער נאָז. און דער חלף? וועט אים עמעצער אָפּהאַלטן? אָפּווענדן אים פונעם האַלדז? — — —

און דערנאָך איז געווען די לאַנגע, לאַנגע הייסע, די זודיקע, די אַלץ פאַרברענענדיקע, די אַלץ צונויפּפרעסנדיק דערשטיקנדיקע אומקום־חשכות, אין וועלכער מע פאַלט אַריין נאָכן צוזאַמענ־בראָך פון אַן איינציקער האָפענונג. אין אָט דער חשכות האָט ער פּלוצעם דערפילט, אַז עטי איז גאָר לעבן אים. קילט אים דעם שטערן, וועקט זיין זכרון. אין זיין עלטער געדענקט מען טאָקע ניט וואָס מע האָט געזען אין דער שלאָף־איינזינקעניש. נאָר דאָס איז דאָך געשען אויף דער וואָר. אַ סימן...

עטי איז געווען לעבן אים. אַ נאַס טיכל האָט זי געהאַלטן

צוגעדריקט צו זײַן שטערן. אַנשטאָט צו קילן האָט זי דעם שטערן, דעם גאַנצן קאָפּ זײַנעם אָנגעצונדן:

— עטי, ווי קומסטו אַהער? צו וואָס?!

זי האָט אויסגעלייגט דעם אמת: ניט אויסגעהאַלטן, געלאָפן אים זוכן. איז זי מיט נאָך צונויפגעכאַפּטע ייִדן אין די גאַסן אַהער געבראַכט געוואָרן. און דאָ האָט מען איר באַלד אָנגעוויזן, וווּאַהין דער דאָקטער ענאָך האָט זיך פאַרקליבן.

— עטי, כ'הער אויפרײַסן. און סמאָלינעס... צי דען? — האָט עס אַ הייב געטאָן דעם דאָקטער. — דער אויסלייז?

ניין, דאָקטער לעאָ ענאָך! עטי שטיקט צו דעם אויפגעצאַפּלטן האָפענונג־פונק. דײַטשן גייען איבער דער געטאָ פון הויז צו הויז. באַגיסן די הײַזער מיט בענזין, וואַרפן צינדגראַנאַטן, רײַסן אויף... נאָר איידער זיי טוען עס, וואָרענען זיי אַלע זאָלן אַרויס פון די פאַרשטעקלעכער און זיך שטעלן צום טראַנספּאָרט, פונקט ווי דער אָבעריודע, דאָקטער ענאָך, האָט עס פרײַוויליק געטאָן...

— עטי, ס'אַ ליגן! — האָט דער דאָקטער אַזש אויסגעשריִען.

— ייִדן, ס'אַ געמיינער ליגן! כ'האָב זיך פרײַוויליק ניט געשטעלט! כ'האָב געפּרוּווט אײַך ראַטעווען, פירן קיין ארץ־ישׂראל!

— דער דאָקטער איז אַראָפּ פון זינען? — האָט עולם זיך אָנגעשפּיצט. — ווײ איז אונדז, ווײ!

מענטשן, אַלץ נײַע אַרײַנגעטריבענע מענטשן אין דער אַרומ־צוימונג האָבן דאָס געדראַנג און די בהלה פאַרגרעסערט אויף ניט אויסצוהאַלטן. צוימען וועלן מוזן צעשפּאַרט ווערן, פּלאַצן! און די אויפרײַסן אין געטאָ וואָס האָבן אָן אויפהער געפּאַלמעסט די אָנגעגליטע לופט; און דאָס ביטערניש פון די רויכן און סמאָלינעס, אָנגעטראָגענע פון געטאָ... איז דער אָבערשטורמבאַנפירער מקיים זײַן וואָרענונג, אַז די געטאָ וועט אָפּגעמעקט ווערן?

און וואָס האָבן אָנגעזאָגט די פּלוצעם אַרויסגעדונערטע באַפעלן אין דײַטש זיך רירן פון אָרט צום טויער צו?

האָט מען זיך אָנגעהויבן שפּאַרן צום טויער ווי צו דער ישועה. זאָגן אָן די ישועה דײַטשן און זייערע געהילפן — אוקראַאינער, ליט־

ווינער, לעטן — אין שטאָלענע קאַסקעס מיט ביקסן אין שלאַכט־גרייטקייט און הינט אויף צײַמלער? אוי, ייִדן, ייִדן! מע צווינגט גאָר אַלעמען זיך אויסשטעלן צו פינף אין אַ ריי, מע נעמט גאָר טרײַבן פון אָרט...

אַ גרויסע, גאָר גרויסע אַפּהענטיק־פאַרלוירענע מחנה ייִדן שלעפּט זיך איבער די גאַסן פון שטאָט, באַוואַכט פון ביקסן און הינט. איין טרייסט: מע טרײַבט ניט אין דער ריכטונג פונעם שרעקאָרט הינטערן שטאָט, ווו מ'האָט אין משך פון דרײַ יאָר אויסגעקוילעט, ווײַט איבער די העלפט היגע ייִדן און צו לעצט אַלע קינדער, עלטערע לײַט, אינוואַלידן, ווי נאָר די געטאָ איז אין אַ קאַצעט פאַרוואַנדלט געוואָרן.

אונטערגעהאַלטן פון זײַן פרוי, האָט דער דאָקטער ענאָך, אין שוואַרצן גאַרניטער און דעם האַרטן שוואַרצן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, זיך געשלעפּט מיטן עולם אויסגעשעפּטע, דערשלאָגענע מענער און פרויען. אַ הויכער, האָט ער נאָך מער זיך אויסגעצויגן בכדי בעסער צו זען, וועמענס ראָש־הקהל ער האָט עס געזאָלט זײַן און ס'איין־און־איינציקע שליחות וואָס ער האָט פאַר זיי אונטערגענומען, ניט אויסגעפירט. דאָס געוועך מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט באַוואָפנט גייענדיק אינעם שליחות, האָט פּלוצעם דערמאָנט וועגן זיך — אָנגעצונדן זיך אין זײַן קעשענע. קהלס אייגנס... ווי לאַנג וועט מען אים אָן דעם אָבעריודע־אָרעמבאַנד לאָזן גיין אין זײַן אויסנעמיקן מלבוש? וועט קהלס אייגנס אַרײַנפאַלן צו די... דערפילט זיך שוואַך, נישטיק און שולדיק, האָט ער געזוכט ערגעץ צו אַנטרינען און אַראָפּגעקוועטשט די אויגן־לעדלער. און אין דער אַרויפגעצוווּנגע־נער אויף זיך גאַליק־ביטערער טונקלעניש דערפילט עטיס פּלייצע, זײַן גינציקן אָנלען. און אויך אין אויפלויכטן געזען, אַז די צעוואַקל־טע, פונאַנדערגעקראָכענע מחנה ייִדן פּרוווט זיך צעשיטן, זוכט עפּעס, און אַפילו דערזען, ווי ייִנגערע רײַסן זיך פון קלעם, לויפן. הינט יאָגן זיי נאָך, קוילן דעריאָגן זיי...

און אַזוי, אַזוי, ביז מען איז פּלוצעם שטיין געבליבן. ווי פון אַ באַקומענעם שטויס האָבן זיך אויפגעהויבן דעם דאָקטער ענאָכס

אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעדלער. און זע — מע האָט זיך דערשלעפּט צום טײַך וואָס פליסט פאַרבײַ שטאָט. וועט מען אַלעמען אין וואַסער אַרײַנטרײַבן, פאַרזינקען? ווי זיי שטייען און גייען? מיטן פאַרטסיגאַר צוזאַמען! ס'איז געווען דעם דאָקטערס אויפגעצאַפּלטע מאַקאַברישע פרייד...

נאָר ניין, דאָס וואַסער האָט בײַם ברעג פאַרשטעלט אַ גרויסע שוואַרצע באַרזשע. און נאָך איינע, און נאָך איינע אין אַ ריי. גרויסע שוואַרצע אַרונות?

די זון, ווי נאָכן אָפּטאָן אַ טאָג געמיינע מעשים, האָט פאַר שאַנד זיך צונטער־רויט אָנגעצונדן און געאײַלט זיך צו באַהאַלטן הינטערן האָריזאָנט, בכדי ניט צו זען, וואָס מע וועט דאָ טאָן מיט די ייִדן. און זיי האָט מען איינס נאָכן אַנדערן גענומען אַרײַנטרײַבן אין די באַרזשעס. דערבײַ האָט יעדערער באַקומען אַ האַלב לעבעלע ברויט — שפּײַז אויפן וועג. און הויך געוואָרנט האָט מען: אינעווייניק ניט אויסציִען זיך, בלײַבן שטיין אָדער זיצן מיט די פיס אונטער זיך, אַניט וועט קיין פלאַץ ניט קלעקן פאַר אַלעמען...

בעתן באַוועגן זיך איבער דער קלאַטקע אין שוואַרצן אָרון אַריין, האָט דער דאָקטער זיך באַפרײַט פונעם ניט אויסצוהאַלטן שווערן חפץ, וואָס האָט געריסן די קעשענע, געברענט... דער דערהערטער פּליושק פונעם פּאַרטסיגאַר האָט דעם בראַנד פאַרלאָשן און אַראָפּגעקײַקלט אַ שווערן שטיין פון זײַן האַרץ.

און ווידער איז געווען אַ פינצטערניש. איצט — אַ דושנע, טוכלע, אָנגעזאַפּט מיט אַ געדיכטן דעכען און קרעכצען פון מענטשן, אין אַן אומגעהײַערער ענגשאַפט צונויפגעפּרעסטע אויף אַ שמוציקן, פאַרעיפּושטן, מיט כלערלייִ אָפּפאַל אויסגעזייטן דיל.

— דאָקטער, ביטע, וווּהין פירט מען אונדז? — אַ שטים פון אַ דערבײַ זיצנדיקער פרעמדער פרוי האָט אַרײַנגעציטערט די פראַגע אין דאָקטער ענאָכס אויער אַרײַן.

— מסתמא האָבן זיי ניט קיין וואַגאָנען, — האָט דער דאָקטער אויסגעדריקט אויפן קול זײַנע מחשבות, — וועט מען פירן איבערן באַלטישן ים...

— און דאָרטן אויפרײַסן די שיף, און פּאַרטיק... — האָט די זעלביקע שטים פעסטגעשטעלט.

— כ׳מיין, אַז ניט. מ׳וואָלט קיין ברויט ניט אויסגעטיילט. דע־פּיציטער אַרטיקל בײַ זיי.

די פרעמדע פּרויען־שטים איז מיט אַ קרעכץ אײַנגעזונקען אין דומפּיקן אַרומיקן חושך.

אַן אייגענע, אַ לײַבלער־נאָענטע, עטיס שטים, איז ווייך צוגע־קומען צו זײַן געהער:

— לעאָ, איך האַלט אונדזערע ביידנס ברויט־פּאָרציעס. הונ־געריק אַ גאַנצן טאָג, נעם, עס אַ שטיקל.

— עך, עטי, עטי...

ניט דערזאָגט, אַז געהאָפּט האָט ער אָפּצורײַסן איר גורל פון דעם זײַניקן, וועט זי דערלעבן... נאָר ס׳זעט אויס, אַז אַן אָבעריודע גיט קיין זאַך זיך ניט אײַן. אַנשטאָט צו פירן זײַנע לײַדנס־ברידער קיין ארץ־ישׂראל, ווי אים האָט אָנגעזאָגט דער רבֿ, שווימט ער אין דער פינצטער צוזאַמען מיט זיי אויף קנעכטשאַפט און אומקום אין דער שלאַנגענעסט.

דער דאָקטער האָט דערטאַפּט זײַן פרויס האַנט און פאַרפרעסט זי אין זײַנער:

— נאַ, עטי, האָסטו זיך געדאַרפט ערגערן וואָס מיר זענען געבליבן אָן קינדער אויף דער וועלט? אין דער וועלט וואָס האָט אונדז צונויפגעקוועטשט אין גרויסע שוואַרצע אָרונות — — —

ניטאָ אין אָט דעם לאַגער קיין גאַזקאַמער, וואָס זאָל פאַרענדיקן מיטן אויסגייענדיקן מענטש. אָרדענונג איבער אַלץ — ס׳איז אַן „אַרבעט־לאַגער״, און קיין אומברענג־געצײַג ווערט דאָ ניט געלאָזן אין גאַנג.

אויף די פיס — אָנגעריבענע פון די האָלצשיך פלאָטערן, פלעגמאָנעס, וווּנדן וואָס היילן ניט און ברענגען דעם טויט. די כּוחות — אויסגערונען אויף דער צוואַנגאַרבעט. מיט אַ כּוונה ניט אָנגעגעבן זיך ווי אַ דאָקטער און געטאָן אַלץ, זיי זאָלן וואָס גיכער

אויסרינען. צווישן די ניט־טויגעוודיקע מער צו קיין אַרבעט קוים־זשיפּענדיקע סקעלעטן, וואָס ליגן אָנגעפּראָפּט אין אַ מוראדיק פּאַרעיפּושטן באַראַק און וואַרטן אויפן טויט, איז אין אַ כמאַרנעם סוף־זומערטאָג אויסגעגאַנגען נאָך אַ נומער. פריִער איז עס געווען דער מאַיעסטעטיש־שטאַלטנער, איידעלער, גינציקער צו מענטשן, דאָקטער לעאָ ענאָר.

גלייבט אין גורל־שותפות, גלייבט ניט. האַלט פונעם מעטאַפּיזיש־מיסטישן פּאַרגעפּיל, האַלט ניט. באַטראַכט עס ווי אַ פּרע־דעסטינאַציע, צי ווי אַ פּשוטע צופעליקייט, צי אפשר גאָר ווי אַ סימבאָל: דעם זעלביקן טאָג, אין דער וואַרעמער שײַן פון אַן איטאַליענישן סוף־זומערטאָג האָבן אָרטיקע פּאַרטיזאַנער אויפגע־ריסן אַ פּאַנצער־אויטאָ מיטן אָבערשטורמבאַנפירער, וואָס איז גע־פאָרן בראָש פון אַ באַנדע נאַצישע גאָרגל־שנײַדערס טאָן זייערע אַ פּאַרלענד־מלאָכה.

## ביכער, ביכער, ביכער...

זיי קומען אָן ניט אין קיין פער־שוואַרצע, ביז צו דער ערד גרייכנ־דיקע מאַנטיעס מיט קאַפּיושאָנען, וואָס פאַרשטעלן די פּנימער, ניט מיט קיין הייליקע פּאָנען, צלמים און ברענענדיקע ליכט אין די הענט. ניט אין קיין זונטיק, ווי ס'איז געווען אַ מאָל דער מינהג, און ניט אין בײַזײַן פון מלכים, שׂררות און הויכגעשטעלטע פּאַר־שוינען קומט עס פאָר. ניטאָ אויך דער המון, וועמען דער פּויפּס פלעגט פאַרן אָנטייל נעמען אין דער בלוטיקער צערעמאָניע פאַר־געבן די עבירות אויף פערציק טעג אין פאָרויס. איצט קומט עס פאָר מיט אַ סך וויניקער פּאָמפּע. אָוודאי דערפאַר, וואָס דאָס געשעט ניט אינעם פינצטערן מיטל־עלטער, נאָר אין מיטן פונעם אויפגעקלערטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פון דער נײַער צײַט־רעכענונג, פּינקטלעכער — אין יולי 1944.

דורכן דרײַ־עקיקן בוידעם־פענצטערל זעט זיך אַלץ ווי אויף דער דלאָניע: זיי זענען אָנגעטאָן אין אַש־גרינע אוניפאָרמען און שטאָלענע קאַסקעס; שוואַרצע אויטאָמאַטישע ביקסן, גאַזמאַסקעס, אָנגעהאָנגענע אויף די רימענס. אַזוינע זענען זיי שטענדיק געווען. נאָר הײַנט האָבן זיי ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט. אַט רינגלען זיי אַרום אַ שטיבל, באַגיסן עס מיט אַ פליסיקייט און צינדן זי אָן מיט די שטורקאַצן. העלע פלעמלעך טוען אַ פלאַטער איבער די גרויע, פון עלטער צעשפּאָלטענע הילצערנע ווענט. די זומער־דיקע חמימה איז דער בעסטער משרת פונעם פײַער. העלפט אים לײַכט אַרויפהייבן זיך אויפן שינדלדאַך... צו די זײַלן רויך, צעזייטע איבערן שטח פון דער געטאָ, קומט צו נאָך איינער.

דאָס אַלץ זעט ער דורכן בוידעם־פענצטערל.

וויפל וועט געדויערן ביז זײַן ריי וועט דערגיין? אַ שעה, צוויי,

דרײַ? אײנס איז קלאָר: פּאַרקומען װעט עס הײַנט. צו װײניק צײַט געבליבן, אַ נס זאָל געשען. און בכלל, נסים... אויף זײ האָבן זיך ניט דערוואַרט די, וואָס האָבן געגלייבט אין זײ; איז אָפּגערעדט, אַז הײַנטיקע צײַטן װעלן אויף קײן נסים זיך ניט דערוואַרטן די, וואָס גלייבן ניט.

אָט זעט ער, װי פונעם שטיבל װעמענס רײַ ס'איז דערגאַנגען עולה־קרבן צו זײַן, האָבן די מלאכי־חבלה אַרויסגעטריבן אַ משפּחה. דעם פֿאָטער און די מוטער אָפּגעשטויסן מיט די ביקסנקאָלבעס אין אַ זײַט און זייערע צוויי קינדערלעך אַרײַנגעוואָרפן אין די פלאַמען פונעם ברענענדיקן הײַזל. לעבעדיקע! ווי מע וואַרפט שײַטלעך האָלץ אין אויוון... די רויטע פונקען וואָס צעשפּרענקלען די רויכן, זענען ניט אַנדערש װי בלוטסטראָפּנס — פון די פאַרברענטע קינדער צי פון אַזעלכע װי ער, וואָס האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן פון דער אַרויספירעניש און ברענען צוזאַמען מיט די הײַזער.

אויך ער װעט איצט פאַרענדיקן זײַן לעבן אין די פלאַמען, ווײַל ער ווידערשפּעניקט.

בלויז דאָס צווייטע מאָל פאָלגט ער ניט. ס'ערשטע מאָל — ווען געווען איז באַפוילן אָפּצוגעבן אַלע ביכער. ביז דעמאָלט האָט ער פּינקטלעך געטאָן וואָס די רשעים האָבן באַפוילן. געגאַנגען צו דער צוואַנגאַרבעט און אַלץ אָפּגעגעבן וואָס זיי האָבן געפאָדערט — דאָס געלט, אַלע ווערטזאַכן, אַלע בעסערע בגדים, נײַ וועש, שוכוואַרג. ער האָט געטרייסט אי זיך, אי אַנדערע: ביז מע וועט אויסגעלייזט ווערן, וועט מען אויסקומען אָן געלט, וועט מען גיין קרוע־בלוע, אַבי אויסהיטן דאָס נפש.

אמת, ווען ער פלעגט זען, ווי די רעקווירירטע זאַכן ווערן צונויפגעשלײַדערט אין אַ הויפן — אָן אַ סדר, אָן אַ חשבון, ניט אַרויסגעבנדיק קיין קוויטאַנציע, ניט פאַרשרײַבנדיק אין אַ וועלכן ניט איז רעיעסטער, פלעגט אים ווערן ביטער אויפן האַרצן. עפּעס צו הפקר איז אַלץ געוואָרן. ער, אַן אַלטער בוכהאַלטער, וואָס איז אַ לעבן־לאַנג אָפּגעזעסן בײַ ציפער, רעכענונגען און דאָקומענטן, אָפּהיטנדיק אַ באַשטימטע אָרדענונג, האָט ניט תּופס געווען, ווי

אַזוי קאָן מען עס ניט אָפּהיטן עלעמענטאַרסטע פֿאָרמאַליטעטן. נאָר צוזעענדיק ווי די וועלט פֿון געזעץ און אָרדענונג איז פֿאַר־דרענגט געוואָרן דורך ווילקיר און כאַאָס, האָט ער אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט אויף דער אַבסאָלוטער אומאָרדענונג אין די רעקוויזיציע־פּונקטן.

נאָר אַז ס׳איז באַפֿוילן געוואָרן אָפּצוגעבן ביכער...

מענטשן האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס, בעת ער האָט געשלעפּט זײַנע ביכער אין געטאָ אַרײַן. אַלע האָבן דעמאָלט מיט־גענומען פֿון זייער אייגנס דאָס, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט. און אים זענען אָנגעגאַנגען די ביכער. מע האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם, ווען ער פֿלעגט אין געטאָ — אויף דער גאַס צי גאָר אין די מיסטהויפֿנס — קלײַבן אַרויסגעוואָרפֿענע ביכער און שלעפּן צו זיך, האָבנדיק גרויסע טענות צום עם־הספר...

די שכנים האָבן געוואָרטשעט: ניטאָ אין שטיבל ווו זיך אַ קער צו טאָן, מע לעבט אין אַ שרעקלעכער ענגשאַפֿט, און ער שלעפּט נאָך אַהער ביכער. אַ הונגעריקער, אַן אָפּגעריסענער, אָפּגעשליסע־נער — און ס׳ליגן אים אין זינען ביכער. רדיפֿות, פּײַן, טויט, און ער טראַכט וועגן ביכער.

אים איז ניט אָנגעגאַנגען וואָס מע רעדט, ער האָט אָנגעשטאָפּט אַ פֿול שטעלכל מיט ביכער. אויפֿגעהאַנגען אויף אים אַ גרויסן שלאָס, ווײַל מיטן אָנקום פֿון די פֿרעסט האָט עמעצער אויסגעדריקט די מיינונג, אַז ס׳וואָלט געווען אַ יושר דורכצוהייצן די קאַלטע שטוב מיט די ביכער, וואָס שימלען אין שטעלכל.

און אַז ס׳איז אַרויס דער באַפֿעל אָפּצוגעבן אַלע ביכער וואָס געפֿינען זיך אין געטאָ...

יאָרן־לאַנג האָט ער געקליבן אַ פּריוואַטע ביבליאָטעק, אויפֿגע־זאַמלט יקר־המציאותן, אַנטיקע עקזעמפּלאַרן. געהאַט ערשטע דרוקן פֿון אַמסטערדאַם און קראָקע, ווענעציע און ווילנע. זײַנע פּאָליצעס האָבן באַצירט די ערשטע אויסגאַבעס פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים, פּרץ און שלום־עליכם. אַ סך פֿון זיי — מיט אויטאָגראַפֿן, אויטאָ־רישע דעדיקאַציעס. דעם עצם זאַמלען האָט ער באַזיניקט. געזוכט

אַזעלכע עקזעמפּלאַרן, ווען ס׳האָט געדראָט די סכּנה אונטער־צוגיין. ער פּלעגט זיך ריִען אין אַלטע שמות אויף בוידעמער, אין קעלערן. ער פּלעגט זיך פאַרבינדן מיט אַלטוואַרג־הענדלערס און באַשטעלן ביי זיי אַלטע, זעלטענע ביכער. קויפן אין אַנטיקוואַריאַטן האָט ער אויסגעמיטן, אָננעמענדיק, אַז פון דאָרטן וועלן די ביכער אַריינפאַלן אין זיכערע הענט.

ווען די נאַציס האָבן אין דייטשלאַנד עפנטלעך אָנגעהויבן ברענען ביכער אויף שייטערס, האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ רשימה פון די ווערק, וואָס זענען דאָרטן פאַרמישפּט געוואָרן צו שׂרפה, און גענומען זיי קלייבן. געקליבן און ווי געוויינטלעך געלייענט זיי ביז שפּעט אין די נעכט אַריין.

וויפל פלעגט אים אויסקומען צו אַמפּערן זיך מיט זיינע אייגענע צוליב דער ביכער־תּאווה זיינער! און וואָס איז דער וווּנדער? אַ גוטער טייל פון זיין פאַרדינסט האָט ער אויסגעגעבן אויף ביכער. אַליין אַרומגעגאַנגען אין אָפּגעטראָגענע בגדים, באַשיידן זיך דער־נערט, אָפּט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם סאַמע נייטיקסטן און געקויפט ביכער.

ניט איין מאָל האָט ער זיך געפרעגט, וואָס איז דער זינען פון זיין זאַמל־אַרבעט? צי דען בלויז שטילן זיין ביבליאָפילישע לייד־נשאַפט? צי דען בלויז די ביכער זאָלן שטיין ביי אים אויף די פּאָלי־צעס? ס׳איז אויפגעקומען דער געדאַנק איבערצוגעבן זיין זאַמלונג דער שטאָטישער ביבליאָטעק, דעם ליטעראַטור־אינסטיטוט צי אַן ענלעכער אינסטיטוציע, וואָס באַדינט אַ ברייטן עולם. דערצו, האָט ער געטראַכט, וועלן די ביכער געפינען דאָרטן אַ זיכער אָרט אויף אַלע צייטן. נאָר דאָ איז אויסגעבראָכן דער מוראַדיקער שטורעם.

ניט זיין פרוי און טאָכטער, ניט זיין זון און שנור האָבן אים געקאָנט איבעררעדן צו לויפן מיט זיי פון די דייטשן. ער איז געווען זיכער, אַז קוים האָט ער זיך עפנטלעך ניט געמישט אין פּאָליטיק, דראָט אים ניט קיין דירעקטע סכּנה. און אויב די דייטשן וועלן יאָ פאַרכאַפּן די שטאָט, וועלן זיי לאַנג דאָ ניט בעל־הבתעווען. די סאָוועטן טענהן דאָך די גאַנצע צייט, אַז זיי וועלן שלאָגן דעם שונא

אויף זײַן טעריאָטריע... און דערוויַילע, אויב ער וועט ניט זײַן אויפֿן אָרט, ווער ווייסט, וואָס עס קאָן געשען מיט זײַנע ביכער. ניין, ער וועט זיי ניט איבערלאָזן אויף הפקר!

זײַן מלחמה־פּראָגנאָז האָט זיך אַרויסגעוויזן פּאַר נאַיִוו. די דײַטשן האָבן געהאַט גענוג צײַט צו קערן דאָ וועלטן — צו פֿאַר־גראַמירן די ייִדן, צו שעכטן... אַ סך ביכער זענען אים פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דער מהומה בעתן איבערפּעקלען זיך אין דער אַרומ־געצוימטער געטאָ, און ניט אַלע איז מעגלעך געווען אַרײַנפּאַקן אין שטעלכל אויפֿן הויף פֿונעם הויז, ווו ער האָט געקראָגן דעם אָפּדאַך. האָט ער די ביכער געטיילט באַקאַנטע, פֿאַרשווערנדיק זיי צו היטן, היטן...

אַז די נאַציס האָבן, סטראַשענדיק מיט טויטשטראָף, באַפֿוילן אָפּצוגעבן אַלע ביכער, אַן אויסנעם פֿון שפּראַך און אינהאַלט, האָבן די איבערגעשראָקענע שכנים פֿאַרלאַנגט, ער זאָל וואָס גיכער אויסרייניקן דאָס שטעלכל און ניט אַרויפֿברענגען דעם גרעסטן אומגליק אויף אַלע אײַנוווינערס פֿונעם הויז.

קיינער האָט ניט חושד געווען, אַז די זעק שלעפּט ער ניט צום רעקוויזיציע־פּונקט, נאָר אויף אַ בוידעם פֿון אַ חרוב הײַזל עק געטאָ. דאָ האָט ער אָפּגעגראָבן דעם זאַמדאַנשיט פֿונעם געבעלק, אויסגעלייגט די ביכער אין עטלעכע שיכטן און פֿאַרדעקט זיי מיט זאַמד.

איטלעכע פֿרײַע מינוט פֿלעגט ער זיך פֿאַרקלײַבן אַהער; אָפּגעגראָבן אַ בוך און בײַ טאָגליכט זיך צוגעזעצט מיט אים לעבן דאַכ־פֿענצטערל און געשלונגען, געשלונגען די זײַטלעך. אין געטאָ איז געווען פֿאַרווערט צו לייענען. און ער... ניין, קיינער וועט אים ניט פֿאַרוואַנדלען אין אַ בלינדן, טעמפּן, געהאָרכיקן קנעכט!

ענדלעך איז געקומען דער לאַנג דערוואַרטער טאָג: הינטערן האָריזאָנט האָבן געדונערט די טריט פֿון די באַפֿרײַערס. דעמאָלט האָט ער צום צווייטן מאָל ניט געפֿאָלגט די פֿאַרפֿאָלגערס, וואָס האָבן די לעבן געבליבענע געטאָיִדן באַפֿוילן צו זאַמלען זיך צו דער עוואַקואַציע. דורך אַלע קאָרדאָנען האָט ער זיך אַדורכגעגנבֿעט

צו דער חורבה, אַרויפגעקראָכן צו זײַנע ביכער, אַרויפגעצויגן צו זיך דעם לייטער און אַראָפּגעלאָזן די קלאַפּע אויף דער לאָך צום בוידעם.

שוין דעם פינפטן מעת־לעת איז ער דאָ אויבן. שוין דעם דריטן מעת־לעת ווי די פּאַרטיליקערס בושעווען אין געטאָ, זוכן ייִדן וואָס האָבן זיך פאַרטײַעט אין באַהעלטענישן, פּאַרברענען הויז נאָך הויז. די געפונענע אין די שטיבער קינדער און עלטערע לײַט דערשיסן זיי און שלײַדערן אין פײַער. די ייִנגערע און געזונטע יאָגט מען צום טראַנספּאָרט.

הײַנט וועט על־פּי שׂכל דערגיין זײַן ריי. ער הערט געניי די קולות אין דײַטש: „ראַוס! ראַוס!" דאָס מיינט מען די ייִדן... אָט זענען זיי, די מלאכי־חבלה, שוין גאָר נאָענט. צו וואָס רופן זיי די מענטשן? אפשר טאַקע עוואַקויִרט צו ווערן אויף אַרבעט? אומברענגען, פאַרטיליקן די ייִדן קאָנען זיי דאָך פּשוט אין די פלאַמען פון די הײַזער, וואָס זיי צינדן אונטער. נאָר ער וועט סײַ ווי זיך ניט אַרויסגעבן, כאָטש ער האָט נאָך כּוח צו שלעפּן דעם יאָך. ער וועט פאַר זיי מער ניט אַרבעטן, מעגן זיי צאָלן, ווי ביז איצט, אַ גאַנץ הויכן לוין — אַ טאָג לעבן פאַר אַ טאָג אַרבעט. דעם משׂא־ומתּן מיט זיי האָט ער איבערגעריסן, ווען ער איז אַרויף צו זײַנע ביכער.

ער ליגט אויף זײַן אויסגעשפּרייטן מאַנטל. דאָס אָפּגעטראָגענע העמד — פונאַנדערגעשפּיליעט. אויפן קאָפּ — אַ צעשויבערטע קוטשמע גרויליכע האָר. דאָס פּנים — פאַררייכערט, שמוציק, אַרומגעזוימט מיט אַ גרוי־שוואַרצן האָראַנוווקס. פון אונטער די געדיכטע טונקעלע ברעמען קוקן אַרויס אויגן, אָנגעצונדענע מיט אַ שוואַרץ פײַער. אומרויִק גליט דאָס פײַער, זוכט עפּעס.

און אַז די אויגן ציִען אים צו צום דאַכפענצטערל, איבערצײַגט ער זיך: רויכפאַרהאַנגען פאַרדעקן פון זײַן בליק די גאָרע וועלט. ער ווייסט, אַז הינטער זיי שײַנט אַ הייסע זומערדיקע זון; די ערד איז איבערגעדעקט מיט אַן איבערגעקערטער לויטער־בלויער הימלשאָל. נאָר דאָ, אויפן בוידעם, ווערט אַלץ טינקעלער. רויכן פאַרשטעלן די העלע וועלט. דער דאַך איז אָנגעהיצט פון דער זון,

פון די אַרומיקע שׂרפֿות. דאָס אָנגעגרייטע וואַסער האָט זיך גענע־דיקט, די סוכאַרעס — אויך...

אַ ווינטל טוט אַ הייב דעם ברעג פון אַ רויכפאָרהאַנג, און מע קאָן דערזען, ווי די פאַרטיליקערס פאַרנעמען זיך מיט זייער מלאָכה שוין ביַי די שכנותדיקע היַיזלעך. וואָס לענגער זיי וועלן זיך דאָרטן פאַרהאַלטן, אַלץ לענגער צו לעבן בליַיבט אים, דעם אויס־געבאַהאַלטענעם אויפן בוידעם מיט די ביכער. ווען ניט די ביכער... זיי האָט ער צו פאַרדאַנקען, וואָס ער האָט געוווּנען אַ ביסל ציַיט און איז ביז איצט ניט פאַרשלעפּט אָדער פאַרברענט געוואָרן. וועט ער אפשר אין זייער זכות אַלץ איבערלעבן און בליַיבן לעבן? דער לאַנג אויסגעקוקטער נס וועט פאַרט געשען? די באַפריַיערס לאָזן זיך דאָך הערן...

נאָר ניין, אַט זענען שוין באַלד די משחיתים ביַי דער חורבה, ווי ער געפינט זיך. צוזאַמען מיט די ביכער וועט ער אַרויף מיטן רויך. אַזוי ווי דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, ווי יאַן הוס? ווי דער דאָקטער סערוועט? ווי וואַניני און ווי די ייִדן, די טויזנטער, טויזנטער קרבנות פון דער אינקוויזיציע, ווי די אַנוסים אין שפּאַניע, פאַרברענטע אויף די שיַיטערס? זיי אַלע... פון זיי ווייסט מען, פון זיי איז געבליבן אַ שפור, אַ תורה... ער וועט פאַרגיין, ווי ניט געווען. צוזאַמען מיט אים — די ביכער! אוי, ווי גערעכט איז געווען היַינריך היַינע, ווען ער האָט מיט הונדערט צי מיט נאָך מער יאָרן צוריק, געשריבן, אַז די וואָס ברענען ביכער, וועלן ווען ניט איז ברענען מענטשן...

אָט פאָדערט מען ווידער, די אויסגעבאַהאַלטענע זאָלן אַרויס־גיין פון זייערע פאַרשטעקלעכער. פּויקט מען שוין אין טויער פון זיַין לעבן? ווען ער זאָל גלייבן אין גאָט, וואָלט ער אין אָט דער לעצטער רגע זיך געווענדט צו אים. וואָלט מסתמא לייַכטער געווען צו באַ־געגענען דעם טויט. גלייבט ער אָבער ניט אין גאָט און ניט אין יענער־וועלט. און די וועלט אין וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט פופציק יאָר, האַקט מען אים אַרויס פון אונטער די פיס. זיַין פרוי, די קינדער... האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פונעם טויט־עיגול? געפי־נען זיי זיך וויַיט, וויַיט פונעם בראַך? אויב יאָ, וועלן זיי בקרוב זיך

צוריקקערן און אים ניט געפינען. ניט אים, ניט זײַנע ביכער. דער ווינט וועט שוין האָבן זייער אַש צעווייעט. די ביכער!

ער לאָזט זיך אַראָפּ, נעמט פונאַנדערגראַבלען דעם זאַמד. כאַפּט דאָס ערשטע בוך, אויף וועלכן ער שטויסט זיך אָן. ס'איז לערמאַנטאָוו. אַ פּראַכט־אַרויסלאַז. ער טוט אַ בלעטער און פאַרהאַלט זיך בײַם קורצן ליד וועגן ווײַסן זעגל, וועגן עלנטן זעגל וואָס זוכט שטורעם, גלײַך אינעם שטורעם וואָלט די רו געווען פאַרהוילן... דרײַ סטראָפעס אויף אַ גרויס בלאַט פּאַפּיר. ליידיקע ראַנדן... אויף זיי עפּעס אָנשרײַבן, איבערלאָזן אַ שטיקל צוואה...

אין דער הויזן־קעשענע טראָגט ער שטענדיק אַ בלײַערל. בײַם דאַכפענצטערל... דורך אָט דער עפענונג צו דער וועלט דרינגט אַרײַן, אויסער רויך און סמאַלינעס, אויך אַ ביסל, מיט דער ביטערניש פון גאָר דער וועלט, אָנגעזאָפּטע טאָגליכט. ציט ער זיך אויס לעבן אָט דער עפענונג און אויפן פרײַען פּאַפּיר־שטח וואָס לערמאָנטאָווס ליד האָט אים איבערגעלאָזט, נעמט ער אויסלייגן שטײַפע, קלאָרע אותיות, ווי יעדער אות וואָלט געווען אַ ציפער אין זײַנעם אַ בוכהאַלטעריע־באַלאַנס — אַ וואָגיקע, באַטײַטפולע ציפער. ווײַל, ווײַל... איבערלעבונגען, געפילן, מחשבות, מסקנות האָבן זיך געהאַט אָנגעקליבן, אָפּגעזעצט, באַהאַפטן און איצט האָט דעם אָ קאָכעדיקן צונויפשמעלץ דער בלײַערשפּיץ גענומען אויסגיסן אויפן פּאַפּיר...

ער פאַרענדיקט, שרײַבט זיך אונטער, שרײַבט אָן די דאַטע, שטעלט אַוועק אַ שטאַרק צוגעדריקטן פּונקט. שטייט אויף מיטן בוך אין האַנט. אַ צופרידענער שמייכל — אַזאַ זעלטענער גאַסט בײַ אים אין משך פון דער גאַנצער געטאָצײַט — טוט אַ פלאַטער אויף זײַנע איבערגעטריקנטע ליפּן. אַ שווערע משא קײַקלט זיך אַראָפּ פון זײַנע פּלייצעס. ער האָט באַוויזן!

ער הערט זיי, די אונטערצינדערס. הערט זייערע קללות אויף די „וועלט־פאַרדאַרבערס, די שמוציקע יודן"... מע פאַרעט זיך איצט דערנעבן. אַ פּיצל האָפענונג האָט די גאַנצע צײַט געטליִעט אין אים, אַז מע וועט אויף דער חורבה קיין אכט ניט לייגן. ווידער אַ נאַיִווע

האָפענונג. צאַפּלט ער אויף. ראַטעווען, אין דער לעצטער רגע ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך! די ביכער! מיט אַלע כּוחות שלײַדערט ער אַרויס דורכן פענצטערל דאָס בוך וואָס ער האַלט, און פאַלט צו צום דאַכבאַדן, גראַבט אָפּ ביכער און וואַרפט זיי דורך רויך און פלאַמען, שיקט זיי אויף דער פרײַ — צום הימלבלוי, צו דער זון...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַנשטאָט דער געטאָ — אַ וואַלד סטאַרטשענדיקע פאַררייכערטע קוימענס. אינעם אָנגעוואַלגער פון פאַרקוילטע האַלעוועשקעס, פאַררייכערטע ציגל און בראָכוואַרג — איבערגעבערענטע סקעלעטן פון אײַזערנע בעטן, דעפאָרמירטע שיסלען און טעפּ, צעבויגענע מעטאַלענע חפצים. און אויף אַלץ און איבער אַלץ — אַש, אַש, אַש פון אומגעבראַכטע מענטשן און זייערע פאַרטיליקטע היימען.

שטום, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן מיר — געלאָפענע און לעבן געבליבענע אַסירים פון געטאָ, פאַרטיזאַנערס, יידישע זעלנערס, באַפרײַערס פון דער שטאָט — אַרומגעבלאָנקעט צווישן די רעשטן פונעם מאָנומדיקן אויטאָדאַפע, אין וועמענס פלאַמען טויזנטער מענטשן, די לעצטע פון אַ גרויסער עדה יידן, האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות.

מיר זענען אָנגעקומען צום עק פון דער חרובער געטאָ. אַלעמענס בליקן האָט צוגעצויגן ניט קיין גרויסער שטיינערנער פונדאַמענט פון אַ פאַרברענט הײַזל, אַרום וועלכן עס זענען געווען אָנגעוואָרפן ביכער — פאַררייכערטע, פאַרסמאַליעטע, מיט צעדרייטע טאָוולען און פאַרשוואַרצטע רוקנס. געעפנטע ביכער מיט פאַרגעלטע, פון דער זון פאַרבאַקענע זײַטלעך.

מיר האָבן זאָרגעוודיק גענומען אויפקלײַבן די ביכער און גלײַך באַמערקט דעם זעלבן עקסליבריס, אַרויפגעקלעפּט אויפן פאָרזאַץ פון יעדן בוך. נו יאָ, ס'איז ער! ווער פון די ליטעראַטורליבהאָבערס און פענמענטשן האָט ניט געקענט, אָדער ניט געהערט וועגן דעם דאָזיקן לײַדנשאַפטלעכן ביבליאָפיל און ביכער־זאַמלער.

כ׳האָב אים געקענט פון פאַר דער מלחמה, זיך געהאַט מיט אים באַגעגנט אויך הינטערן שטעכלדראַט, אין געטאָ.

אויפקלייבנדיק, זײַנע ביכער איז אונדז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט אַ פּראַכטבאַנד לערמאָנטאָוו. אין אָריגינאַל. ווי פון זיך אַליין האָט זיך אויפגעמישט די זײַט מיטן באַוווסטן ליד וועגן זעגל, אַרומגעזוימט מיט אַ געדיכט אָנגעפּיקעוועטן, אָבער קלאָרן כּתב. בײַם געעפנטן בוך האָט זיך באַלד געשאַפן אַ געזעמל. עמעצער האָט אויפן קול גענומען לייענען די אויפשריפט.

ווי אַ לעבעדיקן האָב איך דערזען איר אויטאָר. אויסגעמאָלט זיך אין דמיון זײַן טראַגישן סוף. און עס אַרויפגעבראַכט שפּעטער אויפן פּאַפּיר. דאָס בילד וואָס איך האָב געפּרוּווט אָנמאָלן, זאָל דערגאַנצן די צוואה פונעם קדוש:

„מענטשן! כ׳האָב אין מײַן לעבן קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן און ווייס ניט, פאַר וועלכע זינד איך ווער גערודפט ווי אַ חיה. צי האָב איך עמעצנס אָרט אויף דער ערד פאַרנומען, זײַן לופט געאָטעמט? ,רוים פאַר אַלעמען פאַרמאָגט די ערד!׳ האָט נאָך מיט יאָרן, יאָרן צוריק אויסגערופן דער דיכטער, וואָס האָט גערעדט און געשריבן אויף דער שפּראַך פון די, וואָס פאַרטיליקן אונדז מיט פײַער און פלאַם. זיי האָבן אונדז, ייִדן, דערקלערט פאַר אויס מענטשן און פעסטגעשטעלט, אַז דאָס בלוט אין אונדזערע אָדערן, אונדזערע אויגן, נעז, די פאַרב פון אונדזער הויט זענען מחייב אונדז אויסצוראָטן. אמת, איך האָב לגבי זיי געזינדיקט — געקליבן ביכער און אויך אַזעלכע, וואָס זיי האָבן פאַרמישפּט צו שׂרפה. וואָס זענען אָבער שולדיק די צוויי קינדערלעך, וועלכע מ׳האָט אָקערשט לעבעדיקע אַרײַנגעוואָרפן אין פײַער? מענטשן! מיר זענען געווען דאָ אין שטאָט פערציק טויזנט ייִדן. איצט זענען מיר שוין די לעצטע און ווערן אַכזריותדיק אומגעבראַכט. מענטשן! ווי וועט איר אָפּצאָלן די רוצחים? איך ווייס: זינט יאָרטויזנטער חקירהן זיך פילאָסאָפן, דענקערס וועגן דער מאָס פון שולד און דער מאָס פון שטראָף. איך בין ניט קיין פילאָסאָף און וועל זיך ניט אַרײַנמישן אין דאָזיקן וויכּוח. טוט איר עס. איך פאַרלאָז זיך

אויף אײַער יושר. איין בקשה: איר זאָלט נאָר ניט פֿאַרגעסן! ווײַל נאָר דעמאָלט וועט אונדזער שטויב רויִק קאָנען שוועבן, ניט פֿאַר־טונקלענדיק די הימלען איבער אײַך. מענטשן! כ׳פֿיל, אַז איך מוז אײַך וואָרענען: ראָט אויס אַל דאָס חיה׳שע פֿון אײַער סביבה, ראָט אויס מיטן וואָרצל דעם ראַסיזם און די פֿעלקער־שׂינאה, זײַט אומברחמנותדיק צו זייערע פֿאַרשפּרייטערס, אויב איר האָט אײַנ־זעעניש מיט אײַערע קינדער און פֿילט די אַחריות פֿאַר זייער צוקונפֿט.

איינער פֿון די קרבנות פֿונעם נאַציזם —
הירש זאַק, קאָוונע, 14טער יולי 1944.״

## לינעס אַנדענק

1

— אַ שיינעם גוטן־אָוונט. פאַרשטייסט, ס׳בין איך. דער וואָס׳ט פּריִער אָנגערופן טעלעפאָניש. דער גאַסט פון אויסלאַנד... קוקסט מיך מאָדנע אָן. דערקענסט ניט.

— ???

— זיך געענדערט, וואָס? פאַרשטייסט, מײַן שוואַרצע פּרי־טשאָסקע ז׳אָוועק מיט די פערציק יאָר. געבליבן בײַ אַ באָרוועסן קאָפּ... דײַן בלאָנדן קאָפּ האָר, ווי כ׳זע, האָט די צײַט געשאָנעוועט. טאָקע אַ ביסל אויסגעבלייכט, אויסגעשיטערט, העכער אַרויפגעהויבן דעם שטערן. וואַרט, כ׳וועל אַראָפּנעמען די טונקעלע ברילן. און מײַן גרוילעכע באָרד נעם דו אָוועק. אין דמיון. פאַרשטייסט?

— כ׳פאַרשטיי — קאַפּל!

— אָוודאי!

— כ׳לעבן, קאַפּל! דײַן לשון. איצט מעג מען זײַן אָפן־האַרציק: בײַ חברה האָסטו אַ צונאָמען געהאַט — „דער פאַרשטייסט". און האָב ניט קיין פאַראיבל.

— אוי, וויי! הלוואַי וואָלט געווען אויף ווערמען פאַראיבל צו האָבן.

— טאָקע, קאַפּל! לאָמיר זיך אַרומנעמען, צעקושן! אַזאַ סורפּריז! אַזאַ גאַסט! אַן אומגעריכטער און אָנגעלייגטער.

— נאָר ניט איבערטרײַבן. פאַרשטייסט, ניטאָ קיינער, ווערמען כ׳זאָל זײַן אָנגעלייגט. אָנגעלייגט? פּוסטע דיבורים. שאָלעכץ אָן אַ יאָדער. האָסט מיך אָבער פאַרט דערקענט. פײַן, פײַן! שיין, ווען

דערקענסט מיך ניט. די שווערסטע מינוטן איבערגעלעבט צוזאַמען, זאָל מען זיך ניט דערקענען...

— אַזאַ איבערראַשונג! ווי׳סטו געפונען?

— פאַראַן, גאָט צו דאַנקען, אַ טעלעפאָן־בוך. טאַקע אַ צרה מיט אײַער העברעיִש, ווי איר שרײַבט די פאַמיליעס. אָבער גאָט איז אַ פאָטער. דורכגעקראָכן. געפונען, אָנגעקלונגען. און אַ טאַקסי דערפירט.

— וואָס שטייען מיר בײַם אַרײַנגאַנג? דײַן באַגאַזש בלײַבט דאָ, אין גאַרדעראָב. און לאָמיר...

— דאָס טשעמאָדאַנדל קאָן בלײַבן. די טעקע איז מיר נייטיק מיט זיך.

— ביטע, ביטע. זאָל זײַן אַזוי. קום זשע ווײַטער.

— זאָג: „קומט ווײַטער״. פאַרשטייסט, כ׳בין ניט אַליין.

— ???

— מיט מיר איז לינע. שטענדיק, אייביק איז זי מיט מיר.

2

— געמיטלעך בײַ דיר. געשמאַקע פאָטעלן, אַן אָריגינעל סאַלאָנ־טישל. אַ שיינעם קאַבינעט האָסטו. ווי איך זע — אַ שיינע דירה. קענטיק, שיינע דירות האָט איר דאָ, אין ישׂראל.

— און בײַ אײַך, פון וואַנען דו קומסט?

— פון קאַנאַדע. בײַ אונדז? ווי — ווו, ווי בײַ וועמען.

— גלייב מיר, אויך דאָ איז ווי — ווו און ווי בײַ וועמען. די זעלבע וועלט.

— אַזוי גאָר, די זעלבע וועלט. די זעלבע, די אַמאָליקע? אַ סקרוך נעמט מיך אַדורך. פאַרשטייסט, פון דער „זעלבער וועלט״ בין איך געלאָפן, אַנטרונען. צוזאַמען מיט לינען. כ׳פיל, איר קול רעדט אין מיר, רעדט פון מיר, רײַסט זיך צו אונדז:

„כ׳פריי זיך מיט אײַער באַגעגעניש. הער אײַך ביידן. זײַט ווערט אײַער געפינס צי געווינס אין שפּיל אויף לעבן און טויט!״

— זעסט, פֿאַרשטייסט, שטענדיק איז לינע אַן אויסנעם. אירע איינפֿאַלן! פֿאַרשטייסט — אונדזער געפינס צי געווינס אין אַט דער שפּיל!.. קאָנסט אפשר מאַכן וויניקער ליכט. פֿאַרלעש די אייבערשטע פֿלאַפּאָנען. לאָז ברענען דעם לאָמפּ אויפֿן שרײַבטיש. זײַן טונקעלער אַבאַזשור, מײַנע טונקעלעברילן... פֿאַרשטייסט, אַלץ באַוואָרענישן. אין דער שניי־ווײַסער, אין דער פּראַסטיקער פֿאַרפֿאַלנקייט, פֿון וואַנען איך קום, און אויך אין דײַנע זוניקע קאַנטן — צו פֿיל שײַן פֿאַר אויגן וואָס זוכן אַן אויסבאַהאַלט. פֿאַרשטייסט, אַנטלויפֿנדיק פֿון דער פֿריִערדיקער, פֿאַרשאָלטענער וועלט, האָב איך זיך אַליין פֿאַרשיקט אַהין... אין אַ קאַלטער אויסרײַסעניש. און די פֿאַרפֿרעמד־קייט צווישן גויים — קאַלטבלוטיקע עסקימאָסן, כמורע אינדיאַנער, וואַגאַבונדן־אייראָפּעער, וואָס יאָגן זיך נאָך אַ פֿעטער מטבע... און אַזוי שוין... איאָ, באַלד פֿערציק יאָר?

— כ׳מוז דיך איבערשלאָגן. רעדסט וועגן אַ פֿאַרפֿאַלנקייט צווישן גויים אין אַ שיינעם ייִדיש.

— פֿאַרשטייסט, ניט דערלאָזט מײַן נשמה זאָל פֿאַרפֿרוירן ווערן אין דעם עלנטן און פּראַסטיקן אינדערפֿרעמד. אויסגעשריבן אַ טעגלעכע ייִדישע צײַטונג פֿון ניו־יאָרק... אַגב, געלייענט דאָרטן וועגן דיר. און אויסגעשריבן ייִדישע ביכער. פֿאַרשטייט זיך, אויך דײַנע.

— אַזוי גאָר! אַ שרײַבער טוט עס הנאה, אַז מ׳לייענט אים.

— פֿאַרשטייסט, געלייענט דיך און טאָקע צוליבן לעצטן בוך דײַנעם... אויך ער האָט מיך אַ הייב געטאָן אין אַזאַ ווײַטן וואָיאַזש. און אויך ווײַל לינע... ניט איין מאָל איז זי אַרויס מיט טענות צו דיר. וויל איך דיך פֿרעגן אויג אויף אויג: סטײַטש? מיט לינען האָבן מיר די גאַנצע צײַט געוואָרט, געוווּנען זיכער, וועסט עפּעס אָפּדרוקן וועגן אונדזער בשותּפֿותדיקער איבערלעבונג. און וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט! אַנשטאָט דעם — מילא, נאָסטאַלגיע. קוויקסט זיך מיט מעשׂיות פֿון אַמאָליקן קליינשטעטל. אָבער גאָר באַזונדערש סמאַקעוועסטו זיך... אַ הײַנטצײַטיקע ליבע־אַוואַנטורע, אַ געביפֿטע

קרימינאַל־געשיכטע, צוגעווירצט מיט קיצלדיקער עראָטיק, מיט רויען, מיט נאַקעטן סעקס...

— אַנטשולדיק, אָן דעם גייט עס היינט ניט. אויך די איבערזעצונגען... דער הײַנטיקער לייענער פאַרלאַנגט עס.

— כ׳פאַרשטיי, ס׳איז דײַן מלאָכה, און יעדער בעל־מלאָכה זוכט אַ וואָס גרעסערן אָפּזאָץ פאַר זײַן סחורה. כ׳פאַרשטיי... דערלויבט בײַ דיר צו רייכערן?

— אַוודאי. איך כאַפּ אויך... זעסט די פּיפּקעס אויפן שרײַבטיש. אמת, דאָקטוירים וואָרענען...

— מילא. אַ ראַק, וואָס? פאַרשטייסט, ס׳רייכערן איז מײַן איינציקע הנאה...

— הער אויס, קאָפּל, מוזסט מיר מוחל זײַן. כ׳וועל דיך אויף אַ רגע איבערלאָזן אַליין. אָט, קאָנסט אַרײַנקוקן אין אַ פּאָר פרישע יִדישע ביכער.

— אַליין מיט יִדישע ביכער. בײַ מיר איז עס קיין נײַעס ניט. קימער זיך ניט. כ׳בין קיין מאָל ניט אַליין. לינע איז מיט מיר און זאָגט:

„דער מענטש איז אַזאַ באַשעפעניש וואָס קאָן אַליין ניט עקסיסטירן. ראָבינזאָן קרוזאָ האָט אויפן וויסטן אינדזל געמוזט זיך אויסגעפינען, צי אויסטראַכטן אַ חבר — ‚פרײַטיק׳.״

3

— און איצט, קאָפּל, כ׳פאַרבעט דיך אין קיך אַרײַן. צום עסטישל. אָן אימפּראָוויזירטע וועטשערע. מײַן צווייטע העלפט איז בײַם ים־המלח. אַ מעשה מיט וויטיקן אין די געלענקן. די דאָרטיקע בעדער טוען איר גוט. אונדזערע צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער, לעבן שוין פאַר זיך. חתונה געהאַטע... אין גימנאַזיע האָט אַ לערער אײַנגעקנעלט מיט אונדז די אַזוי גערופענע אינטעליגענץ־לערע — מאַנירן בײַם טיש, אין דער געזעלשאַפט. האָט ער אויסגעבראַכט: ווילסטו האָבן מיט עמעצן אַ שמועס אין גוטן מוט, צי ווילסט בײַ

אים עפּעס פּועלן, זײַ אים מכבד, שטעל עפּעס איבערצובײַסן. אַ הונגעריקער איז אומגעדולדיק, שווער מיט אים אויסצוקומען. מיר'ן עפּעס איבערבײַסן...

— זײַ מוחל, כ'האָק דיך איבער. ס'איז מסתמא קעגן די דינים פון דער אינטעליגענץ־לערע, נאָר, פּאַרשטייסט, כ'בין נאָך סאָפּער. אַבסאָלוט זאַט. ווילסטו דורכויס מכבד זײַן אַן אורח, שטעל דאָ, אויפן טישל, צוויי כּוסות און עפּעס שטאַרקס, ס'זאָל אַ סמאַליע טאָן. ס'זאָל אויסברענען... ווי מיינסטו, ס'לאָזט זיך אויסברענען? יאָרן, יאָרן, ווי כ'פּרוביר, און ס'העלפט ניט. אפשר צו קליין די דאָזעס, און כ'היט זיך פון נאַרקאָטיק. פּאַרשטייסט, בײַ אונדז דאָרטן — ביטערע פּרעסט, פּאַרביסענע שנייוויגעס, מוז מען זיך דערוואַרעמען, אונטערהייצן דעם אָרגאַניזם מיט קאַלאָריע־קאָנ־צענטראַטן. שטעל עפּעס האַרבס, אויב האָסט אין שטוב.

— געוויס, געוויס! צום אויסקלײַב: אַלטער ישׂראַלדיקער ברענ־די, עכטער פראַנצייזישער קאָניאַק, סקאָטישער וויסקי. געבן מיט אײַז? קאָקאָס־קיכעלער, ניס, מאַנדלען צום פאַרבײַסן.

— מײַנע ציינפּראָטעזן. זיי גלײַכן ניט ס'דאָזיקע פאַרבײַסן. אַ שטיקל ביטערן שאָקאָלאַד, אויב פאַראַן.

— פאַראַן, פאַראַן. מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— פאַרגעניגן. פאַרשטייסט, לינע פּרעגט מיך אָפט:

„לעבט דער מענטש צוליב פאַרגעניגן? און וואָס איז פאַרגע־ניגן? הוליען? געניסן? ס'איז אַלץ — עגאָיזם. אַן עגאָיִסט איז גרייט צו פאַרברענען דײַן שטוב, בכדי אָפּצוקאָכן פאַר זיך אַ פּאָר אייער."

4

— וויפל כּוסות האָב איך שוין אַרײַנגעקערט?

— ווער ציילט עס? זאָל דיר וויל באַקומען, אויב פאַרטראָגסט.

— געטרונקען און געשוויגן. ווי לאַנג שווײַגן מיר? פאַר־שטייסט, פון דעם לײַד איך די גאַנצע צײַט. דאָרטן איז אָבער,

אויסער לינען, ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן... זאָל בלויז זיך אײַנשטילן די זאַווערוכע אין קאָפּ. און די קינבאַקן זאָלן זיך באַרויִקן, ניט אַרויספּרעסן קיין געלעכטער. פונעם אַלקאָהאָל איז עס. און איך וויל פאַרפירן אַן ערנסטן שמועס.

— פאַרבײַסן איז נייטיק.

— נייטיק איז איצט שטאַרקע קאַווע. עכטע, אָקערשט צעמאָ־לענע קאַווע־בעבלעך, גוט פאַרבריטע. פאַרשטייסט, כ׳אָנערקען ניט די כּלערליי נעס־קאַפעען מיט די כעמישע קונצן. לאָכן ווילט זיך און וויינען דאַרף מען. ווער איך וואַרטן צוזאַמען מיט לינען אויף דער שוואַרצער קאַווע. ברענג צוויי פולע טעפּלער, כ׳וואַרט — — — און זיך דערוואַרט. די קאַווע איז טאַקע אויסגעצייכנט. זופּ ביי זופּ, אַז מע טרינקט... ווי דו זעסט, אויך לינעס פּאַרציע איז פאַרשוווּנדן. צו ביסלעך, צו ביסלעך ווערט אַרויסגעטריבן דער טשאַד פון קאָפּ. פאַרשטייסט, מיר מוזן פאַרענדיקן מיטן שווײַגן. פאַרשטייסט, כ׳מוז זיך איבערצײַגן, צי אַלץ האָב איך ריכטיק פאַרגעדענקט. אַגב, וואָס איז מיט די אַנדערע דרײַ, כ׳מיין די דרײַ... נו, די וואָס האָבן צוזאַמען מיט אונדז אַרויסגעצויגן דעם לאָטעריע־בילעט פון בלײַבן לעבן ?..

— ליידער. קיינער פון זיי איז שוין ניטאָ.

— אַזוי גאָר. פאַרשטייסט, ביסט געווען דער איינציקער, פון וועלכן איך האָב געוווּסט. פון די צײַטונגען, פון די ביכער דײַנע. ווײַזט זיך אַרויס, אַז ביסט בכלל דער איינציקער. מוז מען זיך אונטעראײַלן, קוים זענען מיר בלויז צוויי געבליבן. פאַרשטייסט, אַז עמעצער פון אונדז וועט שוין אויך ניט זיין, ווי ט׳מען קאָנען פעסטשטעלן ?.. כ׳וויל חלילה ניט צוטראַכטן און ניט פעלשן אויף קיין האָר. אָט, ווי דו זעסט, נעם איך אַרויס פון מײַן טעקע אַ טייפּ־רעקאָרדערל. אַ ברעקל, האַ ? אונדזערער, ווו כ׳אַרבעט, דער נײַסטער מאָדעל. געקאָנט האָב איך אים האַלטן אין קעשענע, זאָלסט ניט ווויסן און ניט פילן. אָבער ניין, זײַ ווויסן, אַז דאָס ממזרל, ווי אַ פּאַפּיראָסן־שאַכטל די גרייס, פאַרהיטן וועט ער אונדזער הײַנטיקע

באַגעגעניש מיט אַלע פּיטשעווקעס, וואָרט אין וואָרט. פיר שעה פאַרשרײַבט ער אויף איין מיני־קאַסעטע. צוויי אַזעלכע וועלן מסתּמא קלעקן. און אויטאָמאַטיש גייט עס. אַ חכמה, האַ? אַלץ פון אונדזער פּראָדוקציע. פּאַקטיש — בײַ־פּראָדוקציע. סעמעטשקעס. די עיקרדיקע... אַהאַ!

— ???

— כ׳פיל, ווילסט פרעגן, צי כ׳בין אפשר גאָר אַ שותּף צום עסק. ניין. און אפשר אַ שטיקל שותּף... נאָר... פאַרשטייסט, אַ מאָל זענען מיר זיך פונאַנדערגעלאָפן אָן אַ זײַ־געזונט. געלאָפן פון די קאַנטן ווו מיר האָבן אַלץ פאַרלוירן, אַלעמען פאַרלוירן. געבליבן נאַקעט־הויל, אָפּגעשונדן און חסר־דעהדיק. געלאָפן, געבליבן שטע־קן אין מערב־דײַטשלאַנד. און אין האַרץ, מסתּמא אויך בײַ דיר האָט אין האַרץ געברענט אַ שׂרפה; און די פיס, זיי האָט געסמאַליעט אַ פײַער און געצווונגען ווײַטער צו לויפן, אַנטלויפן פון די פאַר־שאָלטענע מקומות... אפשר געדאַרפט זיך רײַסן אַהער צו. פאַר־שטייסט, ס׳האָט דעמאָלט געשמעקט מיט שוואַרצן גרענעצן, זיך אַרײַנגנבענען אויף שיפלעך, אויסגעשטעלט זײַן באַגנעטן. ווידער, אַז גאָט גיט, ווערן פאַרשפּאַרט הינטער שטעכלדראָט. וואָלט מיך עמעצער געשלעפּט אַהער צו... כ׳האָב אָבער פון קיינעם וויסן ניט געוואָלט, קוים איז לינע... האָבן מיך גאָר קרובים אויפגעזוכט און פּאַרמאַניעט צו זיך, קיין קאַנאַדע. געוואָלט פאַרשדכנען מיט זייערער אַן אייגענער. צוגעזאָגט אונדז צו שטעלן אויף די פיס. און איך האָב געזאָגט — ניין! כ׳בין דאָך געווען פאַרקנסט צו לינען און צוזאַמען מיט איר געלאָפן און לויפנדיק צופעליק אָנגעשפּאַרט קיין קאַנאַדע... איין מאָל אַרומבלאָנקענדיק איבער מאָנטרעאַל, האָט מיך אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס אַ מענטש פון אַן אָפּיש אַראָפּ. צילנדיק אין מיר מיט אַ ווײַזפינגער האָט ער פעסטגעשטעלט אין עטלעכע שפּראַכן, אַז איך וועל מסכּים זײַן אויסצובילדן זיך אין עלעקטראָניק און וועל דערנאָך אַרבעטן אין אַ גרויסער אונטערנע־מונג, וואָס ווערט פאַרלייגט אין... אפשר לייענט עס זיך אַביסל אַנדערש, נאָר איך האָב איבערגעלייענט איין און פאַר אַלע מאָל —

לינאַלײַק... לינאַלײַק! פֿאַרשטייסטו שוין, אַז דער נאָמען האָט מיך אַרײַנגעכאַפּט אין צוואַנגען. קענסט אַוודאי ענגליש און כ׳דאַרף דיר ניט פֿאַרטײַטשן...

— איך גלײַך, כ׳האָב ליב לינאַן.

— שטימט! פֿאַרשטייסט, דער נאָמען האָט מיך אָוועקגעצויגן אין ווערביר־ביוראָ. ווען כ׳האָב זיי דאָרטן ווי ניט איז דערקלערט, אַז פֿאַר דער מלחמה בין איך געווען אַ מעכאַניק פֿון רעכן־ און שרײַב־מאַשינקעס, אַז כ׳האָב קיינעם ניט אין ערגעץ, אַחוץ די קרובים אין קאַנאַדע, און בין מסכּים צו אַלע זייערע באַדינגונגען, האָבן זיי מיך טאַקע אָנגענומען און צוגעזאָגט אַלע גליקן. אָן קווענקלעניש האָב איך מיך אונטערגעשריבן דאָס אָרט ניט צו פֿאַרלאָזן צען יאָר, און, ווי דו זעסט, געבליבן עד־היום — כּמעט פֿיר מאָל צען... די קרובים מײַנע האָבן געקערט וועלטן, געהאַלטן עס פֿאַר אַ משוגעת. ניט געווען קיין דאגה צו קריגן אַרבעט אויפֿן אָרט — אין אַ גרויסער שטאָט, צווישן ייִדן. און איך קלײַב זיך אין אַן אויסרײַסעניש אויפֿן צפֿון, אַן אמתער סיביר אין דר׳ערד אויפֿן דעק... און אַז כ׳בין געבליבן אײַנגעשפּאַרט, האָבן זיי געטענהט, אַז כ׳דאַרף גאָר צו אַ נערוון־דאָקטער, ווײַל כ׳שלאָף ניט די נעכט; כ׳דאַרף צו אַ פּסיכיאַטער, צי גאָר צו עפּעס אַ נײַעם רופֿא־חולים — אַ רעפֿלעקסאָלאָג. געהאַלטן האָבן די דאָקטוירים און די קרובים מײַנע, אַז מיך טאַטשען נערוון, פּסיכן, כ׳בין באַזעסן פֿון רעפֿלעקסן, פֿון קאָמפּלעקסן און נאָך אַזעלכע קלינגעדיקע ווערטער, און כ׳מוז זיך היילן. און איך, ווי דו פֿאַרשטייסט, האָב זיך געטראַכט: זאָלן עס זײַן נערוון, פּסיכן, רעפֿלעקסן צי קאָמפּלעקסן, זיי זענען מײַנע, קערן זיך אָן מיר, און שוין. לינע האָט ערנסט שווײַגנדיק געוואַרט צו זען, וואָס כ׳וועל טאָן. פֿאַרשטייסטו שוין, אַז כ׳האָב איר דערוויזן מײַן אייביקע געטרײַשאַפֿט. ביידע האָבן מיר זיך אָפּגעטראָגן קיין לינאַלײַק. טאַקע אַ ווײַסע, אַ קאַלטע פֿאַרפֿאַלנקייט. און עק וועלט וואָלט איך ניט געפֿלויגן צו הערן לינעס אָפֿן־האַרציקייט:

„דו רעדסט מיט מײַנע ליפּן, אָטעמסט מיט מײַנע לונגען, פֿילסט מיט מײַנע חושים, און מײַן האַרץ קלאַפּט פֿאַר דיר. זײַ מוחל, קאָפּל,

וואָס אַ ביסל צו שפּעט, בעת מיר ביידע האָבן אונדזער לעבן פאַר־לוירן. דער זייגער פון אונדזער לעבן איז געבליבן שטיין.״

5

— פאַרשטייסט, כ׳האָב אַוועקגעלאָזט דעם טייפּ. זאָל ער, אַזוי צו זאָגן, פאַראייביקן וואָס מיר׳ן רעדן צום ענין... נאָר צו ערשט אַ דיסקרעטע פראַגע: זאָג דעם אמת און נאָר דעם אמת, האָסט... ווי זאָל איך איידל זיך אויסדריקן, האָסט געלעבט מיט לינען? איך האָב ניט זוכה געווען...

— ווי פאַלט דיר איין?

— פשוט, פאַרשטייסט, אין וואַלד, זומער... מיר זענען יונג. דאָס לעבן איז ניט ווערט קיין שפּיי. הײַנט לעבט מען, מאָרגן — ווער ווייסט? און זי פלעגט אויף דיר קוקן מיט פאַרליבטע אויגן. האָט גערן געהאַט דײַן נאַענטקייט און אָפן אַרויסגעוויזן דיר סימפּאַ־טיע. צו מיר איז זי געווען גלײַכגילטיק.

— מײַן פלוניתטע איז ניט הי. אַניט וואָלסטו געזען מײַן גוסט: ציגײַנערישע ייִדישקעס. דער היפּוך פון לינען. צו דעם אַלעם — די אַמאָליקע עטישע נאָרמעס. ס׳איז ניט הײַנטיקע הפקר־וועלט.

— אַ שאָד, אויב לינע איז אַוועק פון דער וועלט, ניט האָבנדיק פאַרזוכט... ווי ס׳טו געזאָגט: אַמאָליקע עטישע נאָרמעס. בין איך לינען געבליבן געטרײַ. ניט געקאָנט זי פאַרראַטן מיט אַן אַנדערער. איצט איז די אַ זאַך בכלל ניט אַקטועל פאַר מיר. נאָר אָט, כ׳פיל אַז לינע מישט זיך אַרײַן:

„נישטערט ניט אין מײַנע אינטימע ווינקעלער. יעדער מענטש מעג דיספּאָנירן מיט זיך און מיט זײַן גורל לויטן אייגענעם אײַנזע. נאָר אַגב, מיר זענען סײַ ווי ניט קיין בעלי־בתּים איבערן גורל.״

— פאַרשטייסט, אַזאַ איז לינעס שטאַנדפּונקט. איז טאַקע אונדזער גורל פאַרפּראָגראַמירט פון פריִער, ווי אין אַ קאָמפּיוטער, און באַסטאַ?

— מיינסט — באַשערטקייט. אַן אוראַלטע פילאָסאָפישע שטרײַטפראַגע, אַ טעאָלאָגישע סוגיא. ווילסטו, אַני הקטן זאָל זי פאַרענטפערן, און אויפן אָרט?

— אָבער דו האָסט געקערעוועט דײַן גורל. אויך לינע האָט געקערעוועט... איך בין געווען פּאַסיוו. מיר צוויי האָבן איבערגע־לעבט. קאָן מען ווידער ניט מאַכן קיין אויספיר, בעת דער רעזולטאַט איז פיפטי־פיפטי, איינס צו איינס. וועט מען מוזן וואַרטן, ביז דער מענטש וועט אויסטראַכטן קאָמפּיוטערס, וואָס וועלן אונטערזאָגן וואָס צו טאָן אין יעדער געגעבענער סיטואַציע. און איבערקלײַגן דעם גורל? וואָס שווײַגסטו?

— וואָס קאָן איך שוין זאָגן? אַ קלוגער גריך געווען דער אַלטער פּלאַטאָן, און געהאַלטן האָט ער, אַז אין זייערע אומגליקן באַשולדיקן די מענטשן דעם גורל, גאָט און וועמען דו ווילסט נאָר, בלויז ניט זיך אַליין.

— און איך פאַרשטיי, אַז ערשט נאָך אַלעמען קומט מען צום שׂכל. לינע האָט געהאַט איר שטאַנדפּונקט. געגלייבט אין מענטש און אַ ביטערן טעות געהאַט... אָבער דערווײַלע האָבן מיר פאַר־קערעוועט אין אַ זײַט פון ענין גופא, און דער טייפ אַרבעט, וואַרט אויף אינפאָרמאַציע. פאַרשטייסט, מיך גייט אָן לינעס אַנדענק. אַזאַ ווי פון אַ יהודית, פון אַ זשאַן ד׳אַרק, צי אַפילו פון אַ סאַלאַמבאָ, פון אַזאַ אַנאַ קאַרענינאַ, צי גאָר פון אַ באַדאַם באָוואַרי... זיי האָבן געהאַט מזל. אַ געבענטשטע פּען האָט פאַרזיכערט יעדערער איר אַנדענק. און לינע? האָט זי ניט פאַרדינט? שוין באַלד פערציק יאָר, און איר זכר פאַרדעקט דער שטויב. כ׳ווייס ניט, ס׳וועט דיר סטײַען שרײַבערישער כּוח?

— אַהאַ, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר!

— פאַרשטייסט, בלויז מיר ביידע זענען די לעצטע לעבעדיקע עדות, און אַז ס׳מזל האָט צוגעשפּילט — אַ שרײַבער... פאַרגעסטו דאָס וואָס מ׳טאָר ניט פאַרגעסן און לאָזסט זיך אויף אומוועגן... הער, אפשר האָסטו אין דײַן שענק גאָר שטאַרקס — אַ פינף און זעכציקער דזשין? אָדער כ׳בין דער ערשטער קליִענט אויף אַזאַ

סחורה? פאַרשטיי איך, אַז כ׳וועל מוזן אויסליידיקן דײַן פלאַש היגן ברענדי. כ׳פאַרשטיי אויך, אַז אויף אַ באַשטעלונג פון איין לייענער שרײַבט מען ניט קיין ביכער. ס׳גייט אָבער אַ רייד וועגן לינען! זי האָט זיך מקריב געווען. פאַרן כלל. ווען זי טראַכט וועגן ראַטעווען איר הויט, וואָלט זי געבליבן לעבן. איז ניין, זי טראַכט וועגן אַנדערע. וועגן אַלעמען... נאָר אַט רײַסט זי זיך ממש צום וואָרט:

„כ׳האָב אויסגעפּרוווט מעגלעכקייטן, ווײַל געמוזט האָב איך ראַטעווען ייִדן. בעת ס׳איז ניטאָ קיין אויסוועג, מוז מען ריזיקירן. דערבײַ ווערט דער מענטש אויסגעפּרוווט, ווערט אַ מענטש, ווערט פאַרהאַרטעוועט. וויגאָדע, דאָברע מזל טוען וויל אַ ווײַלע. פּרינ־ציפּן — זײַ בלײַבן אייביק."

6

— זעסט, שאַ־שטיל אַרבעט דער טייפּ. ער וואַרט, מיר זאָלן אים שפּײַזן מיט אינפאָרמאַציע. און ווידער, איידער וואָס־ווען מוז איך באַטאָנען, אַז דו ביסט שולדיק אין די אַלע רעפלעקסן צי קאָמפּלעק־סן, וואָס באַהערשן מײַן אומעטיקע עקסיסטענץ. געדענקסט, ווען כ׳האָב געוואָלט זיך אַרײַנלאָזן אַ קויל אין קאָפּ, האָט דער רעוואָל־ווער ניט אויסגעשאָסן. פאַרגעסן פרײַ צו מאַכן די פאַרזיכערונג. און דו האָסט מיר אַרויסגעהאַקט די כּלי פון האַנט און זי צוגע־כאַפּט... האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ביידע מײַנע הענט, און אַלע פאַר־האַנגען האָבן פאַרצויגן מײַן וועלט. ווי הייסט עס דאָרטן — פיניטאָ לאַ קאָמעדיאַ. דער ספּעקטאַקל איז געענדיקט. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ספּעקטאַקל איז נאָך ווײַט ניט פאַרענדיקט. פאַרשטייסט, איך לײַד פון דער קרענק פון ניט־פאַרגעסן. קאָן איך ניט פאַרגעסן, אַז אין אַ געוויסער רגע האָסטו אויף מיר אַרויפגע־צוווּנגען דאָס פאַסקודסטווע — דאָס לעבן.

— ביסטו מיר אַ שונא, קאָפּל?

— חלילה! ווען יאָ! וואָלט איך זיך ניט מטריח געווען אַראָפּ־צוקומען פון אַזאַ ווײַטעניש. אָבער פּרעטענזיעס צו דיר — יאָ!

נומער איינס: אַרויסהאַקן מיר דעם רעוואָלווער! אַזוי ברוטאַל זיך אַרײַנמישן אין פּערזענלעכע ספּערעס! ווײַטערדיקע פּרעטענזיעס וועלן די נאַכט נאָך אַרויפשווימען. דער טייפ פאַרשרײַבט, און כ׳מיין, אַז מיר׳ן די נאַכט ניט שלאָפן. מיר מעגן זיך פאַרגינען אַ ביסל אָפּצוקומען. שוין פאַר דעם אַליין, וואָס דווקא מיר ביידע זענען געבליבן, און זיי אַלע, און לינע... מיר, די לעצטע צוויי פון די פינף לעבן־געבליבענע פון די זעקס און אַכציק ייִדן... ווי מיינסטו, די צוויי וואָס זענען שולדיק אינעם טויט פון די איין און אַכציק... אין לינעס טויט! ווי מיינסטו, זיי לעבן, די אַ צוויי? אויב יאָ, ווי קאָנען מיר לעבן?.. ווי האָבן זיי דאָרטן געהייסן? די צוויי טרייפענע נעמען...

— ווליס, יאַניס.

— זעסט, דו וואָס דו לײַדסט פון פאַרגעסן, געדענקסט. און איך וואָס לײַד פון ניט־פאַרגעסן...

— אַזוי האָבן זיי זיך אָנגערופן. צי דאָס זענען זייערע אמתע נעמען? און אַ נאָמען אַליין איז ווייניקער פון ווייניק. אים קאָן מען בײַטן.

— פאַרשטייסט, אין מײַן פאַרוואָגלעניש האָבן אָנגעשפּאַרט כּלערליי טיפּן. מסתּמא געזוכט אַן אויסבאַהאַלט, ווי איך. האָב איך געזוכט די אַ צוויי מיט די אויגן און ניט דערקענט. אַ סך אַזעלכע העלע, בלייכע, ווי יענע צוויי... לינע האָט מיר רוען ניט געלאָזט, אַלץ געפּאָדערט, כ׳זאָל זיי אויסגעפינען. ניט לאָזן זיי פאַרשווענכן דאָס אָרט וואָס טראָגט איר נאָמען. האָב איך געזוכט, גענישטערט. בין אַרומגעגאַנגען אַ צעשרויפּטער פונעם געדאַנק, אַז איך אָטעם מיט זיי די זעלבע לופט, כ׳אַרבעט מיט זיי אונטער איין דאַך, עס אין איין עסזאַל און פון דער זעלבער קיך. קריג געצאָלט פון איין קאַסע און מיט דער זעלבער מטבע... פון דעם אַלעם בין איך שיִער ניט אַראָפּ פון זינען. כ׳בין געוואָרן אַן אָפטער קליִענט אין דער אָרטיקער פּאָליציי, געקערט וועלטן, געפּאָדערט, מע זאָל זיי געפינען... זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כּוחות, קיין נעכט ניט געשלאָפן... אַז לינע האָט געזען, כ׳עק זיך, האָט זי מיר געוואָרנט:

„שאַנעווע זיך! אַז דו וועסט ניט זײַן, ווער וועט זיך אײַנשטעלן פאַר אונדזער קריוודע און מײַן גוטן נאָמען? אַז דיר וועל איך פאַרגעסן ווערן, ווײַל דער מענטש איז אַ באַשעפעניש וואָס פאַר־געסט דווקא דאָס, וואָס ער דאַרף געדענקען."

— איאָ, מיר האָבן ליב צו פאַרגעסן? פאַרשטייסט, כ'האָב פאַרגעסן, אַז לינע איז צו מיר געווען גלײַכגילטיק, אָבער איצט בינדט אונדז די שטאַרקסטע ליבע. אַזאַ, וועגן וועלכער עס זאָגט זיך, אַז זי איז שטאַרק ווי דער טויט. און איך זאָג איצט צו דיר, מײַן אַמאָליקער גורל־ברודער, גיב נאָך אַ טעפּל קאַווע, מיר זאָלן קאָנען זײַן וואַך און זיך פאַרנעמען מיטן ניט־פאַרגעסן. פאַר־שטייסט, די זכרונות זענען מײַן הײַנט, מײַן וועלט, דער בליק פון מײַנע אויגן, דאָס טיאָבקען פון האַרץ. און הער וואָס לינע דערגיט:

„ווי איז דעם, וואָס קאָן ניט געדענקען. וואָס איז דעמאָלט זײַן לעבן — דאָס פּיצעלע נישטיקע הײַנט? די צוקונפט האָט קיינער ניט אין קעשענע."

## 7

— פאַרשטייסט, מיר האָבן ניט די צוקונפט אין קעשענע, מוז מען זיך אײַלן. און טאָקע דעריבער טאָרן מיר ניט פאַרלירן קיין מינוט. מיר מוזן אָנפילן דעם חלל וואָס איז פאַראַן צווישן מענטש און מענטש. טאָ ענטפער מיר — האָט לינע אַ טעות געהאַט, בעת זי האָט אַרויסגעוויזן צוטרוי צו מענטשן?

— יענע צוויי זענען געווען אוממענטשן.

— אָט! דאָס איז די ריכטיקע דעפיניציע — אוממענטשן! און גערעכט ביסטו געווען. האָסט געפאָדערט זיי אָפּצוקנאַלן. און גערעכט ביסטו געווען אויך שפּעטער... אָבער וואַרט, וואַרט. פאַר־שטייסט, מיר נעמען כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ. כ'וויל ס'זאָל זיך אַלץ באַקומען מיט אַ טאָלק. אַגב, אויך דו ביסט געקומען אין וואַלד אַ דאַנק לינען. ניט אַזוי?

— אַוודאי. הגם אומדירעקט, צופעליק. מיר האָבן פון פריִער

זיך ניט געקענט. פון אײַך האָב איך ניט געוווסט. אַן אויסטערלישע געשיכטע. כ׳האָב דיר שוין דערציילט. אין וואַלד.

— ניט וויכטיק. איצט דאַרף עס דער טייפּ הערן. אומבאַדינגט. כ׳בעט דיך.

— אַז אַ גאַסט בעט... שטעל זיך פאַר אַ זומער־אָוונט. אַ דושנער, טיפּיש ליטווישער זומער־אָוונט, איבערגעדעקט מיט אַ בלווילער־גרויען הימל, אַ באַשפּרענקלטער מיט מאַט־געלע שטערנד־לער. פאַרלעגן קוקן זיי אַראָפּ אין אונדזער אַרומגעצוימטן געפענ־קעניש, אין געטאָ. אַ נײַגעריק שטערנדל גייט מיר נאָך, וווּנדערט זיך וואָס איך בלאָנקע אין דער נאָענט פונעם געטאָצוים און די דײַטשישע וואַכפּאָסטנס. ס׳איז אַ שטענדיקער מקום־מוכן־לפּורע־ניות. געדענקסט אַוודאי — אַ שטח פון צוויי מעטער פון ביידע זײַטן צוים איז געווען אַ „טויטזאָנע״. ווער ס׳איז אויף איר אַרויף, האָט געצאָלט מיטן לעבן. ייִדן, אויב זיי האָבן זיך ניט אַרומגעטראָגן מיט כּוונות נעלם צו ווערן פון געטאָ, האָבן דאָס אָרט אויסגעמיטן. ווייס איך ניט, וואָס האָט מיך יענעם אָוונט געצויגן דווקא צום שטעכלדראָט. ס׳מזל? דער גורל? דער צופאַל? און אפשר האָט עס מיך די שטימונג פון ערב־סוף פון דער געטאָ געשטויסן צום שיידגרענעץ וואָס צווישן טויט און לעבן?.. כמעט ריין פון מענטשן זענען די געטאָגעסלער, כאָטש ביז צו דער פּאָליציי־שעה איז נאָך צײַט געווען. ייִדן זענען ליבערשט געזעסן אין זייערע שטיבלער, איידער פאַרלוירן אַרומצובלאָנקען איבער דער געטאָ; געזעסן ווי אָפּגעמישפּטע וואָס וואַרטן אויף דעם לעצטן, האַרבסטן גזר־דין; מורא געהאַט פאַר דער אָוונט־טונקלעניש, ווי פון איר אַרויס וואָלטן געלאָקערט אויף זיי די ניט־גוטע. און געדאַרפט האָט מען גאָר מורא האָבן פאַר דער טאָגשײַן. דעם נאַכט־חושך האָבן אונדזערע צוררים ניט געקאָנט באַוועלטיקן. בלאָנקע איך אַזוי אין דער צוים־געגנט, געשיצט פון אַרומיקן טונקלעניש און פרעג זיך: אויף יענער זײַט צוים איז טאַקע די פרײַהייט? און ווו איז די טיר וואָס וועט פאַר דיר זיך עפענען דאָרטן? דאָס באַהעלטעניש וואָס וועט דיך, אַ ייִדן מיט אַ טיפּיש פּנים, באַשירעמען פון די חיות־רעות ביז צום

אויסלייז, וואָס זעט אויס, אַז אָט־אָט דאַרף ער קומען? די היטלער־חיילות ברעכן דאָך האַלדז־און־נאַקן שוין גאָר אין דער נאָענט... און ווי איך טראַכט אַזוי, דערהער איך לעבן זיך עפּעס פאַלן. אַ שטיינדל. נאָך איינס. דאָס שטערנדל, מײַן געטרײַער באַגלייטער, וואַרפט עס צו מיר, בכדי מיך צו וואָרענען ניט אַרײַנצוטרעטן אין דער טויטזאָנע? נאָך אַ שטיינדל. און נאָך איינס. כ׳ווער אָנגעשפּיצט, קוק אַרויף, אַראָפּ. קוק זיך אַרום. כ׳באַמערק אויף יענער זײַט צוים, אויפן טראָטואַר פון דער „אַרישער זײַט״ פונעם געסל, אַ סילועט פון אַ פרוי. אויף אַ טיף־גרויען גרונט אַ כמעט שוואַרצער סילועט, און בלײַב צו אים צוגעהאָפטן מיטן בליק. דער פאָסטן וואָס באַוועגט זיך לענג־אויס זײַן וואַכאַפּשניט, האָט, קענטיק, אַוועקגעשפּאַנט דאָס געסל אויף אַראָפּ און זיך דאָרטן פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַל. און דאָ איז געפאַלן לעבן מיר עפּעס העלס. כ׳הייב אויף — אַ שטיינדל, אײַנגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל. מײַן שטערנדל האָט מיר אַראָפּגעוואָרפן מײַן גורל־קוויטל, געחתמעט אין דער לעצטער הושענה־רבה־נאַכט? דער פרויען־סילועט פאַרשווינדט האַסטיק. אויך איך צי אָפּ פון דאַנען מיטן אײַנגעוויקלטן שטיינדל אין קעשענע. און גלײַך — אין הײַזל, צו מײַן שלאָפווינקל. אומבאַמערקט פון די אַרומיקע וויקל איך פונאַנדער דאָס פּאַפּירל. ס׳איז באַשריבן מיט ייִדישע אותיות. אַ ווענדונג צום אָרנטלעכן אומבאַקאַנטן, אין וועמענס הענט דאָס צעטעלע וועט אַרײַנפאַלן, ער זאָל... און ס׳גייט אַוועק אַ צעמישטער טעקסט, סימנים, פון וועלכע בלויז אַ געטאָ־תּושב האָט געקאָנט זיך אָנשטויסן, וועמען מע דאַרף וואָס גיכער איבערגעבן דאָס צעטעלע און ווי צו געפינען דעם דאָזיקן מענטש. אים האָב איך באַלד טאַקע אויפגעזוכט, און ער האָט די ווײַטער־דיקע, שטאַרק פאַרפּלאָנטערטע פּראָזע וואָס איז פאַר מיר געווען אַן אַבסאָלוטער רעבוס, גוט פאַרשטאַנען. כ׳האָב עס אָפּגעלייענט פון זײַן פּנים.

— פאַרשטייסט, לינע האָט׳ס געשריבן. אירע אײַנפאַלן.

— אַוודאי. שפּעטער האָבן מיר מיט לינען געלאַכט פון אָט דעם משונהדיקן קוריאָז. צו מײַן מזל אָדער שלימזל, האָט זי

געזאָגט, האָט אַ פאַרבינדלער וואָס איז געווען באַשטימט איבער־צונעמען און איבערצוגעבן די ידיעה, פאַרלוירן די געדולד צו וואַרטן און האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ. דעריבער בין איך צופעליק אַרײַן אין שפּיל. מאַלע וועלכע פאַנטאַזיעס דאָס לעבן ברענגט צו שטאַנד אין אַזעלכע צײַטן.

— פאַרשטייסט, אירע אײַנפאַלן און איר צוטרוי צו מענטשן! אוי, איר צוטרוי! איר האָט ניט אויסגעמאַכט ווען. אַבי העלפן... אוי, דער אומגליק... הער אויס, לאָמיר מאַכן אַן איבעררײַס. כ׳מוז איבערכאַפּן אָטעם. און עפּעס ברענענדיקס אַרײַנכאַפּן. מיינסטו ניט, אַז לינע איז געווען איבערגעטריבן גוטהאַרציק, ווען זי האָט געטענהט:

„ווער עס לײַדט ניט אַליין, גלייבט ניט, אַז אַנדערע לײַדן. און לײַדן — לײַדן זיי דאָך אויכעט.״

8

— כ׳האָב דיך איבערגעהאַקט. זײַ מוחל. פאַרשטייסט, אַז ס׳קומט צו רייד וועגן לינען... און וואָס ווײַטער? וואָס איז דאָרטן געשעהן אין בריוול? מיר איז עס אַזוי טשיקאַווע און קאָן עס הערן צום צווייטן מאָל.

— בקיצור, דאָס בריוול האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ ווונק, אַז אויך זײַן אָרנטלעכער איבערברענגער זאָל קריגן אַ פּאָרציע עסן... דעם אמת געזאָגט, דאָס דאָזיקע מיסטעריעזע „עסן״ האָט מיך אַ ביסל געשראָקן... דער, וועמען כ׳האָב געבראַכט דאָס בריוול, אַ יונגער־מאַן, אַ טיפער ברונעט מיט אַ טשופּרינע שוואַרצע האָר און שוואַרצע ציגײַנערישע וואַנצעס אויף אַ בלייך פּנים...

— ס׳איז געווען אונדזער אַנפירער. ביזן לעצטן מאָמענט איז ער געבליבן אין געטאָ פירן, ווי מיר האָבן עס אָנגערופן, די עוואַ־קואַציע, און אַליין שוין ניט באַוויזן זיך אַרויסצורײַסן...

— ווי אַלע אמתע מנהיגים, אָנגעהויבן פון משה רבנו... אײַער אַנפירער, הייסט עס, האָט מיך קאַלט אָנגעקוקט, געפרעגט וועמען

איך האָב אין געטאָ. דערהערנדיק אַז כ׳בין דאָ עלנט ווי אַ שטיין, האָט ער ווי אויפגעלעבט און מיר פאַרטרויט, אַז באַלד וועלן זיך אַרויסגנבענען פון געטאָ עטלעכע חברה צו גיין אין וואַלד. זיך באַהאַלטן. אַרויסגיין פון געטאָ מוז מען תיכּף, מחמת די פּאָליציי־שעה רוקט זיך אָן, און די וועגפירערס וואַרטן שוין. צי בין איך גרייט מיטצומאַכן ?.. כ׳האָב קיין רגע זיך ניט געקווענקלט. כ׳בין גרייט ! גרייט אויף אַלץ ! כ׳האָב ניט געבעטן לאָזן מיך צולויפן „אַהיים״ עפּעס נעמען : פאַרכאַפּן עפּעס פון מײַנע בעבעכעס, די ראַזיר־מכשירים און מײַנע לידער. געווען בין איך אַ קאַרעקטאָר אין אַ יִידישער צײַטונג, און אין געטאָ גאָר גענומען שרײַבן לירישע לידער. איצט האָט מיר אַ זעקסטער חוש אונטערגעזאָגט, אַז פון וועגן קאָנספּיראַציע וואָלט מיך דער דאָזיקער מענטש מיט די וואָנצעס סײַ ווי ניט געלאָזט גיין... גאָר גיך האָב איך מיט נאָך עטלעכע צונויפגעקומענע חברה זיך געשאַרט אויפן בויך דורך אַן ענגן אונטערערדישן קאַנאַל, אַן אונטערגעשפּאַרטן מיט ברעטער און קלעצלעך. איינער פון די יאַטן — פאַרויס מיט אַן עלעקטריש לעמפּל. מיר — נאָך אים, ביזן אַרויסגאַנג צווישן קוסטעס בײַם ברעג טײַך, שוין אויסער דער געטאָ. אַראָפּגענומען די געלע לאַטעס און, שוין ווי ניט־ייִדן, געפּויזעט לענג־אויס דעם ברעג. געשיצט פונעם פינצטערניש דערגרייכט דאָס אָרט, וווּ אויף אונדז האָט געוואַרט אַ פרוי. ווייסט אַליין, ס׳איז געווען די משומדתטע. זי האָט אין אַ פליסיקן ליטוויש און אַן צערעמאָניעס געהייסן אונדז זיך אויסליי־דיקן, ווײַל ס׳וועט אונדז אויסקומען לאַנג זיך אײַנצוהאַלטן. אין די קוסטעס זאָלן מיר פאַרקריכן... דערנאָך האָט זי אונדז צוגעפירט צו אַ שיפל, אַ פאַרשטעקטס אין אַן אײַנגוס, אַן אַרומגעוואַקסענעם מיט ווערבעס. און אַלץ ווי אין דעקאָראַציעס בײַ דער שײַן פון אַ בלייכער לבנה, אויף אַ גרויסער, האַלב טונקעלער טעאַטער־בינע... לינע איז געשטאַנען לעבן שיפל מיט אַ וועסלע... נאָר וואָס ברײַ איך, ביסט אַליין שוין געלעגן אויפן דעק פונעם שיפל, איבערגעצ־דעקט מיט אַ ברעזענט, און ווייסט ווי דאָ איז עס פאַרגעקומען.

— אומבאַדינגט, אומבאַדינגט דערצייל, ווי דיר האָט אַלץ

אויסגעזען און טאַקע מיט אַלע פּיטשעווקעס. ס׳ווערט פאַרשריבן. ס׳איז וויכטיק.

— וויכטיק גאָר? נאַ, טונקל, שטיל אַרום און אַרום. וואָרעם. מיר זענען אַרײַנגעקראָכן אין שיפל דורך אַן עפענונג, ווו דער ברעזענט איז געווען אַ ביסל אָפּגעשאַרט. די משומדתטע האָט אים שטום איבער אונדז פאַרצויגן, און מיר האָבן זיך אַרײַנגעקוועטשט אין אַ שטאָק פינצטערער ענגשאַפט פון מענטשן, אויסגעלייגטע אויפן דנאָ פונעם שיפל. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מע מוז שווײַגן ווי די פיש אין וואַסער אונטער אונדז, און כמעט ווי פאַרהאַלטן דעם אָטעם. דער פאַרשטיקטער חושך אונטערן ברעזענט איז געווען אָנגעדראָלן מיט אַ שווער דעכען פון מענטשן, מיט אַ דערשראָקן געטיאַכק פון זייערע הערצער. פלוצעם האָבן מיר דערפילט אַ לײַכטן שטויס, אַ געוואַקל פונעם שיפל אויפן וואַסער. באַלד דער־הערט אַ שטיל געפּליעסק פון וועסלעס, וואָס האָט ניט אויפגעהערט, ניט אויפגעהערט... כ׳ווייס ניט וואָס די אַנדערע, און דו בתוכם, האָבן געפילט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך חלום; אַז טאַקע אַזוי חלומענדיק ווערט מען אויסגעלייזט פון געטאָקלעם, פון טויטקאַשמאַרן, פונעם מלאך־המוות; און אַז אַזוי דערנענטערט מען זיך צו דער ישועה. און דאָס געשעט פאַר איין אויסטערלישן אָוונט און זײַן המשך — פאַר איין אויסטערלישער זומערנאַכט. האָב איך זיך געלאָזט פאַרוויגן פון דעם לײַכטן הוידעניש פונעם שיפל, פונעם דרייסטן אָנריר פון די וועסלעס אינעם וואַסער־שפּיגל. געשווומען זענען מיר שטראָם־אַראָפּ, און איך בין אַוועקגעשווומען אין די עולמות פונעם זיסטן שלאָף אין מײַן לעבן. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווען מ׳האָט פון איבער אונדז אַ ביסל אָפּגעצויגן דעם ברעזענט און אַדורך דער עפענונג האָט אַ ווייע געטאָן די קילבלעכע פרישקייט פון אַן אויפגעשפּראָצטן זומערדיקן ערב־טאָג. בײַ דער שפּאַרע אינעם אָפּגעשאַרטן ברעזענט איז געשטאַנען די משומדתטע. איצט האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען איר פאַר־ווינטיקט, פון שווערער האָרעוואַניע צעקאָרבט פּנים, און אויך באַמערקט אירע שיינע קאָרע אויגן און סימנים פון אירע שיינע

יונגע יאָרן. זי האָט אונדז, ווי דו געדענקסט מסתּמא, געהייסן פּאַמעלעך און אָן גערודער אַרויסקריכן. אַלץ וואָס אַ מענטש דאַרף, האָט זיך געוואָלט, אַרײַנגערעכנט עסן. מיטן שיפל זענען מיר געווען אַרײַנגעשווומען אין אַ געדיכטעניש פון קוסטעס. האָבן מיר זיך צעשאָטן אין זיי. דערנאָך זיך צונויפגעקליבן לעבן שיפל. וויפל זענען מיר געווען?

— מיט די צוויי פרויען בײַ די וועסלעס — אַכצן. פאַרשטייסט, ח״י, צום לעבן — בחורים, מיידלעך, עטלעכע יונגע פּאָרן. פון זיי אַלעמען זענען בלויז מירביידע געבליבן. און געדענקסט, ווי לינע האָט פאַרשײַט זיך אויסגעדריקט: „מיר ווײַזן היטלערן אַ פֿײַג!" אוי, האָט נאָך היטלער געהאַט לאַנגע הענט! און מיינסט, אַז זיי גרייכן ניט ביז הײַנט?.. זײַ מוחל, כ'האָב דיך ווידער איבערגעהאַקט? רעד, רעד...

— מיר זענען זיך צונויפגעקומען — דורכגעקעלטערטע, בלייכע, ניט קיין געראַזירטע, מבולבלע. לינע האָט אַלעמען פאַרטיילט פענעצן ברויט און מיט אַ טאָן פון אַ מנהיג געהייסן זיך פאַרשטעקן אין די קוסטעס ביזן אָוונט. דעמאָלט וועלן מיר שווימען ווײַטער... נאָר כ'לעבן, וואָס ברײַ איך. פונקט ווי איך, ביסטו דערבײַ געווען.

— דער טייפ איז אָבער דערבײַ ניט געווען. און ער מוז עס הערן... פאַרשטייסט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַ פול און געטרײַ בילד זאָל זיך באַקומען. און ניט פון איין מקור. וועט עס זײַן ראַיעלער.

— נו, געדענקסט אַוודאי, אַז לינע האָט אונדז געהייסן זיך פאַרשטעקן און האָבן געדולד. נאָך איין נאַכט און מיר זענען אויפן אָרט. אַליין איז זי מיט דער משומדתטע געבליבן זיצן אויף דער רודערבאַנק פונעם שיפל. אַרבעטפרויען, פישערפרויען האָבן די דײַטשן ניט געטשעפּעט, ניט געכאַפּט צו קיין צוואַנגאַרבעט. כ'האָב באַמערקט, אַז לשם קאַמופלאַזש זענען בײַ די זײַטן פונעם שיפל געווען צוגעפעסטיקט צונויפגעדרייטע נעצן. ריכטיק. פיש כאַפּט מען פון אָוונט, אָנהייב נאַכט. דעם פאַנג פירט מען בײַ נאַכט אַהיים...

— פֿאַרשטייסט, אַלץ לינעס אײַנפֿאַלן! זי האָט עס אַנטדעקט די משומדתטע און אַרײַנגעצויגן אין שפּיל. די משומדתטע... פֿאַר־ליבט האָט זי זיך געהאַט אין אַ פֿישער. זיך געשמדט. חתונה געהאַט מיט אים. האַרט פֿאַר דער מלחמה איז ער געשטאָרבן. האָט זי, קענטיק, געוואָלט אויסקויפֿן איר זינד לגבי דעם ייִדישן גאָט, וואָס האָט זי געשטראָפֿט — קיין קינדער ניט געגעבן, דעם מאַן פֿרי צוגענומען. לינע האָט אויסגעניצט איר גרייטקייט צו העלפֿן ראַטע־ווען ייִדן און גיין אויף סכּנת־נפֿשות. די משומדתטע האָט עס דיר דאָס אײַנגעוויקלטע שטײַנדל צוגוואָרפֿן, און איך הער ווי לינע מישט זיך אַרײַן אין אונדזערע רייד:

„אַז איר ווילט עפּעס דערגרייכן, זאָלט איר זיך ניט וואַקלען אָנצונעמען באַשלוסן און טאָן, טאָן. און וויסן זאָלט איר, אַז מענטשן עקסיסטירן פֿאַרט איינס פֿאַרן אַנדערן.״

— קאַפּל, כ׳פֿאַרנייג מײַן קאָפּ פֿאַר לינען. זי האָט געגלייבט אין אַלץ וואָס זי טוט, און געטאָן עס מיט באַגײַסטערונג. ווי כ׳האָב זיך באַלד דערוווּסט, האָט זי שוין דרײַ מאָל געמאַכט דעם קונץ: געגעבן שוחד אַ קאַפּיטאַן פֿון אַ קורסירנדיקן דאַמפּער, און ער האָט געפֿירט דאָס ליידיקע שיפֿל שטראָם אַרויף. מיר זענען געווען די לעצטע פֿאַרטיע און, ווי די פֿריִערדיקע, האָט אויך אונדז באַגלייט הצלחה.

— פֿאַרשטייסט, דיך באַגלייט זי עד־היום... ברענג נאָך אַ טעפּל הייסע קאַווע. שטאַרקע. און אפֿשר מאַך נאָך אַ ביסל טינקע־לער דאָס ליכט אין צימער. זאָל לינעס צוטרוי צו מענטשן אַ ביסל פֿאַרטושט ווערן, כאָטש זי האַלט אין איין איבערחזרן:

„ווען מיר גלייבן אַ צווייטן, טוען עפּעס פֿאַר אים, טוען מיר אויך עפּעס פֿאַר זיך.״

## 9

— למאי זאָל איך זאָגן, דו דערציילסט פּליסיק און שיין, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ שרײַבער. אָבער, פֿאַרשטייסט, האָסט געמעגט

פאַרלירן עטלעכע ווערטער וועגן דער סביבה, ווו ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּילט די געשעענישן; געמעגט אָפּמאָלן די מענטשן, זייערע מחשבות, געפילן און פּאָוואָדקעס. ביסט אַ שרײַבער, מוזסטו זײַן אַ קענער פון דעם מענטשס נשמה. כ׳פאַרשטיי, ווילסט מאַכן בקיצור, אַניט וועט זיך די זאַך שטאַרק פאַרציִען. זאָג איך דיר: שפּאָר ניט קיין ווערטער. די נאַכט איז נאָך לאַנג. וויפל האָבן מיר ערשט זעקס מינוט נאָך צען, אַיאָ?

— שטימט. מיר האָבן פאַרזאַמט די ראַדיאָ־ידיעות.

— הײַנט שליסן מיר זיך אויס פון דער הײַנטיקער וואָר. און לאָמיר זאָגן, אַז מיט אַ צײַט־קאָמפּיוטער האָבן מיר זיך אָוועקגע־לאָזט הינטערווײַלעכץ אויף גאַנצע נײַן און דרײַסיק יאָר. און דאָ — שעפּ פולע הויפנס אינפאָרמאַציע. פאַרשטייסט, בײַ אַן אַנדערן וואָלט דער שטאָף געקלעקט אויף אָנצושרײַבן אַ בוך, און נאָך אַ בוך, און נאָך אַ בוך. און בײַ דיר — אַפילו אַ דערציילונג, ווי מיר דאַכט, איז ניט אַרויס פון אונטער דײַן פען וועגן... אַוודאי, דײַן וועג ביז צום שיפל האָט זיך באַקומען אויסטערליש און ריין צופע־ליק. ווי מיינסטו, איז דאָס לעבן איין קייט פון צופעליקייטן, אָדער אַלץ איז פון פאַרויס באַשטימט? גלייבסטו אין אַ כוח וואָס רעגירט אין דער וועלט, און מ׳קאָן זײַנע באַשלוסן ניט ענדערן? און ווי מיינסטו, אַלץ וואָס לינע האָט געטאָן, איר לעבן, איר סוף, איז געווען גורל אָדער צופעליק? צופעליקייטן?.. נאָר כ׳פאַרשטיי, הײַנט אָוונט האָסטו זיך שוין אַרויסגעדרייט פון געבן אַן ענטפער אויף אַן ענלעכער פראַגע.

— זעסטו, דאָס מאָל האָב איך יאָ אַ שטיקל מיינונג: ווער עס לאָזט אַלץ איבער פאַרן צופאַל, פאַרוואַנדלט זײַן לעבן אין אַ לאָטעריע. און אין אַ לאָטעריע געווינט מען זעלטן.

— אַזוי גאָר... פאַרשטייסט... מילא, לאָמיר זיך אומקערן צום שיפל, צו אונדזער ליגן צווישן קוסטעס, אַן אַ וואָרט אויסצורעדן, און צו אונדזער וואַרטן אויף דער נאַכט.

— נאָך אַ צווייטער נאַכט ליגן אין שיפל אונטערן ברעזענט, אַרומגעהילט מיט אַן אַבסאָלוטן פינצטערניש, דורכגעמישט מיט

אַ שטיל געפּליעסק פון וועסלעס אינעם וואַסער, זענען מיר באַגי־נען אַראָפּ אויפן ברעג. ווידער צווישן קוסטעס. די משומדתטע איז געבליבן ביַים שיפל, אַפּגעוויקלט אין גאַנצן דעם ברעזענט. לינע, אין גומי־שטיוועלער, אין כאַקי־הויזן, האָט אונדז אָוועקגעפירט אין אַ געדיכטן וואַלד — הויכע, ברייט־צוויַיגיקע יאָדלעס, שלאַנקע סאָסנעס. זי — פאָרויס, מיר — נאָך איר. איר בלאָנד־רויטער קאָפּ איז ווי אַ פאַקל אונדז פאָרויסגעגאַנגען.

— שיין, פּאָעטיש האָסטו זיך אויסגעדריקט. דו פאַרשטייסט צו שילדערן. פּאַרט אַ שריַיבער!

— עטלעכע שעה האָבן מיר געטראַמפּלט איבער גראָזן און דערנער, זיך געשניטן אַ וועג דורך אַ ביימער־ און קוסטעס־געדיכ־טעניש ביז אָנגעקומען...

— און פאַרגעסן האָסטו, ווי לינע האָט אונדז אין וועג פאַר־האַלטן אויף אַ וואַלדלאָנקע.

— יאָ, יאָ, קאָפּל, אַ טיכל האָט זי אויסגעשפּרייט אויפן גראָז און געהייסן אַלעמען צונויפלייגן אויף דעם אונדזער געלט און ווערטזאַכן. איצט וועט עס זיַין, האָט זי געזאָגט, אויף איַינצוקויפן שפּיַיז, אַ ביסל געווער, מחמת אַלץ וועט פון איצט אָן זיַין בשותּפות — דאָס עסן, דאָס לעבן...

— און אויך די וויַיבער? האָט עמעצער אין שפּאַס אַריַינגע־וואָרפן. געדענקסט?

— אַוודאי. מיר האָבן געלאַכט און ליַיכטער איז געוואָרן אויפן געמיט. אויך די וועלט האָט אויפגעהעלט — די זון האָט אַריַינגע־קוקט דורך די ביימערקרוינען, אָנזאָגנדיק אַ שיינעם, אַ וואַרעמען, אַ לויטערן טאָג.

— פאַרשטייסט, ס׳איז טאַקע ליַיכטער געוואָרן אויפן האַרץ. געדענקסט, לינע האָט ערנסט דערקלערט, אַז די פרויען בליַיבן פּריוואַט־אייגנטום פון זייערע מענער. אויב כ׳זאָל דיר גלייבן, אַז צווישן איַיך ביידן האָט קיין זאַך ניט פּאַסירט, איז זי אַליין געבליבן איר אייגנטום. פאַרשטייסט, כ׳קאָן ניט פאַרגעסן, ווי זי האָט באַטאָנט, אַז בשותּפותדיק איז אונדזער ייִדישער גורל און ער

פֿאַדערט דאָס, וואָס זי פֿאָדערט איצט פֿון אונדז. געדענקסט, צו ערשט האָט קיינעם דאָס האַרץ ניט געלאָזט זיך שיידן פֿון זײַן לעצט ביסל אַרויסגראַטעוועט אייגנס — אַ רינגעלע, אַ זייגערל. ערשט נאָך לינעס וואָרענונג, אַז אויף דער באַזע וועט מען דורכפֿירן אַ שטרענגן קאָנטראָל, האָט געגומען וואָקסן אויפֿן טיכל אַ בערגל געלט, זייגערלער, רינגען. אויך עטלעכע גאָלדענע מטבעות האָבן זיך אַרײַנגעמישט.

— יאָ, יאָ, קאָפּל, דער קלוגער בליק פֿון אירע קאַרע אויגן, די שטענדיק אויפֿגעהויבענע אייבערשטע ליפּ, ווי גרייטנדיק זיך עפּעס צו זאָגן, האָבן געהאַט אַ פּעולה. אויך איך וויל דיר דערמאָ־נען לינעס זאָג: „ייִדן, אַז איר׳ט בלײַבן לעבן, וועט איר אַלץ האָבן. איר שיידט זיך פֿון אײַער לעצט פֿאַרמעגן, בכדי צו פֿאַרשאַפֿן זיך דעם לעצטן שאַנס צו בלײַבן לעבן״. שיין געזאָגט.

— ווי מיינסטו, כ׳וועל פֿאַרגעסן לינעס אַ וואָרט? פֿאַרשטייסט, הער וואָס זי דערציילט איצט:

„ווען אין קאָן שטייט דאָס נאַקעטע לעבן, דאַרף מען זיך ניט קווענקלען צו שטעלן אין קאָן נישטיקייטן, וואָס האָבן אפֿשר אַ שטיקל ווערט, ווען דאָס לעבן איז עפּעס ווערט.״

10

— פֿאַרשטייסט, אָפּט קומט מיר לינע צו חלום, און מיר האָבן זיך ליב. דאָ ניט לאַנג חלומט זיך מיר, זי גייט אַ שטראַלנדיקע מיר אַנטקעגן אויף דער צענטראַלער אַלעע פֿון אונדזער אַמאָליקער היימשטאָט. צוקומענדיק נעענטער צעלאַכט זי זיך און לאַכט און לאַכט אַזוי זיס, אַזוי האַרציק, ביז זי מאַכט צו מיר: „ווייסט, קאָפּל, אַלץ וואָס מיט אונדז איז געשען, איז אַ ליגן, אַן אויסדאַכטעניש. לאָמיר חתונה האָבן!״ בין איך אויפֿגעשפּרונגען פֿאַר פֿרייד און... אַרום איז פֿינצטער. צינד איך אָן ליכט, בכדי צו זען צי ס׳איז טאַקע אַן אויסדאַכטעניש. אַ שאָד, וואָס כ׳האָב אָנגעצונדן די עלעקטריע. געדאַרפֿט בלײַבן אין דער פֿינצטער, בלײַבן מיטן חלום און מיט

לינען. איצט בין איך ממש קראַנק פון וועלן וויסן, צי מיר זענען אָנגעקומען אין וואַלד, אויף דער באַזע.

— אָנגעקומען, אָנגעקומען צו די באַהעלטענישן. איך בין געווען פאַרטשאַדעט פון ניט־דערעסן, פון די אַלע אומדערוואַרטע איבערלעבונגען. בלויז צוויי מעת־לעת צעשיידן מיך פון געטאָ. כ׳בין פריי! אויס שטעכלדראָט־צוים; אויס געלע לאַטעס; אויס קאַטאָרגע־אַרבעט; אויס מורא פאַר דייטשן! דער וואַלד האָט געזונגען. ס׳טגעהערט? דער מלאך־המוות האָט זיין קאָסע פאַרלוירן.

— און דער טויט האָט געלויערט אויף אונדז אויך דאָ און פון אַלע זייטן.

— מיר האָט בעת־מעשׂה אַלץ אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַסמאַגאָריע. אָפּגעגאָסענע מיט זונשיין מגושמדיקע, זילבער־גרינע יאָדלעס, שלאַנקע, קופּער־שטאַמיקע סאָסנעס און דאָס באַגעגעניש מיט ייִדן, פון אונטער דער ערד אַרויסגעקראָכענע, נשתוממע, דערשראָקן־נייגעריקע צו קריגן אַ פרישע ידיעה פון געטאָ, פון די פּראָנטן; און צי לאַנג האָבן מיר נאָך צו וואַרטן אויף דער ישועה, ווייל לאַנג וועט מען דאָ ניט אויסהאַלטן — מיט קינדער, מיט עלטערע לייט... כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען די ייִדן וואָס באַקלאָגן זיך. איך האָב זיך געפילט אַ באַפרייטער פון אַלע פּחדים און באַדרענגענישן. כ׳האָב טיף אַריינגעצויגן אין זיך די מחיהדיקע וואַלדלופט. מיט אַ דערהויבן געפיל אויסגעזופּט אַ קענדל וואַרעמע, שוואַך געזאַלצענע מעלזופּ. לינע האָט עס געהאַט באַפוילן אונדז מכבד צו זיין פון אַלגעמיינעם קעסל, וואָס האָט זיך געררייכערט אונטער אויסגעשפּרייטע צווייגן פון אַ הויכער יאָדלע. אַלע האָבן דאָ געהאַט מיט זיך אַ מעטאַלן עסגעשירר. מיר האָט מען געליִען אַ כּלי. און באַלד, געדענקסט מיט וואָס פאַר אַן אייפער מיר האָבן זיך גענומען גראָבן אַ באַהעלטעניש פאַר אונדז, די ניי־געקומענע. מ׳האָט אונדז געגעבן עטלעכע לאָפּעטעס, אַ זעג, אַ פּאָר העק, און געעצהט ווי צו מאַכן דעם צווייגן־איבערדעק, ווי בעסער אויסצובעטן מיט מאָך און גראָז די געלעגערס. בעיקר — די לאָך אויף

אַראָפּצוגיין אין דער באַהעלטעניש, ווי זי צו פאַרמאַסקירן מיט אַן אויסגעגראָבענעם קוסט מיט די וואָרצלען און אַ ברייטן שטיק ערד אַרום זיי. שפּעטער האָבן מיר, די עטלעכע ניצול־געוואָרענע פון דער אָ פּאַסטקע, פאַרשטאַנען, אַז פאַרזען האָבן מיר צו מאַכן אין די באַהעלטענישן פאַרמאַסקירטע אַרויסגענג אויף אַ נויטפאַל...

— פאַרשטייסט, ס'איז געווען אַ פאַטאַלער טעות.

— בלויז דער איינער? מיר זענען באַגאַנגען אַ פּרינציפּיעלן טעות. מ'האָט געטראַכט — איבערוואַרטן, שטופּן די צײַט, און פאַרגעסן וואָס אַרום טוט זיך. משיח קומט פאַרט ניט צו רײַטן אויף אַ ווײַס אייזעלע.

— פאַרשטייסט, אין אונדזער פאַל... מיר האָבן טאַקע געקאָנט איבערוואַרטן די קנאַפּע זיבן וואָכן און ווערן אויסגעלייזט. שולדיק איז געווען דער צוטרוי צו מענטשן. ריכטיקער, ווי דו האָסט געזאָגט, צו אוממענטשן.

— אָבער, נאָך ביז צו דער דאָזיקער געשיכטע. זיצן מיט פאַר־לייגטע הענט, בעת אַרום דיר קערן זיך וועלטן. הינטערן שטעכלדראָט האָבן מיר געלעכצט נקמה נעמען. ווי נאָר דערפּילט אַן אילוזאָרישע פרײַהייט, געוואָלט איבערוואַרטן, לעבן בלײַבן, און שוין.

— פאַרשטייסט, אונדזער טראַגעדיע... נאָך הײַנט הער איך לינעס קול:

„די טראַגעדיע פון די לעצטע רעשטן פון אַ פאָלק. מ'טאָר זיי ניט שטעלן אין קיין סכנה. עס גייט אין ראַטעווען זיי. ס'איז אויך אַ קאַמף, אַ געראַנגל, אַ נקמה אין היטלערן. די מיט נסים אַרויסגע־ריסענע פון זײַנע נעגל מוז מען שאַנעווען, ציטערן איבער זייער לעבן. נאָך דער באַפרײַונג וועט מען זיי טײַער האַלטן, קעכלען. די וועלט וועט ניט וויסן וואָס צו טאָן מיט אונדז..."

— יאָ, ס'איז לינע. כ'געדענק אירע אַרגומענטן. זי איז געווען אַן ענטוזיאַסטקע, אַ העלדישע, און ווײַל אַזאַ — אַ נאַיִווער מענטש, ניט פון דער אָ וועלט. און אַזעלכע מוזן פאַרלירן.

— וואָס?!

— ס'העלפֿט ניט, מוזסט משלים זײַן דערמיט, אַז ניטאָ קיין אָרט פֿאַר אַזעלכע אין אונדזער לעבן. זיי מוזן צעמאָלן ווערן.

— וואָס?!!! — — —

11

— האָב ניט קיין פּאַראיבל. פֿאַרשטייסט, בײַ מיר פּאַסירן אַזעלכע אַנפֿאַלן. נאָר אָט האָב איך זיך אָפּגעכאַפּט, אויסגעטשוכעט. גענומען אַ טאַבלעט און ס'גייט מיר אָפּ. ספּאַזמעס, צי, ווי זיי זאָגן, רעפֿלעקסן אַזעלכע, באַדינגלעכע. ניט מסוכּן. ס'גייט מיר אָפּ. און איצט, אַ קעלישעק קאָניאַק. בלויז קאָניאַק פֿאַרשטייט די חכמה אויסצובריײטערן בלוטגעפֿעסן. פֿאַרשטייסט, איך טאָר ניט הערן קיין קריטיק אויף לינען. קוק, כ'האָב אַלעמען פֿאַרלאָרן. לינע האָט זיי אַלעמען פֿאַרשטעלט, ווי הינטער אַ געדיכטן טומאַן. לינען האָב איך געזען אַ צעריסענע. פֿון דעסטוועגן... פֿאַרשטייסט...

— כ'פֿאַרשטיי. ווּעסט מיר אָבער מוזן מוחל זײַן, קאַפּל. ס'העלפֿט ניט. אין אַ רעאַלער וועלט מוז מען זײַן רעאַל, אַניט...

— ווער זאָגט, אַז די וועלט איז רעאַל? נאָר לאָמיר לאָזן די פֿילאָסאָפֿיע. און זײַ מיר מוחל, וואָס כ'ליידיק אויס דײַן געטראַנקען־באַר.

— געזונטערהייט, אויב ס'גייט דיר אין קריפּט. אין וואָס איך צווייפֿל, אַגב.

— צווייפֿל יאָ, צווייפֿל ניט. פֿאַרשטייסט, מײַן אָרגאַניזם פֿאַרלאַנגט'ס. און עס העלפֿט צו אַנטלויפֿן פֿון דער פֿאַרפּאַסקודעטער וועלט. ס'טראָגט מיך אַוועק אין עפּעס אַ זיסער שווינדלעניש... צו לינען — — — נאָר איצט בין איך ווידער הי. און ווידער מוזן מיר זיך אומקערן אין וואַלד אַרײַן. אויף דיר האָב איך רחמנות געהאַט. ביסט אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַלד ווי דו שטייסט און גייסט, בעת מיר אַלע האָבן מיטגעבראַכט אַ קאָלדרע, אַן איבערבײַט וועש, אַן איבעריק נאָזטיכל, ראַזיר־מכשירים, אַן עס־כּלי. און אַז אונדזער לעבן האָט זיך אָנגעהויבן...

— מיינסט דאָס שטופּן די טעג, דאָס זאָרגן וועגן אַכילה, דער פּחד, מע זאָל אונדז ניט אויפדעקן, און דאָס וואַרטן אויף דער גאולה. אמת, איך האָב אויך ניט געקאָנט עפּעס צוטראַכטן. אַזאַ מחנה, קיין עין־הרע, באַלד נײַן מנינים, צווישן זיי פּרויען, עטלעכע קינדער. אין קאָפּ בײַ מיר האָבן אָבער ניט אויפגעהערט קלינגען פרידריך שילערס, אויף דער שולבאַנק אײַנגעחזרטע שורות וועגן דעם, אַז אויב דו שטעלסט ניט אײַן דײַן לעבן, וועסטו דאָס לעבן קיין מאָל ניט געווינען. גאָלדענע ווערטער! ווי איז מען זיי מקיים אָן געווער, אָן אַן אַחיזה בײַ דער אַרומיקער באַפעלקערונג? דערצו, מע מוז מודה זײַן: לינע האָט דאָ כּמעט אַלעמען איבערצײַגט, אַז דער עיקר איז איצט אויסצוהיטן דאָס לעבן פון ייִדן, קוים זענען מיר אַזוי ווייניק געבליבן. די דומפּע קאַנאָנאַדע, דאָס געזשום פון עראָפּלאַנען, די אויפרײַסן הינטערן האָריזאָנט — אַלץ אויסלייז־בשׂורות — האָבן אונטערגעהאַלטן איר פּאָזיציע.

— פאַרשטייסט, ווען ניט יענע צוויי, וואָלט זי געווען גערעכט. האַלטסטו, אַז לינע איז שולדיק?

— יענע צוויי. ס'איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. צי איז לינע שולדיק? חלילה. זי איז געווען געטרײַ צו זיך. אַט לאָמיר מאַכן אַ חשבון. כ'ווייס, די משומדתטע איז גרייט געווען זי צו באַהאַלטן אין איר הײַזקע אינעם פישערדאָרף. איז ניין! לינע מוז ראַטעווען ייִדן! וויפל מאָל געריזיקירט מיטן קאָפּ אַרויסשלעפּנדיק זיי פון געטאָ. און דערנאָך — עפּעס אַ קלייניקייט — אויסבאַהאַלטן זיי, זאָרגן פאַרן אויסקומעניש. אײַנגעשפּאַנט די משומדתטע, און זי האָט געפונען אין דער געגנט עטלעכע „אייגענע" פּויערים. דיר דאַרף איך ניט דערציילן, ווי ס'פלעגט אויסקומען בײַ נאַכט, בסוד אויס־בײַטן בײַ זיי ווערטזאַכן אויף שפּײַז. ביסט געווען פון די וואָס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען און געשלעפּט אַכילה אויף אונדזער אַזוי גערופענער באַזע. בײַ די זעלבע פּויערים האָט מען אײַנגעהאַנדלט אויך אַ ביסל געווער. צו זיכערן אונדזערע „מאַרשרוטן" און בכלל, על כּל צרה שלא תּבוא. און אויך אויף דער באַזע. די דיסציפּלין וואָס לינע האָט אײַנגעשטעלט. ניט דערלאָזט דעם עולם אַרומוואַנד־

לעין אין וואַלד נאָך יאַגדעס, נאָך ניס, טאָמער שטויסט מען זיך אָן אין דאָרפּישע יאַגדע־ און שווּעמלער־קלײַבערס. וואַסער פֿון דער סאַזשלקע פֿלעגט מען שעפּן נאָר בײַ נאַכט. און לינעס שפּאָרעוודיקע און גערעכטע שפּײַז־פֿאַרטיילונג. טאַקע בלויז אויף אויפֿצוהאַלטן די נשמה. און אָן פּריווילעגיעס.

— אמת. כ׳געדענק עס גוט.

— און אפשר געדענקסטו, קאַפּל, אַז נאָך פֿאַר דער געשיכטע מיט יענע צוויי האָב איך אַרויסגעזאָגט לינען מײַן מיינונג, אַז ס׳איז ניט קיין גאַנג צו ליגן אין די נאָרעס ווי קראָטן... אמת, פֿון פּאַרטי־זאַנער אין דער געגנט האָט זיך ניט געהערט. האָב איך פֿאָרגע־לייגט, אַז די יונגע, קאַמפּגרייטע חברה זאָלן זיך לאָזן אַנטקעגן דער קאַנאַנאַדע און פּרווון אַריבערגיין דעם פֿראָנט, צו די סאָוועטן. פֿאַר די געבליבענע אויף דער באַזע וועט עס זײַן אַ טובה — ווייני־קער מײַלער צו שפּײַזן... לינע איז געווען גלײַכגילטיק צו מײַן געדאַנק. האָב איך זי בײַ אַ געלעגנהייט געפֿרעגט: „צו וואָס, אויב אַזוי, דאָס ביסל געוועֹר וואָס מע שאָפֿט זיך אײַן, און מ׳גיט אויס אויף דעם אַ פֿאַרמעגן?“ האָט זי געענטפֿערט: „צו פֿאַרטיידיקן זיך אין לעצטן מאָמענט“. ווי עפּעס פֿאַרויספֿילנדיק האָט זי זיך געלערנט שיסן פֿון אַן אַלטער ביקס, וואָס מיר האָבן אײַנגעהאַנדלט. אויך איך האָב באַקומען „פּערזענלעכע וואָפֿן“ — אַ רוסישער נאַגאַן, וואָס פֿלעגט זיך פֿאַרהאַקן. אַ קנאַפּע כּלי. פֿון דעסטוועגן עפּעס. פֿילסט זיך שטאַרקער פֿילנדיק עס אין קעשענע. איך פֿלעג דאָך אויך גיין אין דאָרף נאָך שפּײַז. מיט לינען האָבן מיר זיך צו מאָל אַרומגעאַמפּערט...

— פֿאַרשטייסט, דערפֿאַר האָט זי דיך גערן געהאַט. אפשר צוליב דײַן פֿאַרקערטער מיינונג. זי וואָלט אָבער אַרויס גערעכט, ווען ניט יענע פֿאַרשאָלטענע צוויי... אוי, מיר איז עפּעס ווידער... לאָמיר אויפֿהערן. אויף אַ רגע... איך הער. הערסט, ווי לינע דריקט אויס איר שטאַנדפּונקט:

„איר מעגט שטרײַטן וויפֿל איר ווילט. ראַטעווען ייִדן, ניט ריזי־

קירן מיט זייער לעבן איז דעמאָלט געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע. פאַר מיר — אַ געבאָט פון אַ העכערן כּוח!"

12

— פאַרשטייסט, בײַ אונדז דאָרטן האָט הײַאָר שטאַרק געשנייט. און איך האָב געציטערט, דער שניי זאָל מיך אין גאַנצן ניט פאַרשיטן, איידער כ'האָב... איידער כ'בין צו דיר געקומען. איידער מיר האָבן... און אָט... דײַנע זכרונות, מײַנע, אונדזערע זכרונות. דו געדענקסט גוט, ווי ס'געהער אַ שרײַבער. קאָנסט אַלץ שיין אויסמאָלן און טוסט עס ניט. איצט... איצט זע איך אַ פּלאַם. זעסט? ער וויל פאַרברענען אַלץ וואָס מיר געדענקען. אָבער, ניין! מיר'ן עס ניט דערלאָזן! וואַרט בלויז אַ ווײַלע... נאָך אַ טאַבלעטקע מוז איך אַראָפּשלינגען... נו, און אָנגערייכערט האָבן מיר. אַ גאַזקאַמער ז'געוואָרן דײַן קאַבינעט. דאָך ניט פון אונדזערע פאַרברענטע זכרונות, האַ? כ'בעט דיך, האָב אײַנזעעניש. דער טייפ! לאָמיר אים לאָזן פאַרשרײַבן אונדזער שטופּן די צײַט, ווי דו רופסט עס, און דאָס וואַרטן אין דער באַהעלטעניש אויף דער גאולה, און דאָס אויפהאַלטן אין וואַלד אַ לעבן פון מענטשן... אָבער דער עיקר, ווי געדענקסטו יענעם פאַרנאַכט, יענעם... פאַרשטייסט, מסתּמא...

— אַוודאי. יענעם פאַרנאַכט! נאָכן אָנגליִען די וועלט אין משך פון אַ לאַנגן, לויטערן זומערטאָג, האָט די זון, רויט פון אָנשטרענג, זיך אַראָפּגעלאָזן הינטער אַ דיקער, גוואַלדיק דיקער וואַנט פון פאַרגליווערטעביימער. קיין ווינטל, קיין באַוועג פון אַ צווײַג. קיין ציטער פון אַ בלעטל. מיט זייערע שווערע, ברייט אויסגעשפּרייטע צווײַגן, ווי מיט פליגל, האָבן יאָדלעס ווי געזוכט צו באַשירעמען פון אַל דאָס בייזס אונדזער עולם, וואָס איז מיט לינעם דערלויבעניש געזעסן אויבן־אויף אַרום אונדזערע דרײַ באַהעלטענישן. אָפּגעכאַפּט אָטעם נאָכן דושנעם טאָג און קיין פּיפּס ניט אַרויסגעלאָזט. די פייגל, די בינען... וואָס רעד איך, אַל דאָס לעבעדיקע האָט זיך פאַרטײַעט. די וועלט האָט געשוויגן — שאַ־שטיל. און געגלוסט

האָט זיך מיר אָנשרײַבן עטלעכע סטראָפעס וועגן דער קדושה פֿון אָט דער שטילקייט. פּלוצעם האָט די שטילקייט אָנגעהויבן נאָגן מיך: ווו האַלטן מיר אין דער וועלט? מעגלעך, אַז די דײַטשן זענען אָפּגעצויגן און מיר געפֿינען זיך אויף אַן אויסגעלייזטן שטח. מאָרגן גאָר פֿרי וועלן אונדזערע אַ פּאָר שליחים זיך אומקערן פֿון זייערן אַ גאַנג צו אַן „אייגענעם" פֿויער מכּוח שפּײַז, וועלן מיר וויסן. די פֿאַרנאַכטן אין ליטע, ווי דו געדענקסט מסתּמא, ציִען זיך לאַנג. שטילע, גרוי־בלויע שאָטנס פֿילן אָן דעם וואַלד פּאַוואָליע, פּאַוואָ־ליע. און דאָ, ווי פֿון די דאָזיקע שאָטנס אַרויס, האָבן זיך אַרײַנ־געשלײַכט אין די קוסטעס וואָס אַרום אונדז, צוויי טונקל־גרינע סילועטן אין דײַטשישע אוניפֿאָרמען. זיך צו באַהאַלטן איז געווען שפּעט. עמעצער פֿון אונדזער עולם איז אויפֿגעשפּרונגען. אויך איך האָב זיך געכאַפּט פֿאַר מײַן נעבעכדיקן נאַגאַן. למען־האמת, מיר, די עטלעכע אויפֿגעשפּרונגענע, זענען פֿאַרגליווערט געוואָרן, ווי אַלע אַנדערע וואָס זענען געבליבן זיצן אויפֿן גראָז. אפֿשר דערפֿאַר זענען מיר אַלע געפּלעפֿט געווען, וואָס דערזעענדיק אונדז האָבן די צוויי גרינע סילועטן אויפֿגעהויבן די הענט און אַזוי געבליבן שטיין. זייערע קאַראַבינען — אויף דער פּלייצע. פֿונעם שאָק האָט די ערשטע זיך באַפֿרײַט לינע און, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מנהיג, דרייסט צוגעטראָטן צו די אומגעבעטענע אורחים.

— האָסט פֿאַרגעסן, אַז איך בין צו איר צוגעשפּרונגען, ניט געוואָלט לאָזן זי אַליין. אָבער זי האָט אַ קאַטעגאָרישן פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט, כ׳זאָל איר ניט שטערן.

— געוויס, קאַפּל, כ׳דערמאָן זיך... מיר האָבן געשטוינט צו־זעענדיק, ווי די צוויי אָנגעקומענע האָבן אָפּגעגעבן לינען זייער וואָפֿן און אַלע דרײַ האָבן וועגן עפּעס פֿאַרהאַנדלט. כ׳בין געווען זיכער, אַז דאָס זענען דעזערטירן פֿון אַן אָפּטרעטנדיקער, צעשפּלי־טערטער דײַטשישער אײַנהייט. און כ׳האָב קוים אײַנגעהאַלטן מײַן ווילדן הורא־אויסגעשריי. מיט די צוויי קאַראַבינען אויף אירע ביידע פּלייצעס איז לינע זיגעריש צוגעקומען צו אונדזער עולם. נאָך איר — די צוויי, אין צעקנאָדערטע, שמוציקע דײַטשישע אוניפֿאָר־

מען.ביידע — באַוואַקסן, מאָדנע צעטומלטע. דערנענטערט זיך צו אונדז, האָט לינע גאָר אויף רוסיש געהייסן די צוויי זיך זעצן אין אַ זײַט, דערלאַנגט אונדזער, אַזוי גערופענעם, וואָפן־מײַסטער ביידע קאַראַבינען און די פּאַטראָנטאַשן. אונדז האָט זי דערקלערט אויף יידיש, אַז ניט קיין דײַטשן זענען דאָס, נאָר לעטן וואָס מ'האָט זיי געצוווּנגען דינען אין דער נאַצישער אַרמיי. איצט האָבן זיי אויסגעניצט אַ געלעגנהייט צו דעזערטירן. שוין דרײַ מעת־לעת זוכן זיי פּאַרטיזאַנער, ווילן קעמפן קעגן די דײַטשן וואָס האָבן זייער פֿאָלק אָנגעמאַכט ניט ווייניק צרות. נאָר אויב מיר זענען אַ גרופּע וואָס באַהאַלט זיך און וואַרט אויף דער באַפרײַונג, פרייען זיי זיך נאָך מער צו קאָנען צוזאַמען מיט אונדז באַגעגענען די גליקלעכע שעה פון אויסלייז. און זיי ווייסן געווי, אַז לאַנג וועט ניט אויסקומען צו וואַרטן... דאָס האָט אונדז לינע איבערגעגעבן. אין אונדזער עולם האָבן זיך געהערט קולות, אַז מ'טאָר די דעזערטירן ניט געטרויען. מ'דאַרף זיי אויספאָרשן גענויער. האָבן עטלעכע פון אונדזערע מאַנצלײַט צוזאַמען מיט לינען געשמועסט מיט די לעטן ביז טונקל ווערן. לסוף האָט לינע געהייסן זיי געבן פּאַרציעס ברויט און אַ שיסעלע זופּ — דאָס אָוונט־עסן אונדזערס. מ'האָט די לעטן אַרײַנגענומען אין אַ באַהעלטעניש... דעם זעלבן אָוונט האָב איך געבעטן לינען אָפּגיין מיט מיר אין אַ זײַט.

— מיין ניט, אַז כ'האָב עס ניט באַמערקט. פינצטער, און דו האָסט מיט איר זיך אָפּגעזונדערט... פאַרשטייסט, כ'בין גרייט געווען אויף אַלץ. אַפילו אויף רציחה... נאָר לאָמיר איצט מאַכן אַן איבער־רײַס. אַ קאַפּעלע אויסטרינקען... און לינען, לינען לאָמיר לאָזן קומען צום וואָרט. זי האָט מיר פאַרטרויט:

„אַ, ווען איך וואָלט נעכטן געוווּסט, וואָס הײַנט וועט געשען! דער מענטש נעמט אָבער אַן באַשלוסן ניט וויסנדיק צו וואָס זיי וועלן דערפירן אים מאָרגן. אַוודאי איז דער ווילן דער פאָטער פון טעות, און ס'איז אויך באַוווּסט, אַז מאַכן טעותים איז מענטשלעך. איך בין געווען בלויז אַ מענטש. דערצו — אַ יידישקע."

13

— פּאַרשטייסט, גילגול־נשמות. אין וועמען מיינסטו איז לינע מגולגל געוואָרן? מוז עס זײַן אַ נײַ־געבוירענער? און אפשר איז איר נשמה אַרײַן אין מיר? פּאַרשטייסט, איך בין דער גוף, זי — די נשמה. און דאָס צווינגט מיך... פֿון דער אַנדערער זײַט שפּיר איך שטענדיק לינעס בליק אויף מיר. אויב אַזוי, ווי קאָן אַ מענטש קוקן אויף זיך אַליין?

— סײַדן אין שפּיגל.

— אוי, אַ חכם! אין וועלכן שפּיגל, אויב אַזוי, זע איך זיך? אין לעבנס־שפּיגל? פּאַרשטייסט, מיר לעבן אין דער קאָמפּיוטער־תּקופֿה, בין איך געקומען צום אויספֿיר, אַז מענטשן וואָס פֿאַר־שטייען בלויז דאָס וואָס לאָזט זיך דערקלערן, פֿאַרשטייען זייער ווייניק. כ׳וואָלט זאָגן — קיין זאַך ניט. גאָרניט!

— אַ ביסל אַ צו האַרבער אויספֿיר.

— ווידער פֿילאָסאָפֿירן מיר און דאַרפֿן גאָר רעדן וועגן קאָנ־קרעטע געשעענישן. זאָג דעם אמת, דו מיט לינען, דעמאָלט, איז דער פֿינצטער, אין וואַלד...

— כ׳האָב דיך שוין פֿאַרזיכערט, אַז צווישן אונדז איז קיין זאַך ניט געשען. דעמאָלט האָב איך איר אַרויסגעזאָגט מײַן מיינונג, אַז מע דאַרף מיט די לעטן אין די דײַטשישע אוניפֿאָרמען מאַכן קורצע מחזוקות. בײַ אַלע היטלער־משרתים זענען די הענט אָפּגע־טונקט אין ייִדיש בלוט, און מ׳טאָר זיי ניט געטרויען. אָפּפֿירן אין אַ זײַט און אָפּקנאַלן... לינע האָט ממש אויפֿגעצאַפּלט: ווי קאָן מען מענטשן?..

— איר גאָלדענע נשמה. פּאַרשטייסט, פֿאַרגיסן מענטשנבלוט... אַלץ געוואָלט מיט גוטן.

— אויך מאַכן אַ סוף צו היטלערן מיט גוטן?

— מיין ניט, אַז לינע איז ניט געווען גערעכט לגבי זיך. פּאַר־שטייסט, אָפּט חזרט זי מיר איבער... מעגסט זיך צוהערן:

„כ׳האָב זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן — אָט שטייען פֿאַר אונדז

לעבעדיקע, שיינע גאָטס באַשעפענישן און בעטן הילף. זאָלן מיר, ייִדן, אַליין שטאַרק געליטענע, נעמען אַן אויסצופאָרשן ביזן סוף... נעמען מענטשן..."

— און היטלער? געווען איז ער אַ מענטש? און יענע צוויי? ס'האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזן...

— פאַרשטייסט, דו הערסט ניט אויס ביזן סוף. לאָז לינען, וועט זי דיר דערקלערן:

„היטלער האָט אַנדערש ניט געקאָנט. ווען ניט, וואָלט ער דאָך ניט געווען דאָס, וואָס ער איז געווען — היטלער!"

— פאַרשטייסטו שוין? נאָר מיר זענען ווידער פאַרפאָרן אין אַ זײַט. כ'האָב דיך איבערגעהאַקט, ווי לינע האָט אויפגעצאַפּלט בײַם וואָרט „אָפּקנאַלן".

— ווייסטו דאָך וואָס זי האָט פאַרגעלייגט: אַכטונג געבן אויף די צוויי, גוט נאָכשפּירן און ערשט דערנאָך באַשליסן. און זיי האָבן גוט געשפּילט זייער ראָלע. האָבן אַראָפּגעריסן פון זייערע מונדירן די עפּאָלעטן און די אַנדערע נאַצישע שמאָנצעס. אויף אַ האַרבן דײַטש און געבראָכענעם רוסיש האָבן זיי גערן געשמועסט מיט אונדזערע חברה, באַדויערט דעם גורל פון די ייִדן און פאַרזיכערט, אַז די נאַציס ברעכן דעם קאָפּ. זיי האָבן געוווּנען די קעמפערישע פון צווישן אונדז מיטן פּלאַן צו גיין איבערן פראָנט צו די סאָוועטן, ווײַל ווער ווייסט, ווי לאַנג די דײַטשן וועלן דווקא דאָ נאָך זיך האַלטן. די דיסלאָקאַציע פון זייערע מיליטער-טיילן איז זיי, די לעטן, גוט באַקאַנט, וועט מען וויסן ווי אויסצומײַדן די גזלנים. אפשר אַ צענדליק חברה איז אַנגעצונדן געוואָרן פון זעלבן געדאַנק, וואָס איך האָב פריִער אַרויסגעבראַכט און ניט געוווּנען קיין אָנהענגערס... די צוויי אין די אָפּגעחומרטע דײַטשישע אוניפאָרמען זענען מיר ניט געפעלן. ניט דער העל-העל בלאָנדער, כמעט ווײַסער מיט די וואַסערדיקע, אין וואַסער זיך ווייקנדיקע אויגן אונטער ווײַסע וויִעס און ווײַסע ברעמען; ניט דער אַש-בלאָנדער מיטן האַרטן, פאַרווינטיקטן פּנים און געפּגרטן בליק. מענטשן אין אַזאַ סיטואַציע ווי זייערע, וואָס זענען ניט אויפגערעגט, ציטערן ניט, לעבן ניט

איבער, זענען... כ׳וואָלט זאָגן, גאָר קיין מענטשן ניט. אַזעלכע מוז מען ליקווידירן, ווי משוגענע הינט. כ׳האָב אויסגעלייגט פאַר לינען, אַז מיר טאָרן ניט פאַרגעסן די לעטישע גאָרגל־שניַידערס, אַראָפּ־געבראַכטע צו העלפן די דײַטשן דורכפירן אַקציעס אין אונדזער געטאָ. און געווען זענען זיי ערגער פון די דײַטשן... לינע פלעגט מיך אויסהערן, זיך פאַרטראַכטן און זאָגן, אַז אַ מענטש צו אַ מענטש איז ניט גלײַך. מע וועט זיי היטן, די לעטן, מע וועט זען... בקיצור, ווייסט דאָך, אַז אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן מיר טאַקע דערזען, אַז ביידע לעטן זענען פאַרשוווּנדן. האָט מען געמיינט, זיי זענען אַוועק אַ ביסל אין וואַלד — מאַלינעס, יאַגדעס, מענטשלעכע באַדערפענישן. אַ נעכטיקער טאָג! ניטאָ די לעטן! לינע האָט עס געפּרוּווט אויסטײַטשן, אַז זיי איז נימאס געוואָרן אונדזער בידנע עסן, די שווערע באַדינגונגען. מורא געהאַט פאַרלײַזיקט צו ווערן, ווי אַ סך פון אונדז; און אפשר אויך די פּאַסיווע האַלטונג אונדזערע, בעת זיי האָבן געזוכט תּכלית. זענען זיי אַוועק איבערן פראָנט. אָן זייער געווער וועלן זיי זיך ניט אומקערן צו די דײַטשן... אַקטיווע נאַטורן, ווי לינעס, זענען שטענדיק אָפּטימיסטיש. לייגן אַלץ אויס צום גוטן. איר געוויינטלעך זיכערער, איבערצייגעוודיקער טאָן האָט באַרויִקט דעם עולם. אויב דו געדענקסט, האָב איך איר שטאַרק דערווידערט. ניט ווײַל כ׳בין אַ גרויסער חכם, צי אַ העלזעער. די פּשוטע לאָגיק האָט דיקטירט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט. און תּיכּף. ווײַל אויב מע זאָל אַפילו אָננעמען, אַז די לעטן זענען אַוועק צו די סאָוועטן, קאָנען זיי אויך דורכפאַלן. וועלן זיי פּרוּוון זיך אויסקויפן בײַ די דײַטשן, אַרויסגעבנדיק אונדז אַלעמען. לינעס וואָרט איז אויך דאָס מאָל געווען דערצידירנדיק. און אויך דער עולם, שוין איבער זעקס וואָכן אויף האַלב הונגער, איז געווען אָפּאַטיש און ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. ווי ניט, האָט מען זיך דאָ אַ ביסל אײַנגעאָרדנט — באַהעלטענישן, אַ קעסל צום קאָכן, אַ בלעך אויף צו באַקן מעלפּלעצלעך, אַנשטאָט ברויט וואָס האָט אויסגעפעלט. געווען אַן אָרט צו וואַשן זיך... גיי הייב אָן אַלץ פון ס׳נײַ. געווען צווישן אונדז אויך עטלעכע קראַנקע. האָט מען געוואָלט אָפּוואַרטן.

האָב איך געמאָלדן, אַז צופעליק בין איך אַרײַנגעפאַלן אַהער, דאַנק פאַרן אַרויסראַטעווען מיך פון געטאָ און בעט ניט האָבן אויף מיר קיין פאַראיבל, וואָס איך גיי אַוועק. כ׳בין גרייט צו טראָגן דעם יאָך גלײַך מיט אַלעמען, אָבער כ׳פאָדער קאַטעגאָריש צו בײַטן דאָס אָרט. מע מוז זיך צעשיטן איבערן וואַלד. צו מיר האָט זיך אָנגעשלאָסן איינער — דער הינקעדיקער יאַנקל, און מירביידע זענען אַוועק. דיך, נו כ׳ווייס, דיך מיט נאָך צוויי האָט מען נאָך מיטאָג געשיקט צו אַ באַגעגעניש מיט אַן „אייגענעם" פויער בײַ אַ ראַנד פון וואַלד, ווו ער האָט געזאָלט ברענגען שפּײַז.

— אוי, האָב איך דאָס מאָל ניט געוואָלט גיין! פאַרשטייסט, ס׳האַרץ האָט געוויעט, ניט געקאָנט איבערלאָזן לינען אַליין בעת אַ סכּנה. געפּרוּווט איר מיט עפּעס דערקלערן, אַז כ׳מוז בלײַבן. כ׳וועל דערפאַר גיין צוויי איבעריקע מאָל. און זי, אַ שמייכלענדיקע, מאָדנע האַפערדיקע, האָט מיך געפרעגט, צי כ׳האָב מורא. פאָרט ריזיקאַליש. זיכערער איז צו זיצן אין וואַלד... בין איך אַוועק, לינע זאָל חלילה מיך ניט חושד זײַן אין פּחדנות. לינע... פאַרשטייסט, כ׳האָב די אָ רגע מורא אויפצולעבן יענעם שווידער. לאָמיר עס אָפּלייגן אויף שפּעטער. אַ ביסל שפּעטער, ווײַל לינע מוז עפּעס זאָגן:

„פאַראַן מענטשן וואָס האָבן קיין מאָל ניט קיין טעות, ווײַל קיין מאָל נעמען זיי ניט אָן קיין באַשלוסן. און ווער עס נעמט ניט אָן קיין באַשלוסן, קאָן ניט זײַן קיין אָנפירער. כ׳האָב ניט דערלאָזט צו פאַרגיסן בלוט, טאָמער איז עס אומשולדיק בלוט. זײַט מיר מוחל, ברידער מײַנע. דער בעסטער וועגווײַזער קאָן פאַרפירן, אויב ער איז פאַרבלענדט."

## 14

— אָט האָבן מיר געשוויגן. לאַנג געשוויגן. פאַרשטייסט, איך האָב געזויגן מײַנע ציגאַרעטן. דו האָסט געפּיפּקעט. דער פענצטער איז טאַקע אָפן. קליינע פענצטער בײַ אײַך אין ישׂראל. ניט אויסגערעכנט

אויף אונדזער אַנגעפּראַדוצירטן רויך — פון מײַנע שטאַרקע ציגאַ־רעטן און דעם צומיש פון דײַן אַנגעפּאַרפומירטן פּיפּקע־טאַבעק.

— דאָקטוירים האַלטן, אַז דאָס רייכערן פּאַרקירצט די יאָרן.

— איך קלאָג ניט אויף דעם. פּאַרשטייסט, טאָמער טאַקע — אַ יענע־וועלט, איז פּאַראַן אַ שאַנס אַרומצונעמען לינען אינעם אוניווערס... אָבער דערווײַלע וואָס שווײַגן מיר? מיר מוזן דאָך היינטיקע נאַכט קומען צו אַ געוויסן ענד. אויף אַ צווייטער נאַכט אַזאַ וועלן מיר קיין כּוח ניט האָבן. פּאָרט — שוין ניט קיין יונגע צוציקעס. איז ווי האָסטו זיך מיטן הינקעדיקן יאַנקל אָפּגעטראָגן?

— אויף אַ קילאָמעטער בלויז. אָ, ווען מיר צעשיטן זיך אַלע טיפער אין וואַלד! ס'איז דאָך געבליבן צו וואַרטן בלויז געציילטע טעג. מיר האָבן מיט יאַנקלען אויסגעזוכט אַ געדיכט באַוואַקסענעם ווינקל. אַ גראָבן הינטער קראָפּעווע, און געוואַרט. נאָך אַלץ שטיל, שטיל. מיר האָבן געפונען קוסטעס, אָפּגעשאָטענע מיט צײַטיקע מאַלינעס. אָנגעגעסן זיך ביז צום ניט־גוט ווערן. און זיך ווידער פּאַרשטעקט, טאָמער באַווײַזן זיך יאַגדע־קלײַבערס, כאָטש דאָס אָרט איז געווען צווישן בלאָטעס. די זון האָט זיך שוין גענומען נייגן צום הימל אַראָפּ, און דאָ — אַ שיסערײַ. אויטאָמאַטן־סעריעס, דורכגעמישט מיט פּאַראיינצלטע ביקסנשאָסן. עטלעכע אויפרײַסן. פּאַרשטייען מיר — פון האַנטגראַנאַטן. און שטיל איז אַרום געוואָרן. דערנאָך ווידער שאָסן. פּאַראיינצלטע, וואָס זענען פונעם וואַלד אײַנגעשלונגען געוואָרן. מיר מיט יאַנקלען האָבן ניט געספּקט, אַז געשען איז דער אומגליק, וועלכן מיר האָבן אויסגעמיטן... די נאַכט — איין אָנגעדראָלן שטיק אומרו — האָבן מיר קיין אויג ניט צוגעמאַכט. געוואַרט אויפן שפּראָץ פונעם טאָג און געבעטן גאָט, עס זאָל ניט טאָגן. דער טאָג האָט פּאָרט אויפגעשפּראָצט. באַגינען, בײַ די אויפגעריסענע באַהעלטענישן האָבן מיר זיך באַגעגנט — מיר צוויי און אײַערע דרײַ שפּײַז־פּאַרזאָרגערס. איר זענט געקומען, אָנגעלאָדענע מיט פולע רוקזעק. דו האָסט ווילד אַ ריטשע געטאָן, אַראָפּגעשלײַדערט פון זיך די משׂא און צוגעפאַלן צום אויפגע־ריסענעם אַרײַנגאַנג פון אונדזער הויפּט־באַהעלטעניש. ס'האָבן זיך

דאָ געוואַלגערט צעריסענע שטיקער... לינעס קענטלעכע כאַקי־הויזן, ס׳בלויע קאַפּטל, אַ גומי־שטיוועלע, פאַרבלוטיקט...

— הער אויף! ס׳קאָן ניט זײַן!.. כאַטש, כאַטש... כ׳האָב גערופן... כ׳געדענק, כ׳האָב גערופן אַלעמען, אונדז אַלע פינף צו באַגיין זעלבסטמאָרד. און אָנגעהויבן פון זיך... האָסטו מיר אַרויס־געהאַקט דעם רעוואָלווער פון האַנט. כ׳פיל עד־היום דעם קאַלטן דרוק פון דער לופֿע אין מײַן שלייף. פאַרשטייסט, איך, דער אידיאָט, האָב אין דער צעטומלעניש ניט באַפרײַט די פאַרזיכערונג. דעם רעוואָלווער האָסטו האַסטיק אויפגעהויבן און אַרײַנגערוקט צו זיך אין קעשענע. און איך, דער אידיאָט, האָב זיך ניט געראַנגלט... פאַרשטייסט, אַלע גלידער זענען מיר אָפּגענומען געוואָרן... כ׳גע־דענק ניט, דערציי׳ל וואָס איז ווײַטער געווען. דער טייפּ־רעקאָרדער וועט געווּי פאַרשרײַבן.

— לויט די זאַכן... אויסער לינען האָבן מיר דערקענט די געקעסטלטע הויזן פון אונדזער דאָקטער. נאָך עטלעכע צעריסענע... עטלעכע דערשאָסענע. און די איבעריקע? איינער פון די צוויי געקומענע מיט דיר האָט געהאַט אַ פרוי צווישן אַט די איבעריקע. און ווײַל צווישן די הרוגים האָט ער אירע שפּורן ניט געפונען, האָט ער זיך מסתּמא געטרייסט: גאָט איז אַ פאָטער!.. ווּ זענען זיי, די איבעריקע? און צי טאַקע די לעטן? יעדערער, אײַנגעגראָבן אין זײַנע ביטערע מחשבות, האָבן מיר לאַנג געשוויגן, צוזאַמענגע־קאַרטשעטע אויפן גראָז. ביז כ׳האָב געזאָגט: „חברה, ס׳העלפט ניט, די קרבנות וואַרטן מע זאָל אָפּטאָן זייער רעכט. איר זעט, פליגן זענען זיך צונויפגעפלויגן. צי וועלן מיר איבערלאָזן די טײַערע אונדזערע...״ כ׳האָב אַ נישטער געטאָן און געפונען די עטלעכע לאָפּעטעס, וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט, און פאַרן אַראָפּגאַנג אין דער הויפּט־באַהעלטעניש גענומען גראָבן אַ קבר. אַ ברידער־קבר. דו, קאַפּל, האָסט זיך צו דער קבורה ניט צוגערירט. ביסט געשטאַ־נען ניט־דאָיק, ווי ניט גלייבנדיק דײַנע אויגן.

— און גלייב עד־היום ניט.

— מיר האָבן איבערן קבר אָנגעשאָטן אַ הויך בערגל. פון

ביידע זײַטן אײַנגעפּלאָנצט יונגיטשקע יאָדלקעס, אויסגעגראָבענע אין דער נאָענט — צום זכר און קענטלעכער צו מאַכן ס׳אָרט. אפשר וועט אויסקומען צו ברענגען די הרוגים צו קבר־ישׂראל. אָפּגעהאַרעוועט ביז מיטן־טאָג, האָבן מיר, פיר, זיך אַנידערגעזעצט בײַם קבר. און דו ביסט נאָך אַלץ געשטאַנען, אַ פאַרשטאַרטער. און געשוויגן ביזן פאַרנאַכט. דאָ האָט פּלוצעם אין דער ווײַט דער פראָנט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן שלאָף. דער עכאָ פון אַרויסגעשאָסענע האַרמאַט־סנאַריאַדן האָט איבער אונדז דומפּ זיך געקוילערט טיף אין וואַלד אַרײַן. ניין, מיר זענען ניט אויפגעשפּרונגען פון פרייד. איינער פון אײַערע דרײַ, די שליחים נאָך שפּײַז, האָט אָבער רעאַגירט צום אָפּהילך פון לעבן. אַרויסגענומען פון זײַן רוקזאַק וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, אַ לאַבן דאַרפיש שוואַרצברויט, אָפּגעבראָכן שטיקער און צעטיילט אַלעמען. דו ביסט נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרגליווערט און ניט אָנגענומען ס׳עסן. מיר האָבן זשעדנע געשלונגען גרויסע ביסנס, וואָס האָבן מיט יסורים זיך אַראָפּגעלאָזט אין מאָגן. פאַרטרונקען מיט וואַסער פון אַ קאַן, אַ געפונענע אין אַ באַהעלטעניש. און ניט געפילט דאָס מאָל דעם שטענדיקן דומפּיק־איבלדיקן טעם פונעם וואַסער. און דו ביסט נאָך אַלץ געשטאַנען. מיר האָבן געפּרוווט צו דיר רעדן, באַווירקט דיך צו נעמען עפּעס אין מויל. האָסטו באַוויליקט זיך אַנידערצוזעצן און צו וויסן געטאָן, אַז דו פאַסט... דער פראָנט האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצן, צו דונערן. און ווי פון אָט דעם געדונער אַרויס האָט אַ רעגן גענומען גיסן. מיר זענען אַרײַנגעקראָכן אין איינס פון די וויניקער באַשעדיקטע באַהעלטענישן, און דו ביסט געבליבן זיצן אונטערן פליוך.

— פאַרשטייסט, ביז הײַנט פיל איך יענע נעץ, יענעם סקרוך... ביז הײַנט קאָן איך זיך ניט מוחל זײַן. דעם רעוואָלווער האָסטו... נו, און שפּעטער? גוט, פון קיין בריק צי פון אַ פינפטן שטאָק בין איך ניט געשפּרונגען. אָבער נעמענדיק אַ לומינאַלעטקע וואָס זאָל מיר העלפן איבערצושלאָפן אַ נאַכט, האָב איך דאָך געקאָנט אויף אַ מאָל אײַננעמען ס׳גאַנצע פּושקעלע — פערציק שטיק, אײַנשלאָפן

אויף אייביק און באַהעפטן זיך מיט לינען. און עס ניט געטאָן. פאַרשטייסט, אַ צעשרויפטער האָב איך מיך אַרײַנגעדרייט אין טראַגי־קאָמישן משוגעת וואָס הייסט — לעבן. יאָ, יאָ, שפּעטער איז אויפגעקומען לינעס אַנדענק, וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן... וואָס ביסטו עפּעס אַנטשוויגן געוואָרן און לאָזסט מיך פּלאַפּלען אַנשטאָט דעם, דו זאָלסט דערציילן ווײַטער פונעם אָרט, ווו ביסט שטיין געבליבן ?

— דו ביסט געזעסן אונטערן רעגן. מיר — אין דער באַהעלטעניש. ס׳האָט אונדז קיין סכּנה ניט געדראָט. דײַטשן קומען מער ניט אין אַן אָפּגערײַניקטער באַהעלטעניש פון יידן. און דאָ נאָך — אַז דער פראָנט קראַכט. פּראָוויאַנט האָט געסטײַעט. זענען מיר אָפּגעזעסן שיבעה — פונקט זיבן טעג.

— זענען עס ניט געווען זיבן טויזנט יאָר ? פאַרשטייסט, כ׳געדענק ניט. און ווידער בעט איך דיך, לאָמיר מאַכן אַן איבעררײַס, ווײַל לינע שטייט אַ לעבעדיקע פאַר מײַנע אויגן, אַ שמייכלענדיקע, און שטראַלט מיט דער שײַן, מיט וועלכער זי איז פול געווען. שטייט און דריקט זיך אויס אַזוי האַרציק, אַזוי קלוג :

„געוויס, אַן אמתער העלד טראַכט ניט וועגן סכּנות. ווער עס דערוועגט זיך אָבער צו פיל, מאַכט אויך טעותים. און זײַט וויסן, אַז איבערמאָסיקע דרייסטקייט איז דער זעלבער חסרון ווי איבערמאָסיקע פּחדנות.״

15

— אָקערשט, ווי מיר דאַכט, האָב איך געכאַכאָטשעט. פאַרשטייסט, ס׳פּלאַצט פון מיר אַרויס געלעכטער דווקא ווען כ׳דערמאָן זיך טרויעריקע געשעענישן, צי כ׳הער וועגן טראַגישע פּאַסירונגען מיט אַ צווייטן. נאָר איצט, האָסט געזען, כ׳האָב אָנגעלאָדן מײַנע אויסגעגאַנגענע באַטעריעס מיט אַ ביסל אַלקאָהאָל. דו האָסט פאַרטריבן דעם שלאָף מיט אַ טעצל שוואַרצע קאַווע מיט קאָניאַק. קאָנען מיר, מוזן מיר קאָנען ווײַטער ציִען דעם פאָדעם, ווי מ׳זאָגט עס. פאַר־

שטייסט, כאָטש כ׳האָב געזען מיט די אייגענע אויגן, האָב איך נאָך אַלץ געהאָפט, אַז ס׳איז אַ קאָשמאַרשלאָף, און אַז כ׳וועל זיך אויפכאַפּן... דער משומדתטע האָב איך אויך ניט געגלייבט. פאַרט — אַ משומדתטע. פייגעלע האָט מיך אויסגעטשוכעט... נאָר איך כאַפּ שוין ווידער די פיש פאַר דער נעץ. דו האָסט דאָס וואָרט, כ׳בעט דיך. דו, פיל איך, מאַכסט עס מיט אַ סדר.

— זיבן טעג און נעכט... אין צווישן האָט די פראָנט־קאַנאָנאַדע זיך איבערגעטראָגן איבער אונדזערע קעפּ, און די ווײַט האָט זי פאַרשלונגען. האָבן מיר געמאַכט אַ ריכטיקן אויספיר: די דײַטשן זענען אָפּגעצויגן, און מיר געפינען זיך אויף אַ באַפרײַטן שטח. און באַשלאָסן זיך צו רירן פון אָרט. זוכן אַ יישוב. ניט קיין געראַזירטע, פאַרלײַזיקטע, אין שרעקלער אָפּגעטראָגענע בגדים, האָבן מיר אויסגעזען ווי וואַגאַבונדן, ווי פאַרברעכערס. ווי ווײַזט מען זיך פאַר מענטשן? דער הינקעדיקער יאַנקל האָט שטענדיק געהאַט בײַ זיך אַ גאָלמעסער. טאַקע אָן זייף, אָן אַ פענדזל — באַנעצט די באָרד מיט וואַסער און איינער האָט בײַם אַנדערן געסקראָבעט פון פּנים דעם האָרנוווקס.

— איך האָב זיך ניט געראַזירט. פאַרשטייסט, פון דעמאָלט — די באָרד.

— מיר ראַזירן זיך. פּלוצעם — אַ טרעשטשען פון טרוקענע צווײַגן אונטער טריט פון אַ מענטש. זענען מיר האַסטיק אַראָפּ אין באַהעלטעניש. מיט גוואַלד דיך אַראָפּגעשלעפּט. די טריט האָבן זיך פאַרהאַלטן לעבן אונדז. און דאָ — אַ פּרויענשטים: „יעזוס־מאַריאַ!" און באַלד — אַ צעיאָכמערטער אויסרוף פון דער זעלבער שטים אויף ייִדיש: „ייִדישער גאָט, וואָס׳טו געטאָן?!" דער הינקעדיקער יאַנקל מאַכט צו מיר אויפן אויער, אַז ס׳איז די משומדתטע... און דו האָסט אינסטינקטיוו אויסגערופן: „די משומדתטע! דערוויסן זיך וועגן לינען!" און דער ערשטער אַרויסגעפּויזעט אין דרויסן. איך — נאָך דיר מיט אַ גרייטן נאַגאַן. דערזען אונדז פינף, האָט טאַקע זי, די משומדתטע, אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט און אויף ייִדיש: „איר לעבט! און פייגעלע האָט געזאָגט, אַז אַלעמען,

אַלעמען״... פייגעלע! לינעס רעכטע האַנט אויף דער באַזע... און דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז שוין איבער צוויי מעת־לעת איז די געגנט באַפרײַט. און נעבכן האָט פייגעלע אָנגעקלאַפּט בײַ דער משומדתטע. און זי, די משומדתטע, האָט איצט גענומען האַסטיק, האַסטיק אויסלייגן אויף ליטוויש, ווי אַזוי פייגעלע איז געבליבן לעבן. אמת, אַ פאַרווונדיקטע אין אַ דלאָניע... נאָר דו, קאָפּל, האָסט זי איבערגעהאַקט. געפּאַדערט קיין רגע ניט פאַרלירן און לויפן צו פייגעלען, הערן דירעקט פון איר. אפשר איז אויך לינע... ליגט ערגעץ פאַרווונדיקט, נייטיקט זיך אין הילף, אין מעדיצין. די משומדתטע האָט אונדז געפירט דורכן וואַלד. אַ צײַט זענען מיר איר נאָכגעגאַנגען. ניט גערעדט צווישן זיך. בלויז געהערט, אַז זי האָט געמוזט קומען אין וואַלד אַ קוק טאָן... און דערנאָך געהערט, אַז די דײַטשן האָבן פאַרן אָפּטרעטן פון שטאָט אויסגעגליכן די געטאָ מיט דער ערד, צוזאַמען מיט די ייִדן... מיר האָבן דעגרייכט אַ שליאַך. געקראָגן אויף אַ סאָוועטישן מיליטערישן לאַסטאַויטאָ, ווי מע רופט עס איצט, אַ טרעמפּ צו אונדזער היימשטאָט.

— דאָס אַלץ איז ניט וויכטיק. היפּ אַריבער. פאַרשטייסט אַליין, ווען גייט׳ס אָן, ווי מיר האָבן זיך דערקליבן... דער עיקר, מיר האָבן געטראָפן בײַ דער משומדתטע פייגעלען.

— יאָ, געטראָפן זי מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער לינקער האַנט. געהאַט האָט זי שטאַרקע ווייטיקן און זיך באַקלאָגט, אַז דער קאָפּ צעשפּאַלט זיך איר. מיט איבעררײַסן, מיט אַ שוואַכער שטים האָט זי דערציילט... עס בלײַבן ניט קיין סודות! די לעטן, זי האָט זיי געזען — שוין אין לײַטישע אוניפאָרמען, מיט נײַע ביקסן. יאָ, זיי, זיי!.. ווי מיר זענען מיט יאַנקלען אַוועק און אײַך דרײַ האָט מען געשיקט נאָך שפּײַז, האָט לינע באַפוילן צו פאַרשטעלן מיט צווײַגן און יאַדלקעס אונדזער קאַכווינקל, באַפוילן אַלעמען אַראָפּגיין אין די באַהעלטענישן, פאַרמאַסקירן די אַרײַנגענג... ווען מ׳האָט דעם אַרײַנגאַנג אין דער הויפּט־באַהעלטעניש אויפגעדעקט, האָט לינע זיך געוואָרפן צו דער עפענונג און געשאָסן אין די דײַטשן פון אַ ביקס. אויך דער דאָקטער האָט געשאָסן. און נאָך עמעצער. ביז אַן

אַרײַנגעשלײַדערטער האַנטגראַנאַט האָט אויפגעריסן. דערנאָך איז געקומען אַ באַפעל אין דײַטש, מ׳זאָל אַרויסגיין, אַניט ווערן אַרײַנ־געשלײַדערט נאָך גראַנאַטן. מען איז ניט אַרויס. האָט נאָך אַ גראַנאַט אויפגעריסן. און נאָך איינער. איז מען צו ביסלעך אַרויס. דײַטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט קאָנטראָלירן, צי קיינער איז ניט געבליבן. פייגעלע איז געווען אַרויס און געזען, ווי די לעטן ווײַזן אָן די אַרײַנגענג אין די אַנדערע צוויי באַהעלטענישן. די דײַטשן האָבן געקערט וועלטן, געזוכט לינעס „שאַץ״, ס׳הייסט איר אוצר. געמיינט אונדזער בשותּפותדיק פאַרמעגן. די פאַרוווּנדיקטע האָבן זיי געשאָסן אויפן אָרט און די לעבעדיקע... פעלדזשאַנדאַרן מיט גרויסע בלע־כענע עמבלעמען, אַריבערגעהאַנגענע איבער דער ברוסט, האָבן אַלעמען אַרומגערינגלט. זי, פייגעלע, האָט דערזען איינעם פון זיי מיט אַ ווײַסן אַרעמבאַנד און אַ רויטן קרייץ. האָט זי זיך געווענדט צו אים אין אַ גוטן דײַטש, אַז זי מוז „אַוסטרעטן״, ווען ניט... ער איז דאָך אַ סאַניטאַר און פאַרשטייט... דער דײַטש האָט זי אָפּגע־פירט הינטער אַ קוסט און אָפּגעקערט זײַן פּנים. האָט פייגעלע געלאָזט זיך לויפן. דער דײַטש האָט איר נאָכגעשאָסן. געטראָפן אין דער דלאָניע. זי איז ווײַטער געלאָפן — צווישן ביימלעך און קוסטעס. געפאַלן און אויפגעשטאַנען. געלאָפן ווײַטער, געפאַלן, אויפגעשטאַנען. ביז זי איז געבליבן ליגן אָן כּוחות. אויפגעכאַפּט האָט זי זיך אין וואַלד — אָן אויסגעשעפּטע, מיט אַ שרעקלעכן ווייטיק אין האַנט. ווי ניט איז אויפגעשטאַנען. דורך אַ טומאַן דערזען אַ גראָבן מיט וואַסער. צוגעפאַלן צו אים. מיט יאַגדעס אונטערגע־לענט ס׳האַרץ. לויט דער זון געלאָזט זיך אויף מערב, ווײַל געוווּסט, אַז דאָרטן גייט פאַרבײַ דער וועג צו דער היימשטאָט. דערשלעפּט זיך צום וועג. אַ סאָוועטישער מיליטערישער אויטאָ האָט זי מיטגע־נומען אין שטאָט אַרײַן. אַוועק צו דער משומדתטע. ניט איין מאָל איז זי געווען בײַ איר בעתן פירן ייִדן פון געטאָ אין וואַלד אַרײַן...

— כ׳מוז דיך איבערהאַקן. פאַרשטייסט, דו דערציילסט איצט צו אײַליק, אייבערפלעכלעך. פייגעלע איז געווען די לעצטע, וואָס האָט געזען לינען, און דו מאַכסט אַלץ כאַפּ־לאַפּ.

— ווייסט, דער פּיניש איז שטענדיק אַ האַסטיקער. ס׳גייט אין פּעסטשטעלן פּאַקטן. ווילסט דאָך די נאַכט פּאַרענדיקן אונדזער הגדה. ווייסט, כ׳בין מיד. בײַ אונדז איז דער איבערגאַנג פון נאַכט צו טאָג אַ שאַרפער. מ׳זעט זיך ניט אַרום — ליכטיק. אַלץ איז אויך אויסגעקלאָרט. געבליבן אַ לעבעדיקער עדות פונעם פאַרברעכן. אַוודאי, אויך די משומדתטע האָט דערגאַנצט. אויפן וועג צו אונדז אין וואַלד נאָך דער באַפרײַונג, האָט זי זיך פאַרהאַלטן אינעם דער־בײַיקן שטעטל און זיך דערוווסט: ס׳האָבן זיך געהאַט פאַרשפרייט קלאַנגען וועגן ייִדן, וואָס באַהאַלטן זיך אין וואַלד. איז עס אַוודאי דערגאַנגען צו די דײַטשן, וואָס האָבן סטאַציאָנירט אין שטעטל. ווי קאָנען נאַצי־דײַטשן איבערלאָזן לעבעדיקע ייִדן דאָרטן ווו זיי האָבן געוועלטיקט? איז זיי אײַנגעפאַלן אַ טײַוולאָניש שפּיצל — אַרויס־געשיקט אויף אויסשפּיר עטלעכע פאָר לעטישע משרתים זייערע... דערנאָך האָט מען אין איינעם אַ פאַרנאַכט געבראַכט אויפן שטעטלשן ייִדישן בית־עולם אַ מחנה ייִדן. געצוווּנגען זיי גראָבן אַ קבר... און דערשאָסן... דער גרוילנעפּל איז פונאַנדערגעווייעט. ניטאָ קיין ספקות, קיין חשדים. אַלץ איז מאויםדיק, שווידערלעך קלאָר...

— פאַרשטייסט, יאָ, יאָ, שיסן האָט מען זיי באַדאַרפט! ווי מיינסטו, לינע האָט פאַרן טויט זיי געזען, די צוויי אוממענטשן און אויפגעהערט גלייבן אין מענטש? זי איז אומגעקומען אַן אַנטווישטע, אַן אַ האָפענונג, אָן אַ צוואה?.. נאָר אָט זע איך זי, אַ לעבעדיקע. פיל אַז זי אַליין וויל, מוז עפּעס אויסברענגען:

„האָט ליב די מענטשן! און טאָקע דערפאַר... דעריבער... הערט זיך צו צום אַלטן זאָג, אַז ווער ס׳איז מוחל אַ רוצח, באַגייט אַ רציחה!"

## 16

— פאַרשטייסט, די גאַנצע צײַט... זעסט, איך בין אײַנגעזונקען אין דײַנעם אַ ווייכן פאָטעל. און דו, דו האָסט זיך באַוועגט — אַרויס,

אַרײַן, אַרומגייענדיק דערציילט. אַוודאי, אַזוי אַרבעטן די געדאַנקען אינטענסיוווער. און טאַקע, מע מוז זאָגן, ערטערווײַז האַסטו גאָר שיין דערציילט. אַרומגעגאַנגען און גערעדט. ס׳מאַכט ניט, אויב מ׳רעדט ניט אַרײַן דירעקט אין טייפּ. ס׳איז אַ שפּירעוודיק ממזרל. זייגט אין זיך אַרײַן יעדן פּיפּס. און איך, פֿאַרשטייסט, כ׳מוז מיר אויפהייבן. מוז אַ ביסל באַוועגן די פֿאַרשטײַפטע אברים. ס׳אַפּאַראַטל זאָל זיך אָפּרוען. פֿאַר הײַנטיקע נאַכט איז׳ס גענוג. פֿאַרשטייסט, דו לײַדסט ניט פֿון, פֿון דעם אַרטריטיס, ווי ס׳געהער אונדזער עלטער. אָט, קוים פֿונאַנדערגענומען... אָט בין איך בײַם אָפֿענעם פֿענצטער. אַ מחיה — דער לעצטער קילער אָטעם פֿון דער נאַכט. קוק — אַנײַערע פֿלאַכע געקאַלכטע דעכער. כאַ, כאַ, ווײַסע דעכער... שניי... עס פֿעלט מיר שניי... בײַ אײַך איז ער הייס, דער שניי? און דאָרטן, בײַם הימלראַנד פּיקט זיך אויס עפּעס העלס. דער טאָג, האַ? זיי קומען בײַ אײַך האַסטיק אָן, די טעג, זאָגסטו? מוזן מיר זיך אונטער־אײַלן. הער, אין דער ווײַטער ווײַסער פֿאַרפֿאַלעניש האָב איך פֿאַרברענט מײַנע טעג אויף אַ קליין פֿײַערל. פֿאַמעלער, פֿאַמעלער האָבן זיי געטליִעט, געוואָרן צו אַש... ביז, פֿאַרשטייסט, שוין יאָרן, ווי כ׳האָב זיך גענומען... גענומען אַרויפטראָגן אויף פּאַפּיר... מיינסט ס׳איז אַזוי פּשוט? אַפֿילו זיך אײַנגעשאַפֿט, אויסגעשריבן אַ יִדישע שרײַבמאַשינקע. האָב איך געמיינט, עפּנסט זי, זעצסט זיך אַוועק און טיק־טיק־טיק. פֿילסט אָן אַ זײַטל נאָך אַ זײַטל און גיסט אין דרוק. נעכטיקע טעג! פּונקט ווי אַלץ אויף דער וועלט, איז עס אויך ניט אַזוי פּשוט. כ׳האָב פּלוצעם דערפֿילט, אַז אַ שרײַבמאַשינקע איז אַ טויטע כּלי. שרײַבן מוז מען מיט אַ פּען. פֿליסט דעמאָלט דאָס געשריבענע פֿון האַרץ צו דער פּען. ניט אַזוי? האָב איך געשריבן, געשריבן, פֿאַרריכט, איבערגעשריבן, פֿאַרריכט, איבערגעקלאַפּט אויף דער מאַשינקע און ווידער פֿאַרריכט. איבערגעקלאַפּט אויף ס׳ניי. און ווידער דערפֿילט, אַז ס׳איז עפּעס ניט דאָס. האָב איך ווידער פֿאַרריכט. און די גאַנצע צײַט — אַזאַ האַרצקלאַפּעניש, טאַמער... איצט, זעסט, אָט איז עס. פֿון מײַן טעקע נעם איך עס אַרויס. צוזאַמען מיט אַ שטיק האַרץ... אַ היפּש פּעקל פּאַפּיר, ניט אַזוי? ס׳איז מײַן

מאַנוסקריפּט: **לינעס אַנדענק.** נאָר ווער ווייסט, ווי ס'האָט זיך באַקומען. פאַרשטייסט, אין סאַמע ברען פון שרײַבן האָט אין קאָפּ בײַ מיר עפּעס אַ צוק געטאָן, זיך אָפּגעריסן. דער קאָפּ האָט געהאַלטן בײַם צעשיטן זיך. געמוזט אָנקומען צו אַ דאָקטער. מורא געהאַט, איך שטאַרב און וועל ניט באַווײַזן. און דער דאָקטער, ער האָט מיך אויסגעטאַפּט, געלאָזט מאַכן אַנאַליזן, אַ רענטגען. לסוף פרעגט ער מיך, צי מיך מאַטערט עפּעס. אַוודאי מאַטערט. דערצייל איך אים בקיצור, אַז איך שרײַב... זאָגט ער, ווי אַ מאָל די דאָקטוירים, אַז בײַ מיר זענען עס קאָמפּלעקסן און כ'מוז זיך היילן. און הייסט קאַטעגאָריש אויפהערן שרײַבן. ס'איז ניט פאַר מײַנע כּוחות. גיט אַ נאַרישן משל פון אַ מענטש, וואָס ווערט פּלוצעם, אָן אַ צוגרייטונג, אַ שווערגעוויכט־הייבער. אמת, אַ נאַרישער משל? זאָג איך אים, אַז מסתּמא וויל ער, כ'זאָל זיך אָפּטראָגן אויף יענער־וועלט, אײדער ס'איז געבליבן לינעס אַנדענק אויף דער־וועלט, און הער אים ווי דעם קאַטער. אמת, זײַנע רפואות האָב איך גענומען. פון זיי האָט עס געשלעפּערט. פלעג איך דעם שלאָף פאַרטרײַבן מיט שטאַרקער שוואַרצער קאַווע און קאָניאַק. און זעסט, אָט האָב איך פאַרענדיקט, געבראַכט. און דו, דו'סט שוין מוזן איבערלייענען און זען, וואָס'ט זיך באַקומען. פאַרשטייסט, אויב עס טויג אויף כּפּרות... ניין, וואַרף ניט אַרויס. פאַרשטייסט, פאַראַן דאָ אַ סך וואָס דו ווייסט ניט. נעם און פאַרניץ עס. ביסט אַ שרײַבער. כ'קאָן שווערן, ס'מוז זיך באַקומען עפּעס אַזוינס, עפּעס אַזוינס... און גיב אַרויס אַ בוך אויף דײַן נאָמען. אָט האָסטו הײַנט שוין דערציילט, און דער טייפּ האָט'ס פאַרשריבן. איצט איז ער דײַנער. אָט איז די אינסטרוקציע ווי מיט אים זיך צו באַגיין. און פון מײַן שרײַבעכץ נעם אַרויס וואָס נייטיק. פלעכט אַרײַן דײַן גורל, דײַנע מיינונגען. און די שטרײַטפּראַגעס, די וויכּוחים... אָן זיי איז ניטאָ קיין לעבן. זע, ס'זאָל זיך באַקומען עפּעס שטאַרקס. אָן סעקס... ניט געווען אַזאַ זאַך, זאָגסטו. און אָן קרימינאַל. וועסטו אײַנטונקען דײַן פּען אין לויטערער מענטשלעכקייט. דער עיקר, ס'זאָל זײַן ווערט לינען. זי איז אַ הייליקע. פאַרשטייסט, מוז מען אָפּראַטעווען כאָטש אַ פונק פון איר נשמה־

פּײַער. הער: פּריִער האָסטו... איצט וועל איך דיך דערמאָנען אין פרידריך שילערס אַ באַוווּסטן זאָג: „דאָס וואָס דאַרף בלײַבן אומשטערבלעך, מוז אין לעבן אונטערגיין". פאַרשטייסטו ניט, אַז ער'ט געמיינט לינען? דאַרף טאַקע אַלץ זיך באַקומען דערהויבן און ווערט איר אַנדענק. און די אַנדערע איין און אַכציק, פייגעלען אײַנגערעכנט. אַלע זענען זיי קדושים! דעמאָלט, נאָך דעם ווי מיר זענען פון וואַלד אַרויס, ביסטו באַלד פאַרשוווּנדן און ווייסט ניט. פייגעלעס דורכגעשאָסענע דלאָניע האָט מען געמוזט אַמפּוטירן. דערנאָך — די האַנט ביז צו דער פּלייצע... דערנאָך... פייגעלע האָט ס'איריקע אָפּגעטאָן — אַרויסגעטראָגן פון וואַלד דעם מוראדיקן סוד און — — — קוק ניט, וואָס כ'האָב זיך פאַרהאַקט. טרערן זענען עס... פייגעלע, פייגעלע האָט דורכגעפירט איר מיסיע און פאַרענדיקט די חשבונות מיט דער־וועלט. געשטאָרבן פון אַ בלוט־פאַרגיפטונג... און אַז דו ווערסט... אַז דו ווערסט דאָס בוך פאַרענדיקן, גיבן מיר עס אַרויס... דערנאָך אויף העברעיִש. פאַרשטייסט, זאָל מען וויסן אין ישׂראל. דערנאָך אויף ענגליש, פראַנצייזיש, שפּאַניש. און אויך אויף רוסיש. זאָלן ייִדן, זאָל גאָר די וועלט וויסן ווער לינע איז געווען און איז!.. נישקשה, כ'האָב געאַרבעט, געהאָרעוועט. אויסגעפונען און פאַררעגיסטירט פּאַטענטן. וועט אויף אַלץ סטײַען. אַפילו אויף אַ דענקמאָל פון בראָנדז און שוואַרצן גראַניט... און איצט... זע נאָר, הערסט מיך? יאָ, ביסט שלעפעריק. אָט, שוין, גענוג. פאַרשטייסט, הײַנט נײַן פרי פאָר איך מיט אַ טור אויף צען טעג איבערן הייליקן לאַנד. וועל איך כאַפּן אַ קוק, ווי ייִדן פירן אַ מדינה. דערווײַלע ווערסטו איבערלייענען און זען, וואָס בײַ מיר האָט זיך באַקומען. כ'קום צוריק, אַ האָטעל איז שוין באַשטעלט... פאַרשטייסט, ביז אַהער האָבן מיר געקאָנט לעבן — איך אָן דיר, דו אָן מיר. הײַנטיקע נאַכט האָבן מיר געשלאָסן אַ בונד. און כ'וועל דיך ניט לאָזן צו רו, ביז... מעגסט זאָגן: אָן אַנשיקעניש, אַ נודניק, אַ קלעק — ס'וועט דיר ניט העלפן! ווערסט מוזן אַוועקלייגן אין אַ זײַט דײַנע אַלע שרײַבעכצן, ביז מיר'ן פאַרטיק ווערן. דײַן היזק דעק איך. זײַ זיכער, כ'וועל דיך ניט באַעוולען. נאָר איצט... כ'זע,

כ׳פיל — די אויגן קלעפּן זיך דיר. באַפרײַ איך דיך. גיי אין דײַן שלאָפצימער. באַקוועם רו זיך אויס. און איך שטעל אָן אויף אַכט דעם וועקער פון מײַן האַנטזייגערל... זע, גאָר פאַרגעסן אונטער־האַלטן דאָס זשיפּען פון מײַן לעבן. אָט, אַ ראָז קאַפּסלקע פון דעם ביטרען פּושקעלע רפואות אַראָפּשלינגען און זיך אויסציִען אין די זאַכן, טאַקע אָט אָ דאָ, אויף דער קושעטע. פאַרשטייסט, קאָפּל, פאַר מיר איז עס ניט קיין אָפּקומעניש, קוים טו איך עפּעס פאַר לינען. אָט אַזוי. און לינע, לינע... ווייך זאָגט זי:

„פאַרלעשט ס׳לעצטע ביסל מידע פינצטערניש.״

## פחד פאַרן פערטן

אַלע דרײַ בײַם טיש האָבן אויפגעציטערט.

אַלע דרײַ האָבן אויפגעציטערט, פאַרזשמורעט די אויגן און באַלד אַ הייב געטאָן די ווִיעס.

אַריבערגעקוקט איבערן חלב־געלן, דאַר אויסגעצויגענעם פלע־מל פונעם קאַרביד־לעמפּל, וואָס אויפן טיש, האָבן אַלע דרײַ איינס דעם צווייטן דערשראָקן געפרעגט מיטן בליק: „צי דען? קאָן ס׳געמאָלט זײַן?"

די אויגן פונעם צען־יאָריקן ייִנגל האָבן אומגעדולדיק עפּעס געמאָנט פון פאָטער־מוטער.

בײַ טאָג האָבן פאַרבײַ די פענצטער פונעם עסצימער, ווו די דרײַ זיצן איצט, קרעכצנדיק פאַרבײַגעהודזשעט עטלעכע טונקל־גרינע, פאַרבלאָטיקטע טאַנקען מיט פינפעקיקע רויטע שטערן. סאָ־וועטישע טאַנקען. זיי האָבן דאָ, אינעם גרין־באַוואַקסענעם פאַר־שטאָטגעסל, אויף אַ ווײַלע געהאַט אויפגערודערט די אין משך פון מער ווי אַ מעת־לעת אײַנגעשטאַנענע שטילקייט, און זיך פאַרנומען צום דומפּן געברויז וואָס איז געהאַנגען איבערן הויפּטוועג אין שטאָטצענטער אַרײַן.

רויטע שטערן אַנשטאָט דעם שוואַרצן גערמאַנישן צלם... זיי האָבן אויסגעלייזט די דרײַ, וואָס בײַם טיש, פונעם אָנגעשפּאַנטן וואַרטן אויף דאָס סאַמע ערגסטע אין משך פון גאַנצע דרײַ יאָר. בײַ טאָג זענען די דרײַ איבערגעפולט געווען מיט דער פרייד פון אָפּגעווינען ס׳פאַרשפּילטע לעבן. איצט האָבן זיי אויפגעציטערט פון אַ פּלוצעמדיקן ווײַטן באָמבע־אויפרײַס, פון נאָך און נאָך איינעם.

„די דײַטשן קומען צו זיך? קערן זיך אום?"

די בלאָנדהאָריקע פרוי האָט זיך אָפּגעריסן פון טיש, אַ דער־

שראַקענע פון דער מחשבה, אַז זי האָט צו פרי אַראָפּגענומען פון וואַנט און צעפּליקט דאָס בילד פונעם מטורף מיט די פּירקאַנטיקע וואַנצקעס און פאַרגלאָצטע אויגן — היטלערס בילד. צוגעשלײַכט זיך צום פענצטער, האָט זי קוים־קוים אָפּגעקאָשערט דעם שוואַרצן פאַרטונקעלונג־פאַרהאַנג. אַ שיטער באַשטערנטער, טינט־בלויער, וואַרעמער זומער־אָוונט האָט פון קיין זאַך וויסן ניט געוואָלט — הנאה געהאַט פון קומען אויף דער וועלט, און שוין. איז די פרוי באַלד צוריקגעקומען צום טיש:

— מ׳דאַרף זיך ניט שרעקן.

און אַליין זיך יאָ געשראָקן. פאַר נאַכט געזען דורכן פענצטער אַ סאָוועטישן פאַנצער־אויטאָ, עטלעכע דזשיפּן, עטלעכע סאָוועטישע מיליטער־לײַט, אַרויסגעשפּרונגענע פון די דזשיפּן. עפּעס האָבן זיי געזוכט, גענישטערט אינעם געסל. אָנגעקלאַפּט אין טירן. עקשנותדיק געקלאַפּט, מחמת ניטאָ קיין עלעקטריע, און די גלעקלער שווײַגן.

— מ׳דאַרף זיך ניט שרעקן, — האָט די פרוי איבערגעחזרט, וועלנדיק אויך זיך באַרויִקן.

האָט גענומען ווײַזן סימנים פון לעבן דאָס פאַרטײַעטע, מסופּן־אויסגעבלייכטע פּנים פונעם שוואַרצהאָריקן מאַנצביל מיט דער פאַסמע זילבער־גרויע האָר, וואָס האָט זיך געכוואַליעט פון שטערן אַרויף צו. נאָכן אָפּליגן באַלד דרײַ יאָר הינטער אַ מאַסקירוועטל אינעם שטובקעלער, זיצט ער צום ערשטן מאָל בײַם טיש צוזאַמען מיט זײַנע נאָענטסטע און טײַערסטע. זיצט אינעם גערוימען, גאָר שיין מעבלירטן עסצימער, ווו פריִער איז געווען פאַר אים סכּנת־נפשות די שוועל איבערצוטרעטן. מאַכט ער זיך איצט אַ סימן: אויב מע וועט מער ניט באָמבאַרדירן, וועט עס הייסן — אַלץ איבערגעקומען.

שטיל. שטיל אין דרויסן. און אין שטוב — אַ שטילקייט, אָנגעזעטיקט מיט שוואַרצע שאָטנס, האָט געהויערט איבער די דרײַ בײַם טיש און אַלץ שווערער, שווערער געדריקט אויף זיי. דאָס קאַרביד־

לעמפּל האָט זייערע פּנימער פאַרצויגן מיט געלן וואַקס. דער וואַקס איז פאַרגליווערט געוואָרן. אונטער אים — די פּנימער.

די פענצטער — פאַרמאַכט, און דאָס אינדרוויסיקע חיות האָט זיך ממש געבעטן אַרײַנצולאָזן אים אין דושנעם צימער. די פענצטער — פאַרהאַנגען, ווײַל אַזאַ איז די פאָדערונג פון דער מאַכט מלחמה־צײַט. פאַרמאַכט, פאַרהאַנגען — אַ שטיקל באַוואָרעניש, אַז קיינער, קיינער זאָל זיי, די דרײַ בײַם טיש, מער ניט באַמערקן, ניט באַלעסטיקן; קיין פערטער זאָל מער זיי ניט פאַרשאַפן אָנסופיקע פּחדים...

ווידער אַן אויפרײַס, אַ פאַרקײַכטער הארמאַטן־שאָס. צי דען טאַקע? אין האַרץ בײַם מאַנצביל האָט זיך עפּעס אויף אַן אמתן אָפּגעריסן. יאָ, פאַר אים איז עס אַ וואָרענונג, אַ פאַטאַלער, גאָר שלעכטער סימן. האָט ער אַ הילכיקן קרעכץ געטאָן און שווער זיך אויפגעהויבן:

— ניטאָ קיין מזל... צוריק אין לעבעדיקן קבר אַרײַן!

— בלײַבן אויפן אָרט! — האָט די פרוי אַזש באַפוילן. — **דו** דאַרפסט שוין ניט מורא האָבן, — און באַטאָנט דעם „דו". — **זיי** וועלן זיך ניט אומקערן. **ער** — געוויס ניט! — און גאָר שטאַרק באַטאָנט דעם „ער".

אַז ער וועט זיך ניט אומקערן, איז זי זיכער געווען. מ׳האָט אים דערהרגעט. אַליין געהערט עס אין אָרטיקן ראַדיאָ. אַ ייִד האָט אים דערשאָסן בײַם אַרײַנטרעטן אין וואַגאָנען דעם רעשט ייִדן פון דער אין אײַלעניש פאַרטיליקטער היגער געטאָ. „טײַער האָבן באַצאָלט די ייִדן, די וועלט־אונטערצינדערס. יעדער צענטער פון זיי איז אויפן אָרט ליקווידירט געוואָרן!" — האָט דער דיקטאָר פאַטעטיש פאַרענדיקט די אינפאָרמאַציע. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער ראַדיאָ פאַרשטומט געוואָרן. די באָמבעס פון דער לופט, די טאַנקען מיטן רויטן שטערן אויף דער ערד האָבן אָנגעגריפן... ער, ער... זי האָט אים קיין מאָל ניט געפרעגט פון וואַנען ער שטאַמט, צי ער האָט אַ משפחה. און, פאַרשטייט זיך, ניט געפרעגט, ווו ער דינט פאַקטיש און וואָס ער טוט. דער זילבערנער מענטשן־

שאַרבן אויף זײַן אוניפאָרעם־היטל... מורא געהאַט צו פרעגן. מורא געהאַט צו הערן די באַשטעטיקונג...

צוויי וואָכן שוין, ווי ער, דער פּערטער, איז אַרויס פון שטוב, אַרויס „צום דינסט". ווי געוויינטלעך פאַרן אַרויסגיין — אין פולער אוניפאָרעם געבליבן ערנסט שטיין מיט אַן אויפגעהויבענער רעכטער האַנט פאַרן בילד פונעם „פירער", וואָס איז געהאַנגען אויבן אַן אין עסצימער. נאָכן פאַרכטיק אַרויסגעבראַכטן „הײַל", אַראָפּגעלאָזט די האַנט, אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ דאָס אוניפאָרעם־היטל מיטן גלאַנציקן, ווי אַ שפּיגל, שוואַרצן דאַשיק, וואָס ער האָט צערעמאָניעל געהאַלטן אין דער לינקער. זיך אויסגעקערעוועט צו איר (זי האָט שטענדיק געמוזט בײַזײַן דעם דאָזיקן גאַטסדינסט), געטאָן זי אַ קוש אין שטערן און אַרויס. און זיך ניט צוריקגעקערט. די רויזן וואָס ער האָט איר ס׳לעצטע מאָל געבראַכט, ווי שטענדיק קומענדיק פון „דינסט", זענען שוין לאַנג פאַרוויאַנעט געוואָרן, און זי האָט זיי אַרויסגעוואָרפן צו אַל די רוחות.

— ניין, ניין! — האָט די פרוי ממש אויסגעשריִען. — ער וועט זיך ניט אומקערן! מיר ווייסן, אַ שאָס האָט אונדז אויסגע־לייזט. — און פון דײַטש פּלוצעם אַריבער אויף רוסיש, ווי וועלנדיק אָפּווישן אַלץ וואָס מיט די דרײַען איז אין משך פון דרײַ יאָר געשען. — מיר הייבן אָן פון ס׳נײַ.

— מאַמאַ, מ׳מעג שוין רוסיש? — האָט געפרעגט דאָס ייִנגל אויף דײַטש און אָנגעשפּאַנט געוואַרט צו הערן, אַז מ׳מעג.

— מ׳מעג און מ׳דאַרף. געדענקסט נאָך?

דאָס ייִנגל האָט צופרידן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אין דער ווײַט האָט אויפגעלעבט אַ דומפּ געקראַך. פאַרעקשנט אײַנגעקלאַמערט זיך אין דער מערב־זײַט פונעם האָריזאָנט.

— רעדט דײַטש! — האָט דער מאַנצביל געפּאָדערט. — דײַטש! איכ׳ל פאַרשווינדן. איך, איך! אַלץ צוליב מיר! כ׳בין שולדיק! — און געבליבן איז ער פאַרטײַעט זיצן בײַם טיש.

— זונעלע, ביסט נאָכן אָוונטברויט, גייען מיר שלאָפן. מאָרגן, סט׳אויפשטיין, וועט שײַנען די זון, — האָט די מוטער גערעדט צו

אים אויף דײַטש און פאַרענדיקט אויף רוסיש: — זאָג דעם פּאַפּאַ אַ גוטע נאַכט: ספּאָקאָינאָי נאָטשי.

אונטערטעניק, געהאָרכיק איז דאָס ייִנגל, און צעשראָקן־אַנגעשפּאַנט. אַז מ׳מוז היטן דעם סוד וועגן באַהאַלטענעם פאָטער; מורא האָבן פאַרן גרוי־גרינעם „אָנקל“, וואָס האָט געבראַכט זיי אַהער. אָפט פלעגט דער „אָנקל“ אָנשטעלן אויף אים זײַנע שטעכעוודיקע אויגן. געהאַט אים אַראָפּגעלאָזט די הייזלעך און באַטראַכט. איין מאָל בלויז, און אָנגעפילט אים מיט אַ פחד פאַר אַל דאָס גרינע אויף דער וועלט. צום גליק, אין גרוילפולע מינוטן איז „פּראַו מאַמאַ“ דערבײַ. האַלט אים פאַר אַ האַנט בײַם ראַנד פון אַ שימל־גרינעם אָפּגרונט און לאָזט ניט אַרײַנפאַלן, כאַטש דאָס טונקעלע טיפעניש ציט, מאַניעט. איז גוט, אַז „פּראַו מאַמאַ“ נעמט דאָס לעמפּל פון טיש און פירט אים שלאָפן.

דער פאָטער איז געבליבן אין אַן אַבסאָלוטן חושך. בלײַבן אין דער פינצטער איז פאַר אים קיין חידוש ניט געווען. ס׳פינצטערניש האָט אים ביז איצט באַשירעמט פון אַלעם בייזס. אָבער נאָכן דערפילן דעם טעם פון אויסלייז, האָט ער אינעם פינצטערניש גענומען זיך טרינקען און געשלונגען שטיקער חושך ווי עפּעס אַ געדיכטן סם־המוות, און זיך געוואָרגן מיט די מחשבות און מיטן געמורמל:

— ווי לאַנג קאָן מען דאָס אויסהאַלטן? נו, גוט, איך בין שולדיק, שולדיק!

...שולדיק. אַ ייִד טאָר זיך ניט פאַרליבן אין אַ דײַטשקע, בעת היטלער בושעוועט, רײַסט זיך צו דער מאַכט? בעת דײַטשלאַנד, געטעס און שילערס דײַטשלאַנד, פאַלט צו זײַנע פיס, אַ פאַרסמטס, און פאַרמעסט זיך אויף דער גאַנצער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז פון די ערשטע אײַנגעשלונגען צו ווערן איז די שכנותדיקע ליטע, ווו ער איז אַ מאַטעמאַטיק־לערער דווקא אין אַ דײַטשישער גימנאַזיע. די בלאָנדהאָריקע שטיפערקע, ס׳שענסטע מיידל אין לעצטן קלאַס, איז שוואַך אויף מאַטעמאַטיק. „לערער, ווי אַזוי פאַרשטייט איר דאָס אַלץ?“ — האָט זי נאָך זײַנער אַ שעה אים אָנגעקוקט מיט

התפּעלות, און אירע פֿאַרשײַטע בלויע אויגן האָבן אָפּגעטאָן דעם לעצטן כּישוף: אַרײַנגעכאַפּט זײַן האַרץ אין זיס נויענדיקע קלעמען און שוין ניט אָפּגעלאָזט. און דאָ האָט ער געדאַרפֿט פֿאַרענדיקן מיט די אָפּגעסמטע דײַטשן און איבערגיין אַרבעטן אַנדערש ווו. האָט ער זיך געאײַלט צו שטעלן די בלאָנדהאָריקע פֿאַרן אויספּרווו: אַ שיינער, עלעגאַנטער, עלעגאַנט ווי דאָס פֿאַרביקע טיכעלע, וואָס קוקט אַרויס פֿון דער אייבערשטער קעשענע פֿון זײַן מאָדישן רעקל; די גרויע פּאַסמע אין זײַנע שוואַרצע, אויף אַרויף זיך כוואַליענדיקע האָר — עפּעס אויסטערליש שיינס — האָט מאָדנע אימפּאָנירט; דערצו אַ געאַכפּערטער און גוט־סיטויִרטער יונגער מענטש (אַפילו אַן אייגן הויז האָט ער פֿאַרמאָגט) בעט איר האַנט, אַ טאָכטער פֿון אומפֿאַרמעגלעכע עלטערן. האָט זי ניט טראַכטנדיק קיין סך, שטיפֿעריש דערקלערט, אַז גליקלעך וועט זי זײַן ניט צו דאַרפֿן זיך מאַטערן מיט די אַלע מאַטעמאַטיקעס, פֿאַרשפּאָרן ענדיקן גימנאַזיע און אָנהייבן געניסן פֿון לעבן. אַ ייִד, אַ דײַטש — אַלע זענען מענטשן...

דערמאָנט זיך אין דעם איצט, האָט ער רעאַגירט מיט אַ געוואָרטש:

— ניט אַלע זענען מענטשן, און כ׳קאָן ניט מער! קאָן ניט און שעם זיך...

זײַן בלאָנדע אויסדערוויילטע האָט אַרײַנגעטראָגן אינעם פֿינצטערניש אַ ברענענדיקע ליכט.

— אַלץ צוליב מיר. פֿאַרגיב מיר. איך בין שולדיק, — האָט ער זי באַגעגנט מיט אַ געדריקט קול.

— שולדיק וואָס ביסט אַ ייִד? בין איך זינדיק וואָס כ׳בין אַ דײַטשקע. און שטאַרק זינדיק... — מיט אַ קלאַפּ האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם לײַכטער אויפֿן טיש. — דער לאָמפּ איז געבליבן בײַם ייִנגל. ס׳פֿינצטערניש שרעקט אים. הער, אויך מיר דאַרפֿן גיין שלאָפֿן. מ׳דאַרף שפּאָרן ליכט. ווער ווייסט, וואָס ס׳איז דאַרטן מיט דער עלעקטראָ־סטאַנציע... געגאַנגען אין מײַן שלאָפֿצימער!

— מײַן אָרט איז נאָך אַלץ אין לעבעדיקן קבר.

— נו, גענוג, גענוג! — איז זי צוגעפאַלן צו אים, געקושט זײַנע האָר, דעם שטערן, די באַקן. — דײַן פּײַן קומט צו ענד.

ער האָט ניט רעאַגירט. געבליבן פאַרגליווערט זיצן. האָט זי אָראָפּגעלאָזט די הענט. און אַרום — אַ בייזע שטילקייט וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם, דריקט, שטיקט.

אין דרויסן האָט אויך עמעצער צוגעשטיקט אַלע קולות פון לעבן.

אַן אַ קלאַנג האָט געפּלאַצט איר האָפערדיקייט. אַפּהענטיק איז זי אַראָפּגעזונקען אויף דער פּליושענער סאָפע בײַם סאַלאָן־טישל אין פאַרשאָטנטן ווינקל פונעם געראַמען צימער, און מיט אַ שטילער טענה:

— ניט דו, ניט דו, איך בין שולדיק. און אויך זינדיק, כאָטש ניט איך בין דערבײַ געווען. אַן אַנדערע. גאָט מײַנער, פון דעסטוועגן זינדיק?

אַ זינד געווען צו לויפן אין דער קאָמענדאַנטור זוכן אײַנזעעניש בײַ נאַצי־דײַטשן? אַפילו ווען עס האַלט בײַם אַרויסוואַרפן איר משפּחהלע פון דער וואַרעמער היים? אַרײַנגעפאַלן איז זי. אַרײַנגעפאַלן אין וואָלקנס ציגאַרעטן־רויך, אין אַ מיש־מאַש פון אוניפאָרמען — ברוינע און שוואַרצע מיט בלוטדאָרשטיק־רויטע אָרעמבענדער און דעם שוואַרצן האַקנקרייץ אויף אַ ווײַסן דיסק; גרינע, טונקל־גרינע און אַ סך גרוי־גרינע אוניפאָרמען... און אַ געהאָלדער פון דײַטש אויף פאַרשיידענע דיאַלעקטן. געוויס, אַרײַנגעפאַלן צו אַן אוניפאָרמירטן אין גרוי־גרין מיט אַ שוואַרצן בענדל איבערן מאַנזשעט אויפן לינקן אַרבל און צוויי, מיט גאָלד אויסגענייטע אותיות SD אויף אים. (אין אַ צײַט אַרום האָט זי זיך דערוווּסט, אַז דאָס באַטײַט געסטאַפּאָ). דער אוניפאָרמירטער האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ פרעגנדיקן בליק און באַלד טאַקע געפרעגט: „איר זענט אַ יידישע אָדער אײַער מאַן איז אַ ייד?" דערהערט, אַז זי איז אַ דײַטשקע, רעדט אַ שיינעם דײַטש, האָט ער אויפגעלעבט: „כ'האָב באַלד דערפילט! די שטים פון גערמאַניש בלוט האָט איר קענטלעכן קלאַנג". גאַר־גאַר העלע אויגן פון אונטער כמעט ווײַסע

וויעס האָבן זשעדנע געפּרעסן אירע בלאָנדע לאָקן, איר מויל גע־טאָקטע ציין, די הון־גריבעלער אין די באַקן, איר פּיקאַנטע פּרוויזש־קייט, און דער גלאַנץ פון אירע פאַרשײַטע אויגן האָט, זעט אויס, אויך דאָ פאַרענדיקט דעם כּישוף. ער האָט זי פאַרהאַלטן. ווי קומט זי צום ייִד? צום סוף זי באַרויִקט: די רעקוויזיציע שטעלט ער אָפּ און מאָרגן קומט ער קאָנטראָלירן אויפן אָרט. ניט פאַרלאָזט זיך אויפן געדעכעניש — פאַרשריבן דעם אַדרעס, איר נאָמען.

ער איז געקומען אין פולער אוניפאָרעם — אַ הויכער, אָפּגע־פּיטערטער, מיט אַ פלײשיק און זייער בלייך, זאָרגעוודיק אָפּגע־ראַזירט פּנים, פון וועלכן ס'האָט זיך געטראָגן דער ריח פון דײַטשישן אָדעקאָלאָן — „קעלניש־וואַסער". דעליקאַט געגעבן אַ קוש איר האַנט און איידל געפרעגט, צי ס'איז דערלויבט צו באַקוקן די וווי־נונג. מאַיעסטעטיש האָט זיך באַוועגט איבער די צימערן אַ גרוי־גרינער דײַטש אויף גלאַנציקע שטיוול. דערזען איר ייִנגל, האָט ער ליבלעך אַ שויבער געטאָן זײַנע טונקעלע הערלעך. געפרעגט, ווו דער מאַן איז. דערהערט, אַז גענומען אויף אַרבעט דורך אַ דײַט־שישער איינהייט, האָט ער צופרידן פעסטגעשטעלט: „יאַוואָל! אַלע מוזן זיך איצט פאַרן זיג פון גרויס־דײַטשלאַנד!" אַ, ניין, ניין! ער מיט זיך ניט, איר מאַן. מ'האָט שוין געוווסט, אַז פון דער צוואַנ־גסאַרבעט קערן זיך קיין ייִדן ניט אום. פאַרשטעקט האָט זי אים אויפן בוידעם. זייער אייגן הויז, איז דער שליסל צום בוידעם אין אירע הענט... פאַרן אַוועקגיין האָט דער געקומענער דײַטש איבערגע־לאָזט אַ ווײַס פּאַפּירל — קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן צו שטערן דאָ די רו. אויך איבערגעלאָזט דעם הויך פון אַ שמעקעדיקן אַלקאָ־האָל, געמישט מיט אַ מילדן ציגאַרעטן־רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זײַן מויל.

זינדיק? איר זינד, וואָס צוגעקלעפּט האָט זיך צו איר די ציר־לער־מאַנירלעכע גרוי־גרינע מאַסע און ווידער געקומען? געבראַכט שאָקאָלאַדן, אַ פלאַש עכטן מאַדייראַ־ווײַן. מ'האָט געמוזט מיט אים אויפהייבן אַ בעכער — „אויף פרײַנדשאַפט". דער ווײַן איז געווען פּריקרע זיס, און די פרײַנדשאַפט — פּריקרע ביטער... און דאָ —

דער באַפעל, אַז אַלע ייִדן מוזן אַריבער אין געטאָ — אַ מיט שטעכלדראָט אַרומגעצוימט פאַרשטאָט־פערטל. „ס׳העלפט ניט, אײַער מאַן מוז אַהין, אַניט איז דער טויט אויפן אָרט״ — האָט געוואָרנט דער דײַטש. זי האָט געמאַכט אַ טרויעריקע מינע: שוין דרײַ טעג ווי ער איז ניטאָ פון דער אַרבעט. וואָס קאָן דאָס זײַן? אפשר קאָן ער העלפן? „יאַוואָל, דאָס פּאַסירט. ס׳איז אין אָרדענונג!״ און זיך דערוועגט אַ טרייסטנדיקן גלעט טאָן אירע האָר, באַגלייט פון ווייך זיך שלענגלענדיקע ווערטער: „גלײַבער ניט צו דאַרפן גיין הינטערן שטעכלדראָט. סורפּריזן, און ניט קיין גאָר אײַנגענעמע, דערוואָרטן דאָרטן די ייִדן״.

— איך און ניט דו, איך בין גאָר שולדיק! — האָט זי ווידער אַרויסגעקרעכצט. — דערצו אויך זינדיק. איך דאַרף זיך שעמען.

— צו וואָס דאָס פּײַניקן זיך? — האָט זיך אָפּגערופן דער מאַן בײַם טיש. — ניטאָ דער פערטער, ווי׳סט אים גערופן. פאַרגעסן! איך האָב די גאַנצע צײַט זיך געצווונגען צו פאַרגעסן יעדע אַוועק־געגאַנגענע מינוט.

— מיינסט, אַז מ׳קאָן לעבן מיט דעם וואָס מע צווינגט זיך צו פאַרגעסן? הער מיך ניט. ניט צו קיינעם, צו זיך רעד איך. כ׳בין פאָרט שולדיק און זינדיק. ס׳העלפט ניט — איך הער, און פיל, און געדענק.

ער פלעגט טאָג־טעגלעך זיך אַראָפּלאָזן, דער גרוי־גרין אוני־פאָרמירטער, דער פערטער. און זי האָט געציטערט — אין פחד פאַר די בליצן און דונערן, וואָס מאַכן איצט חרוב וועלטן און וועלן מסתמא חרוב מאַכן אויך איר וועלט. אין שטאָט האָט דער שטורעם געבושעוועט, כאָטש געשטאַנען איז אין דרויסן אַ הייסער, אַ לויטערער זומער. טײַכן ייִדיש בלוט האָט זיך געגאָסן. און די ערד האָט זיך אויף אַן אמתן געוואַקלט אונטער אירע פיס, בעת די איידעלע גרין־גרויע מאַסע מיטן מילכיקן פּנים פלעגט זיך אַרײַנ־שטעלן. און שטענדיק מיט שפּײַז פון שענסטן און בעסטן. קריגס־צײַט. שפּײַזקאַרטלעך. פאַר אים האָט דאָס אַלץ ניט געגאָלטן. דער אומגעבעטענער, דער פערטער, וואָס האָט אַן רעש און זייער

קאָרעקט זיך אַרײַנגעשלײַכט אין איר היים, אין איר לעבן, האָט דעם מאַן אירן מער ניט דערמאָנט. איר ייִנגל פלעגט ער אַלץ גלעטן איבערן קעפּל און טראַקטירן מיט שאָקאָלאַד און קאָנפעטן... ווײ, ווײ, איר ייִנגל די „נירנבערגער ראַסן־געזעצן!“ ווערדליק זײ איז ער אַ „מישלינג פון ערשטן גראַד“ און מוז, צוזאַמען מיט זײַן ייִדישן צד, גײן אין געטאָ אָדער סטעריליזירט ווערן. ביזן אָפּשליסן די היגע געטאָ איז געבליבן אַ וואָך. מוז מען זיך אײַלן. אפשר וועט געפינען אַן אויסוועג דער ייִדישער דאָקטער, בײַ וועלכן איר קינד איז אויף דער וועלט געקומען. אויפגעזוכט אים... און זי איז זיך מודה פאַרן גרין־גרויעם וואָס שטעלט זיך אַרײַן טאָג־טעגלעך, אַז איר זון איז ניט פון געזעצלעכן פאָטער. באַווײַזט איר חתונה־שײַן און דעם ייִנגלס מעטריקע. געבוירן אויפן זיבעטן חודש... אַ יוגנט־קאַמעראַד, אַ דײַטש, האָט צוגעזאָגט חתונה צו האָבן און אָפּגענאַרט. איז זי באַלד אַוועק מיט אירן אַ לערער, וואָס האָט זי צו רו ניט געלאָזט. „אָהאָ, די ייִדן! די גיריקע ראַסן־שענדער!“ — האָט דער גרוי־גרינער אַ צישע געטאָן. זי האָט זיך פאַרטיידיקט: מיטן ייִד האָט זי זיך געהיט ניט צו האָבן קײן קינדער. (פאַרשטייט זיך פאַרשוויגן, אַז ניט געקאָנט האָבן.) האָט דער דײַטש זי אָנגענומען פאַר די הענט, פאַרשעריש אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, וויסן געוואָלט, בײַ וועלכן דאָקטער.

דער פערטער (זי פלעגט שוין דערקענען דאָס העזהדיקע טאָר־מאָזירן פון זײַן מאַשין פאַרן גאָס), ער האָט זיך יענעם טאָג אַראָפּ־געלאָזט באַזונדערש גוט אויפגעלייגט און נאָך שטאַרקער האָט פון אים געטראָגן דער ריח פונעם „קעלניש־וואַסער“ און שמעקעדיקן דײַטשישן אַלקאָהאָל. (ער האָט אויפגעקלערט, אַז פון וועגן צוגעבן זיך קוראַזש מוז ער פון צײַט צו צײַט אַ שלוק טאָן פונעם דײַטשישן „ווײַנבראַנד“, וואָס ער טראָגט מיט זיך אין אַ פלאַך מעטאַלן פלעשל). אַרײַנגעשטעלט זיך אין גאַסטצימער, באַקוועם זיך אײַנ־געמאָסטעט אין אַ פאָטעל, געעפנט אַ מיטגעבראַכטע גרויסע פּושקע ערשטקלאַסיקע שאָקאָלאַד־קאָנפעטן. זי געצוווּנגען ניט אַנדערש צו פאַרזוכן פון יעדער סאָרט. געהאַט הנאה קוקנדיק אויף איר, ווי ער

אַליין וואָלט געפילט דעם טעם פון די זיסיקייטן. טיף פאַרצויגן דעם רויך פון אַ ציגאַרעט און אַריבער צום ענין. יאָ, ער האָט געלאָזט ברענגען מיט אַ קאָנוואָי איר פרויען־דאָקטער צו זיך אין אַנשטאַלט. ריכטיק! דער דאָקטער האָט פאַרגעדענקט דעם פאַל. אַ נאָרמאַל קינד, און פאַרן מאַן האָט עס געהייסן — אַ „זיבעלע". דעריבער געהאַלטן עס אַן איבעריקע פּאָר וואָכן אין דער קליניק. אָ, דער דאָקטער איז געווען אָפן־האַרציק, ניט געהיט דעם מעדיצינישן סוד, אַז זי האָט ניט פאַרטראָגן דעם געזעצלעכן מאַן. געבראָכן בעת די אינטימע באַציִונגען און פון וועגן דעם געקומען נאָך הילף. דער דאָקטער האָט עס אים דערקלערט מעדיציניש: ווען אַ פרוי טראָגט אין זיך די פרוכט פון אַ צווייטן, וועלכן זי האָט ליב, רעאַגירט זי אַזוי. „און איך זאָג, אַז דאָס גערמאַנישע בלוט האָט אָפּגעשטויסן דעם פרעמד־ראַסיקן. אַזוינס קאָן אַ ניט־אַריער ניט באַנעמען". און ליבלער איר פאַרגעוואָרפן: „ניט געדאַרפט זיך שטערן מיר דאָס צו דערציילן. ס'איז אַ דעצידירנדיקער פאַקט". דעם דאָקטערס אײַנפאַלערישקייט! זי האָט געשמייכלט, איר פּנים האָט זיך גע־רייטלט... און ווײַל דעם דאָקטערס דערקלערונג איז גאָר וויכטיק, האָט דער דײַטש איר דערציילט, אַז ער האָט באַלד אַרײַנגע־רופן אין קאַבינעט זײַן סעקרעטאַרין. באַפוילן דעם דאָקטער אַלץ איבערחזרן און דער סעקרעטאַרין — עס צו פאַרפּראָטאָקאָלירן. געלאָזט דעם דאָקטער אונטערשרײַבן. און איצט — מיט איר ייִנגל איז אַלץ אין אָרדענונג.

ווי ביטער איר איז ניט געווען, האָט זי געשמייכלט און אין זיך קוים אײַנגעהאַלטן די פרייד, וואָס האָט געפּויקט אין איר האַרץ. און ניט זי האָט געהערט די ווײַטערדיקע רייד פונעם גרוי־גרינעם, אַז אין אַ פאַרשטאָט־גאַס, אין אַ זײַט פון ניט־פאַרגינערישע אויגן, האָט ער געפונען אַ שיין איינפאַמיליע־הויז, אַן אײַנגעטונקטס אין גרינס, און באַוויזן אַרויפצולייגן זײַן האַנט אויף דעם. מיט די ייִדן פונעם הויז האָט מען שוין געמאַכט אַן אָרדענונג. איצט וועט מען מאַכן אָרדענונג אינעווייניק: אויסרייניקן ס'ייִדישע שמוץ און דעם ייִדישן גײַסט, וואָס האָבן זיך דאָרטן אײַנגעגעסטיקט. ס'טוען עס

שוין ייִדן פון געטאָ, אומזיסטע אַרבעטהענט. אַז אַלץ וועט פּאַרטיק ווערן, וועלן זיי — ער, זי מיטן ייִנגל — אַריבער אַהין. און אָנהייבן לעבן! פאַרלאַנגט האָט ער, אַז אַלץ אין זייער קומענדיקן וווינונעסט זאָל פאַרריכט און איבערגעפאַרבן ווערן לויט איר גוסט... אַ דער־שראָקן־דערשטוינטע האָט זי מעכאַניש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אין שטענדיקן געאײַל צו זײַנע געשעפטן, פלעגט ער זי טאָג־טעגלעך אָפּפירן אַהין מיט זײַן אויטאָ און אין עטלעכע שעה אַרום אָפּנעמען. בײַם רודער שטענדיק פאַרטראַכט. וואָס האָט ער גע־טראַכט? צו מאָל געשמייכלט. וואָס האָט באַטײַט דער אַ שמייכל? זי האָט געמאַכט אירע אויספירן: אַ מאַנצביל, איינער אַליין, מוז האָבן אַ באַדינערין. ער איז קאָרעקט, איז ניט מענעריש־אַגרעסיוו. וועט זי... זי וועט אויסהיטן פון די גערמאַנישע מענטשן־פרעסערס איר משפּחהלע!

— הערסט, אַ פאַרמעסט מיט די גערמאַנישע מענטשן־פרע־סערס, און דאָס גאָר! — האָט זי ניט צום ערשטן מאָל זיך פאַר־טיידיקט.

— און איבערגעקליגלט, וואָס? — האָט דער מאַן גוטמוטיק זיך אָפּגערופן. — פאַרט אַ שטיפערקע! ווען ניט, ווער וואָלט זיך געלאָזט אויף אַזאַ אַוואַנטורע?

— גלייב, כ׳בין דערבײַ ניט געווען. כ׳האָב זיך געשראָקן, געשראָקן, — האָט זי געמורמלט, — און פאַר שרעק... ווייסט, דאָס לעבן איז אַ רודערן אין אַ שמוציקן וואַסער־געווירבל, און בײַ ווענמען די נערוון האַלטן אויס... ניין, ווענמען דער גורל באַשערט, דעם געראָט עס.

איר איז געראָטן ניט בלויז צוצוקלײַבן קאָלירן פאַר די צימערן, איבערשטעלן ס׳מעבל. דער ייִדישער בוימײַסטער. ער איז שטראָם געשטאַנען פאַרן גרוי־גרינעם וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז אַלע אירע אָנווײַזונגען, ווי ער אַליין וואָלט זיי אָפּגעגעבן. האָט זי מיט אַלץ געפּראַוועט און אויסגעפּראַוועט.

— אין יענעם רעגנדיקן אינדערפרי... — האָט זי מיט אמתער דערקוויקעניש גענומען אָפּפרישן די איבערלעבונג, — טאָקע אַזאַ

פליוך האָבן מיר אויסגעקוקט. געזעגנט זיך מיטן בוידעם. אַרויס פון שטוב, אַז קיינער זאָל אונדז ניט באַמערקן. אוי, סאַראַ פליוך און געדונער! דו — מיטן אַראָפּגערוקטן איבער די אויגן ראַנד פונעם קאַפּעליוש. איך — מיט אַ שאַל אַרום האַלדז און האַלבן פּנים. ביידע — געאָרעמט אונטער אַ שירעם. ווי אין אַ פאַנטאַזיע, ווי אין אַ ראָמאַן איז באַלד אָנגעלאָפן אַ ליידיקע דראָשקע מיט אַן אויפגעשטעלטער בויד. מיט איר טאָקע דערפאָרן. אויפגעשלאָסן די וווינונג. געדענקסט?

געוויס. אויך ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט יענע אָנגעשפּאַנטע רגעס אין יענער משוגענער צײַט. אַרײַן אינעווייניק. אַראָפּ נאָך זײַן פירגייערין אין שפּײַזקעלער לעבן קיך. אַ שוואַך עלעקטריש לעמפּל האָט זיך אָנגעצונדן אויפן סופיט, און ער האָט דערזען אַ האַלצוועגטל מיט פּאַליצעס. אויף זיי — געשיר, ווײַנפלעשער, סלוויקעס מיט עטיקעטן. און פונעם וועגטל מיט די פּאָליצעס האָט זײַן פרוי פּאַמעלער, פּאַמעלער אַרויסגעדרייט אַ טייל, וואָס איז געהאַנגען אויף באַהאַלטענע שאַרנירן. אַן עפענונג האָט אים פאַרבעטן אין אַ באַהעלטעניש. געוואַרט האָט דאָרטן אַ טישל און אויף אים — אַ טערמאָס, אַ פּאָר גלעזער, אַ טעלער, גאָפּל־מעסער, אַ קעסטל שפּײַז, אַ סטאָס ביכער. אַ שמאָל געלעגער לעבן טישל. דורך מאַטגלאָז־שײַבלעך אין אַ פענצטערל בײַם סופיט איז אַהער אַרײַנגעדרונגען אַ ביסל טאָגשײַן. „דאָ וועלן מיר זיי איבערלעבן!" — האָט זײַן בלאָנדהאָריקע אים אַרומגעכאַפּט. פריִער שוין האָט ער געוווּסט, אַז לויט איר באַשטעלונג פּראַוועט דאָ בסוד דער ייִדישער בוימײַסטער אַ באַהעלטעניש פאַר טײַערע זאַכן און שפּײַזזאַפּאַסן, וואָס מע מוז מאַכן קריגסצײַט... „כ'וועל איצט דאָ אויסבאַהאַלטן מײַן טײַערסטן זאַפּאַס!" — האָט מיט באַגײַסטערונג אויסגערופן זײַן בלאָנדהאָריקע שטיפערקע.

איצט, ווען דער שטורעם איז פאַרבײַ, האָט זי געוואָלט וויסן, צי ער געדענקט דאָס אַלץ, צי ער וועט פאַרגעדענקען, וואָס אַ דײַטשקע...

— שטעלסטו זיך פאָר, אַז אַזוינס קאָן מען פאַרגעסן?

דער מאַן — אין זיכערקייט, האָט זי געפּועלט, אַז דער פּערטער זאָל זי מיטן ייִנגל, מיט זייערע נייטיקסטע זאַכן באַלד ברענגען אַהער און דורכוויס אויף זײַן מאַשין. אַלץ איז געווען דאָ געבליבן פון פריִער — אויסנעמלעך שיין מעבל און געשיר, בעטצײַג און קיך־מכשירים. פּראָדוקטן און ערשטקלאַסיקע געטראַנקען האָט דער נײַער בעל־הבית געהאַט אָנגעפּירט. פּאַר נאַכט איז ער אַראָפּגעקומען מיט בלומען אין האַנט און הייס זי געקושט. אַראָפּגעוואָרפן דעם מונדיר. געבליבן אין געל־ברוינעם אייבערהעמד מיט אַ שוואַרצן שניפּס, האָבן נאָך מער זיך געבלייכט זײַן פול פּנים און די צוגעפּלעטשטע, גאָר־גאָר העלע האָר. זשעדנע האָט ער זיך גענומען צום אָוונטמאָל און ניט אויפגעהערט לויבן איר קולינאַריע. אָפּגעגעסן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אין פולער הייך, אויסגעטאָן דעם שוואַרצן שניפּס, אָפּגעשפּיליעט דעם קראָגן פונעם אייבערהעמד, ווי גרייטנדיק זיך צו עפּעס, און זי אַרומגעכאַפּט. מיט אַ מאָדנעם אימפּעט און שווער אָטעמענדיק זי געשלעפּט צו דער סאָפע. זי האָט געפּרוווט זיך באַפרײַען פון זײַנע הענט און די ליפּן, וואָס האָבן געזוכט איר מויל. „ליבכען, וואָס'טו געטראַכט, — האָט ער זי צום ערשטן מאָל געדוצט, — וועסט זיך שפּילן מיט אַ מאַנצביל? אומזיסט דײַן אָנשטרענג. אונדז מוז מען זײַן אונטער־טעניק. מיר'ן אײַנאָרדענען אונדזער צוזאַמענלעבן. מיר, דײַטשן, האָבן ליב אָרדענונג. די גאַנצע וועלט ווייסט עס. אַ שלאָפצימער מיט אַ טאָפּלבעט וואַרט שוין. און גענוג מיך רופן ,הער'. ווערנער הייס איך, ווערנער. און זאָג מיר — דו!" מיט ציטער האָט זי אים דערמאָנט, אַז פּאַר איר איז גרייט אַ באַזונדערער שלאָפצימער. „אַז וועסט וועלן זיך אָפּרוען, — האָט ער געגלעט אירע באַקן, אַ ליבלעכן שנעל געטאָן אין שפּיץ נעזל און אַרומגעכאַפּט זי ווידער, גענומען קושן, קנעטן, געקראָכן צו איר בוזעם: „מיר האָבן דיך אויסגעלייזט פונעם יודע. איצט ביסטו מײַנע!"

— אַ ליגן, ניט זײַנע! ער איז קיין מאַנצביל ניט געווען! — האָט זי אויסגעשריִען, אַז אויפגעשווידערטע. — ניט זײַנע!

— כ'ווייס עס, ווייס שוין לאַנג. ביסט מײַנע, נאָר מײַנע! —

האָט איר מאַן זיך אָפּגערופן. — גענוג מיט דעם! די דרײַ יאָר עקסיסטירן ניט. מעק זיי אויס! פאַרגעסן!

זי האָט ניט געקאָנט אויסמעקן, ניט געקאָנט פאַרגעסן. די נקמה איז געווען ביטער־זיס, ווען דער פערטער האָט אין דער ערשטער נאַכט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער מוז זי אַ ביסל אַנטוישן. און זיך פאַרטיידיקט: פופצן יאָר ווי ער דינט אַדאָלף היטלערן, דעם פון גאָט אַראָפּגעשיקטן פירער פון דײַטשישן פאָלק. היט שטרענג דעם אײַנ־געגראַווירטן געבאָט אויף זייערע עס־עסישע פּוץ־שווערדלעך: „אין דער געטרײַשאַפט איז אונדזער ערע". און געבראַכט האָט ער אַ קרבן דער דאָזיקער געטרײַשאַפט זײַן מענערישקייט. ניט בלויז ער. אַפילו דער פירער! אַ קליי ניקייט, די נערוון! נעמען אָנטייל אין רייניקן ראַסיש די וועלט — גריבער, אָנגעוואָלגערטע מיט אונטער־מענטשן, גאַזאויטאָס, גאַזקאַמערן, קרעמאַטאָריעס... אַ קלייני־קייט — שאַפן לעבנסרוים פאַר די גערמאַנער, די האַרן פון דער וועלט! דאָס אַלץ מוז געטאָן ווערן אין אַ מיסטישן טראַנס, וואָס ברענגט צום אויפזידן דאָס אוראַלטע גערמאַנען־בלוט... הערנדיק דאָס אַלץ האָט זי זיך צונויפגעקאָרטשעט, געוואָלט ניט־ווערן. און ער: דאָס אויפשטעלן די טויזנט־יאָריקע גערמאַנישע אימפּעריע פאַרלאַנגט אַ פּרײַז. בײַ גאָר אַ סך פון דער עס־עס — די זעלביקע דערשײַנונג: נערוון־איבערגעשפּאַנטקייט, מ׳רעאַגירט ניט אויף מע־דיצין. בײַקומען מוז מען דעם אַ פּסיכאָ־פיזישן עפעקט, זאָגן דאָק־טוירים. און אויך זאָגן זיי, אַז אַ רייצנדיקע פרוי איז די בעסטע מעדיצין. זאָל זי וויסן איר פליכט! ער לײַדט, אַלע דײַטשן לײַדן איצט פון וועגן דער צוקונפט. מוז זי, אַ דײַטשקע, מיטלײַדן. זאָל זי נאָר ניט זײַן פּאַסיוו, ווי זי איז ביז אַהער. העלפן אים!

האָט זי איצט אויסגעשריִען צום מאַן:

— זײַ וויסן, געהאָלפן האָב איך בלויז דיר און אונדזער יינגל!

— כ׳ווייס עס, כ׳ווייס, — האָט דער מאַן זי באַרויִקט. — איך בין דײַן ערשטער און געבליבן דער איינציקער. ניט דו, ניט דו ביסט געווען מיט יענעם.

אויפן פאָדעם פון איר זכרון האָט זיך אַרויפגעסילעט אַ נאַכט

נאָך אַ נאַכט בײַ דער זײַט פון יענעם, פונעם פּערטן, אין דער טאָפּלבעט. אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט אין זײַנע אָרעמס. אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט אויף יענער זײַט פון לעבן, וווּ בלויז דאָס ווייכע קול פונעם פּערטן האָט געציטערט אינעם אָנגעזעטיקטן חלל מיטן הויך פון דײַטשישן „ווײַנבראַנד" און „קעלניש־וואַסער". געטרייסט האָט ער זי, אַז ווי נאָר דאָס גרויסע בלוט־פאַרגיסן וועט זיך ענדיקן, ווערט ער באַשטימט פאַרן קאָמיסאַר פון אַ געגנט אין קאַווקאַז. די דאָר־טיקע לופט, דאָס וויטאַמין־רײַכע עסן... מענער לעבן דאָרטן ביז איבער הונדערט יאָר און בלײַבן מענער. פאַראַן דאָרטן אַ גראָז אַזאַ, און פון אים אַ געטראַנק — דער לעגענדאַרער ליבע־עליקסיר. און ווײַל ראַסיש־ריין איז ער, דער וואָס באַלעבעטשעט, וועט בײַ אים אַלץ זיך רעגולירן. ס'האָט אַ קאַרטן־וואָרפערין אים אויס־געלייגט, אַז אַ שיינע פרוי אויף זײַן וועג וועט אויפלעבן אין אים די לאָבונג. אַ מאָל, אָהאָ! פרויען פלעגן וויינען בײַ אים פון פאַר־געניגן. אויך זי וועט עס דערלעבן. נאָר געדולד!

און זי האָט געדולדיק איבערגעלעבט די נקמה אינעם ראַסן־ריינעם גרוי־גרינעם, וואָס באַשירעמט, שפּײַזט און היט אויס פון טויט איר ייִדישן מאַן, זייער „מישלינג פון ערשטן גראַד"...

— איך בין מיט דיר, בלויז מיט דיר! באַשיץ מיך, באַשיץ אונדז דרײַ פון אַ פּערטן! — איז זי אויפגעשפּרונגען.

אויך איר מאַן האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט. ביידע האָבן זיך שטאַרק, שטאַרק אַרומגענומען — — —

אַ קלאַפּ אין דער דרויסנטיר האָט זיי ניט פאַרגונען צו געניסן פונעם אויפזיד פון זייער בלוט, אַ באַפרײַטס פון אַלע באַדרענגע־נישן.

אַ העזהדיקער קלאַפּ און אַן אומגעדולדיק פּײַקלען אין טיר. פּונקט אַזוי פלעגט פּײַקלען דער דײַטש, דער פּערטער, בעת ער האָט געוואָלט ניט אַנדערש זי זאָל אים עפענען, כאָטש געהאַט האָט ער אַ שליסל צו דער טיר. זי זאָל עפענען און ער זאָל זי קאָנען אַרומנעמען, אַ קוש טאָן, דערלאַנגען זײַן שטענדיקע פּאַרציע בלו־מען. און ניט געוווּסט האָט ער, אַז זײַן פּײַקלען איז געווען פאַר

איר דער בעסטער סיגנאַל צו פאַרווישן שפּורן פון די אַלע קאָנס־פּיראַציעס, מיט וועלכע די שטוב איז פול געווען.

און ווידער אַ העזהדיק קלאַפּן אין טיר, און אַ שטרענגער אויסרוף אויף רוסיש:

— עפענען! אַ קאָנטראָל!

איר גורל. ניט געלאָזט איבערכאַפּן אָטעם. ביי טאָג — די דזשיפּן, דאָס קלאַפּן אין פאַרשיידענע טירן דאָ אין געסל. מענטשן האָבן הנאה פון אָפּמסרן, און זי האָט ניט געפאָלגט איר פאָטער. איבער צוויי שעה האָט ער אין דער פראָנט־מהומה צו פוס זיך געשלעפּט פון אַ צווייטן עק שטאָט. געקומען וואָרענען: „מיין קינד, מיט דער מוטער לויפן מיר קיין דייטשלאַנד. די רויטע. אין זייערע פאָדערשטע רייען — אַזיאַטן, שעכטן אויס די אָרטיקע באַפעלקע־רונג און אַלע דייטשן ביז איינעם. מיין קינד, מוזסט לויפן מיטן יינגל". האָט זי אים באַרויִקט מיט אַ ליגן: „מ'עט קומען אונדז נעמען מיט אַ מאַשין. ווערנער האָט באַוויזן צו פאַראָרדענען"...

און אָט איז מען געקומען.

נאָך אַ רגע שטומעניש האָט הילכיקער און מיט מער אימפּעט דאָס קלאַפּן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער דרויסנטיר.

— מיין ליבער, עפן דו, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן צום מאַן. — דאַרפסט זיך שוין ניט שרעקן. און איך האָב שטאַרק מורא. ס'אַ פערטער...

מיט דער ליכט אין האַנט איז דער מאַן דערקראָכן צו דער טיר. געעפנט און הינטערוויילעכץ צוריקגעצויגן זיך. נאָך אים זענען מיט עלעקטרישע לעמפּלעך אין די הענט אַריין אין עסצימער אַ מיליטער־מאַן מיט גאָלדענע עפּאָלעטן, ס'הייסט אַן אָפיציר, און צוויי סאָלדאַטן. רויטע פינפעקיקע שטערנדלעך אויף זייערע מיליטערישע היטלען.

— ווער איז דאָ, — האָט שטרענג אָנגעהויבן אויף רוסיש דער אָפיציר און טראַפנווייז אָפּגעלייענט פון אַ פּאַפּירל: — אינ־גע גע־פען?!

— איך! — איר שטים האָט אויפגעציטערט, ווי אַן אָפּגעלאָ־
זענע סטרונע נאָכן טאָן זי אַ צופּ.

— קומסט מיט אונדז!

ניט זי, ניט זי איז אַ געפּלעפּטע אַוועק פּאַר זיי.

איר מאַן האָט געשטעלט עטלעכע וואַקלדיקע טריט, ווי אויף שטאָלצן. געפּרוווט איר פאַרשטעלן דעם וועג, געפּרוווט עפּעס זאָגן, געשטאַמלט וועגן איר דרייסטער איבערגעגעבנקייט.

מ'האָט אים מיט ביטל אָפּגעשטופּט אין אַ זײַט, און דער אָפיציר האָט אַ מרוקע געטאָן:

— גוט, גוט. געגאַנגען!

אין קאָרידאָרל האָט זיך דערהערט אַ געוואָרטש. אַלץ אויף רוסיש:

— נאַצישע הור! וועסט איצט...

די צוגעקלאַפּטע דרויסנטיר האָט געקעפּט די ווײַטערדיקע ווערטער.

## נאָך אַ ליטעראַרישן אָוונט

אויף דער בינע האָבן די ליכטער זיך אײַנגעשרומפּן, אײַנגעשרומפּן און אין גאַנצן ניט געוואָרן. דער אויסגעליידיקטער זאַל איז געבליבן קוים־קוים באַלויכטן דורך עטלעכע רויטע לעמפּלעך פון איבער די נויט־אַרויסגענג און ווי געוואָרט, אַז די מענטשן פון הינטער די קוליסן זאָלן שוין אויך גיין אַהיים, די אָרדנערס זאָלן קאָנען פאַר־מאַכן טיר־און־טויער, און רו און שטילקייט זאָלן זיך דאָ אײַננעס־טיקן ביז צו אַן אַנדערער אימפּרעזע מאָרגן צי איבער מאָרגן אָוונט.

וואַרט נאָר, וואַרט, פאַרמאַכט ניט דעם הויפּט־אַרויסגאַנג פון זאַל! האַרט לעבן אים, אויף דער לעצטער ריי, זענען צוויי — אַ מיליטער־מאַן און אַ ציוויל־געקליידטער — געבליבן זיצן. געבליבן וואַרטן אויף עמעצן?

אין אַ גערוימען, ווײַס געקאַלכטן צימער הינטער די קוליסן האָט נאָך העל געברענט די עלעקטריע, און די דרײַ אָנטייל־נעמערס פונעם אָקערשט פאַרענדיקטן ליטעראַרישן אָוונט זענען אַרומגערינ־גלט געוועז פון אַ מנין גוטע־פרײַנד פון אַמאָל, ליבהאָבערס פון ייִדישן וואָרט. געקומען זענען זיי אַהער אויסצולאָדן די עמאָציעס, וואָס דער אָוונט האָט אַרויסגערופן, באַדאַנקען פאַר דער גײַסטי־קער הנאה...

— ס'איז געווען אַן איבערלעבונג! אַלץ צוזאַמען... — האָט איינער פון זיי אויפן קול געגומען אויסדריקן זײַנע און מסתמא אויך אַלעמענס געפילן. אַ פּנים, צוליב דער אינערלעכער אויפרע־גונג האָט אים אָפּגענומען ס'לשון.

אַ קליינינקייט! נאָכן מוראדיקן בראָך, נאָך דער נאַצי־אָקופּאַציע, בעת די הערצער בלוטיקן נאָך — דער ערשטער ייִדישער ליטע־ראַרישער אָוונט אין אַן אַמאָליקן חשובן ייִדישן קולטור־צענטער.

אַן אָוונט ווי דרײַ, אַ בידנער רעשט פון אַ גאַנצער פּלעיאַדע שרײַבערס, טאַקע בלויז דרײַ זענען געקומען מיט זייער וואָרט צו דער שארית־הפליטה פון די ייִדן אין זייער הײַמשטאָט. ווידער אַ ייִדישער אָוונט אין אַ זאַל, ווו ס׳האָבן געקלונגען די שטימען פון מאָריס שוואַרץ און הערץ גראָסבאַרד, פון אידאַ קאַמינסקאַ, זיגמונט טורקאָוו און פון דער „הבימה״, פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און חיים־נחמן ביאַליק... האָבן טאַקע די אַלע וואָס האָבן זיך אײַנגעפונען הינטער די קוליסן, און פריִער אויך דער עולם אין זאַל, געפילט זיך ווי באַטייליקטע אין אַ באַנײַטער הייליקער עבודה, געפילט זיך ווי שותּפים צום נס פון ייִדישן קיום אויף צו להכעיס שׂונאי־ישׂראל פון אַלע צײַטן און אַלע מאָסטן.

אין מיטן פונעם געזעמל הינטער די קוליסן און אין צענטער פון אַלעמענס אינטערעס איז געשטאַנען דער אימפּולסיווער, מיט וויץ און שאַרפזין שפּרודלדיקער פּאָעט צאַליע זיוו — אַ נידעריקער, פּולבלעכער, מיט אַ גרויסן קאָפּ שיטערע, צוגעפּלעטשטע שוואַרצע האָר, מיט אַ קײַלעכיק, האַמטענעם פּנים פון אַן אַטלעט. ווי אַ מאָל אין אַזאַ סיטואַציע, האָט ער אויך איצט זיך געחכמעט אויפן חשבון פונעם אויפטריט פון זײַנע פען־חברים, אַרטיסטיש אימיטירט דעם אופן ווי יעדערער פון זיי האָט געלייענט זײַנע שאַפונגען, אימפּראָווויזירנדיק פּאַראָדייעס אויף די שאַפונגען גופא. ער האָט אויך ניט פאַרגעסן צו ווײַזן אין קרומען שפּיגל זיך אַליין.

מע האָט געלאַכט. אַ שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי, איינע פון די גאָר־גאָר ווייניק געבליבענע, פון די אַזוי גערופענע „ליטעראַרישע בײַלאַגעס״ וואָס האָבן זיך געדרייט אין דער אָרטיקער קינסטלער־באַהעמע, האָט דעמאָנסטראַטיוו אַ קוש געטאָן זיוון און געמאָלדן:

— ווען מע הערט אים לייענען זײַנע לידער, ווערט ער אַ קראַסאַוועץ, און מ׳קאָן זיך פאַרליבן אינעם דיכטער צאַליע זיוו.

— אַ קראַסאַוועץ? אין דער פינצטער אפשר — יאָ! — האָט זיוו אַרויסגעברומט זײַן כּעס אויף דער נאַטור וואָס האָט באַוואָלט זײַן אויסערלעכן אויסזען. — נאָר אויב זיך פאַרליבן, איז אין מינקעסן. ער איז וווקסיק, אַ טשופּרינע האָר, פלוימען־אויגן... אַ, ווען

גאָט שענקט מיר זײַן פּיזיאָנאָמיע. קאַזאַנאָוואַ וואָלט בײַ מיר די פּעטשערעס געהייצט. אַוודאי, ער איז שענער פון מיר, מענדל מינקעס, האָט בײַם עולם הײַנט אויסגענומען מער פון מיר. ער שרײַבט דאָך פון לעבן. זייגט ניט פון פינגער. אָבער טאַלאַנטירטער בין איך געווען און געבליבן. כ'קאָן שווערן...

— מינקעס, האַ, מינקעס, וואָס שווײַגט איר? — האָט עמעצער אַרײַנגעוואָרפן, און מע האָט זיך אַ קער געטאָן צום פּראָזע־שרײַבער מענדל מינקעס.

ניט קיין דרייסטער, אַ צוריקגעהאַלטענער שווײַגער, איז ער געשטאַנען אָפּגערוקט אַ ביסל אין אַ זײַט און קענטיק איז געווען, אַז עפּעס דריקט אים, לאָזט אים ניט אײַנשליסן זיך אינעם אַלגע־מיינעם האַרמידער און פּלאַפּלערײַ. וויינען האָט זיך אים געגלוסט, און ס'געוויין וואָלט געווען אַ באַגאַטעליזירונג פונעם געפיל און דעם נשמה־וויי. געבליבן זענען זיי בלויז דרײַ, די הײַנטיקע אַנטייל־נעמערס. און דערזען האָט ער גאָר בולט די אַלע אָרטיקע פעןּ־חברים, זײַנע נאָענטע גוטע־ברידער און די, מיט וועמען ער איז געווען פון דער ווײַטן. איצט ווייסט מען שוין — אַ טייל איז אומגע־קומען אינעם געווירבל, לויפנדיק פון די אָנגרײַפנדיקע דײַטשן, און פון די עטלעכע שרײַבערס וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן אין היטלערס הריגה־שטאָט, איז ער ס'איינציקע רעשטל. שטעלנדיק אין קאָן זײַן לעבן, האָט ער זיך אַרויסבאַקומען פון דער לעצטער כוואַליע פײַער־און־פלאַם, וואָס האָט פאַרשלונגען די לעצטע ייִדן אין געטאָ... די אַנדערע צוויי אַנטיילנעמערס פון אָוונט האָבן געהאַט מזל — זיי איז געראָטן צו אַנטרינען פון היטלערס אויסגעשטרעקטע נעגל. איינער האָט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי געשלאָגן דעם דײַטש, און צאַליע זיוו האָט העט ווײַט, אַזש אין די פּאַמירער בערג, אויפן דאַך פון דער וועלט, ווי זיי הייסן דאָרטן, געפונען אַ מקום־מיקלט ביז איבערן בלוט־מבול.

— נו, מינקעס, וואָס שווײַגט איר?

אָן אָרדנער וואָס ט'זיך באַוויזן און געבעטן דאָס געזעמל זיך רירן אַהיים, און דורכן זאַל, האָט פאַרשפּאָרט מינקעסן צו רעאַגירן.

איז ער ווײַטער געבליבן בײַ זײַנע שטימונגען און שווערן געמיט. גוט וואָס זײַן פֿרוי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און ביידע, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געלאָזט טאַקע דורכן זאַל, וואָס האָט נאָך אײַנגעהיט דעם וואַרעמען אָטעם פֿונעם גרויסן, וואַכעוודיק־האַרציקן עולם. און אָט איז מען שוין בײַם אַרויסגאַנג.

די צוויי — דער מיליטער־מאַן און דער ציווילער, וואָס זענען געזעסן אין דער לעצטער רײַ, האָבן זיך אויפֿגעהויבן און גלײַך צו מינקעסן.

— מ׳קאָן אײַך שטערן? אויף אַ מינוט, — האָט דער ציווילער זיך געווענדט צו אים אין ייִדיש.

זיי זענען אַרויס פֿון זאַל און אויפֿן וועג האָט דער זעלביקער קורץ אים אויפֿגעקלערט, אַז ער און זײַן חבֿר זענען געקומען הערן אַ ייִדיש וואָרט, זען לעבן געבליבענע ייִדן, און האָבן ניט קיין חרטה. פֿאַרקערט, ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז צו אים, צו מינ־סן, איז פֿאַראַן אַ גאַר וויכטיקער און דרינגענדיקער ענין. דער מיליטער־מאַן וואָלט וועלן מאָרגן פֿרי כאַפּן מיט אים אַ שמועס דערוועגן. ס׳אַ דרינגלעכער ענין. מחמת אָפּעראַטיווקייט וועט ער אים באַזוכן אין זײַן היים.

אויף פֿאַרן בראָך פֿלעגט מינקעס שווער אײַנשלאָפֿן נאָך אַ ליטעראַרישן אָוונט. ער פֿלעגט אים נאָך אַ מאָל איבערלעבן און שטענדיק געווען אומצופֿרידן פֿון זײַן אויפֿטריט. **דאָס** איז געווען ניט גוט באַטאָנט צי ניט דערזאָגט, **יענץ** — צעצויגן צי גאָר איבעריק און געדאַרפֿט האָט ער עס אַנדערש... דאָס מאָל האָט דער אײַנ־דרוק פֿון די פֿאַרלאָפֿענע עטלעכע שעה אים געהאַלטן אין אַ ווייטיק־ענדיקער קלעם.

זײַן פֿרוי האָט געפֿילט, אַז עפּעס טוט זיך מיט אים און חושד געווען:

— די צוויי דאָרטן פֿאַרן אַרויסגאַנג. וואָס האָבן זיי דיר דאָרטן...

האָט ער זי איבערגעהאַקט:

— זעסטו, דווקא אין זיי האָב איך פאַרגעסן. ווייסט, אַן אַלטע קרענק בײַ מיר: נאָך אַן אָוונט... די געדאַנקען פאַרלאַנגען בלײַבן מיט זיי, אַליין מיט זיי...

האָט אים די פרוי טאָקע געלאָזט אַליין מיט זיי, און ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן רוקן, פאַרגליווערט, די אויגן צוגע־מאַכט. פון דעסטוועגן האָט ער געזען, און נאָך שאַרפער געזען, ווײַל ער איז איצט געזעסן אין טונקעלן זאַל צווישן עולם און די בינע איז אָפּגעגאָסן געווען מיט שײַן...

אַ טײַערער ייִד, איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון די אַמאָליקע געטרײַע קולטור־טוערס, האָט דעם אָוונט געעפנט. מיט פשוטע, מיט געדעמפּטע ווערטער, צוגעשטיקטע פון טרערן, האָט ער דערמאָנט דעם לעצטן נאַציאָנאַלן חורבן פון ייִדישן פאָלק און פעסטגעשטעלט דעם פאַקט פון זײַן אויפשטיין פונעם אַש. דער יונגער פּראָזאַיִקער ראובן גוטגאָלד, אַן אָנטיילנעמער פון דער מלחמה קעגן די נאַציס, נאָך אין זײַן אָפּגעבליאַקעוועטן סאָלדאַטסקן הילוך, נאָר אָן די עפּאָלעטן, האָט פאַרגעלייענט עטלעכע פּלאַסטיש באַשריבענע קאַמף־עפּיזאָדן, און דער עולם האָט געשמאַק אַפּלאָ־דירט ייִדישער גבורה.

דערנאָך — דער פּאָעט צאַליע זיוו, דער אָנערקענטער ראָש פון די היגע ייִדישע פּענמענטשן. מיט עמאָציע האָט ער פאַרגע־לייענט אַ גרויסן לידער־ציקל. ממש אַ לאַווינע קאָסמישע שיינ־קייט — די נאַכט האָט געלעבט מיט סוד און באַשייד פונעם הווי. די שטערן האָבן געאָטעמט מיט דראַמאַטישער דערהויבנקייט. און איבער אַלץ — אַ וויזיע, אָנגעזעטיקט מיט דער אייביקער גלאָריע פון זון, ליכט, בליִ, מענטש און וועלט, אויסגעלייזטע פון חושך און רישעות. האָט אויך די אַקטועלע ייִדישע טראַגעדיע אָנגענומען בײַ אים אַ קאָסמישע אויסמעסטונג און פאַרמעקט די ווילד טריומפירנ־דיקע העסלעכקייט פונעם בן־אָדם, וואָס האָט אָקערשט באַוועלטיקט דאָס לעבן. און אויב אַפילו ניט אַלץ איז דערגאַנגען צו די צוהע־רערס, האָט זיוו זיי מיטגעריסן מיט דער שיינקייט פון שפּראַך, בילד און מיט זײַן טעמפּעראַמענט. מ׳האָט געפילט, ווי דער עולם, אַז

אויפגערודערט־דערהויבענער, כאַפּט אָפּ ס׳פאַרביטערט־פאַרקלעמ־טע האַרץ.

און דאָ האָט ער, מענדל מינקעס, געדאַרפט קומען צום זעל־ביקן עולם מיט אַ כמאַרנער דערציילונג פון געטאָ. אַראָפּשלעפּן אים פון עולמות־עליונים אין אַ יאָמערטאָל, ווו דער מענטש און אַל דאָס מענטשלעכע איז צעטראָטן און צו נישט געמאַכט... צו וואָס האָט מען אים געלאָזט פאַרענדיקן דעם אָוונט? אַלץ דער נאַרישער סדר „לויטן אַלף־בית״, ס׳זאָלן קיין טענות און פאַראיבלס ניט זײַן...

ער איז שוין געשטאַנען בײַם רעדנערפּולט, אָוועקגעלייגט אויף אים דעם כּתב־יד, אָבער קיין זאַך ניט געזען, בלויז געפילט, אַז ער טרינקט זיך אין אַ שפּע ליכט. ווי קערט מען זיך אום צו חשכות, צו דער ליקוי־חמה פון דער וועלט? אַ בראַכטייל פון אַ רגע האָט אים אָפּגעווענדט פון פּולט. באַפרײַט פון פּענטעס, האָט ער אָנגע־הויבן מיט אַ התנצלות אַזאַ און אַרויסגעבראַכט עטלעכע מחשבות, אפשר ניט קיין שטאַרק אָריגינעלע, נאָר געמוזט האָט ער זיי דעקלאַ־רירן. אויפן קול האָט ער דערמאָנט זיך און אַלעמען, אַז געדענקען איז דער חוב פונעם מענטש, ווײַל געדענקען באַטײַט — לעבן. און ניט סתּם לעבן. געדענקען באַטײַט ראַטעווען דעם מענטש און דאָס מענטשלעכע לעבן אויף דער ערד. דעריבער איז דער חוב פונעם שרײַבער צו דערמאָנען, אַרײַנמישן זיך אין לעבן. ס׳איז אַ הייליקע מיסיע. אַ ניצול־געוואָרענער פון היטלערס קאַלכאויוון מוז דערציילן, און די וועלט איז מחויב צו הערן... און נאָך האָט ער, אַן אַרײַנגע־פאַלענער אין אַ טראַנס, הייס, מיט עמאָציע עפּעס געזאָגט. וואָס האָט ער געזאָגט? ווער געדענקט עס. דערנאָך געלייענט, און דער עולם האָט הייס און האַרציק רעאַגירט.

זיוו האָט ניט געקאָנט באַהערשן זײַן טעמפּעראַמענט, ניט גע־קאָנט צוימען דעם אויסבראָך פון געקרענקטן עגאָ, וואָס די קינאת־סופרים האָט אונטערגעהעצט. שוין בײַם אַראָפּגיין פון דער בינע איז ער באַפאַלן מינקעסן:

— אַ העזה! ממש הפקרות! אַז מ׳איז דער לעצטער... ניט

געווען אָפּגערעדט, אַז מע מאַכט הקדמות. יעדערער האָט עס געקאָנט און נושא־חן זײַן בײַם עולם...

אויפֿן גאַנצן וועג צום צימער הינטער די קוליסן האָט ער אַלץ ניט אויפֿגעהערט, אַז ניט דורך דעקלאַראַציעס פּאַרזיכערט מען די אָנערקענונג פֿון אַ קינסטלערישער יצירה. אירע קינסטלערישע מעלות, איר געדאַנקלעכע אָנלאָדונג און בלויז זיי דעצידירן. ערשט דעמאָלט קאָן מען רעדן וועגן שרײַבערישער שליחות, וועגן עפּעס בלײַבנדיקס, ווירקעוודיקס...

אַוודאי. מינקעס איז אַבסאָלוט מסכּים צו דעם. אָבער זיוו האָט נאָך אַלץ געשווימט:

— און לאָזן דאַרף מען צו רו דעם אַזוי גערופֿענעם אַרײַנמיש אין לעבן. קונסט איז פֿיקציע. דעריבער האָט קינסטלערישע ליטע־ראַטור אַ לעגיטימע עקסיסטענץ, דעריבער איז זי אַ העכערע קאַטע־גאָריע, שטייט העכער איבערן באַנאַלן באַגריף „לעבן".

וואָס טוט מען אָבער, אַז דאָס באַנאַלע לעבן מישט זיך אַרײַן סײַ אין דײַן שרײַבן, סײַ אינעם סדר־היום פֿון דײַן אַלטאָג? למשל, די צוויי וואָס האָבן אים, מינקעסן, אָפּגעוואַרט. דער מיליטער־מאַן האָט געבעטן מאָרגן פֿרי אים שענקען אַ ביסל צײַט. אפשר אַן אָנהייבער מיט אַ כּתב־יד אויף מבֿינות. נאָר, ניין. ווי קומט אַ רוסיש־שרײַבער צו איינעם וואָס שרײַבט ייִדיש? און אפשר איז ער אַ מיליטערישער זשורנאַליסט וואָס וויל אַרויספּאָרן מיט אַ חיבור וועגן היטלערס מעשים־טובֿים אין זייער שטאָט דאָ און ס׳פֿעלן אים פּרטים, צי קאָנטראָלירן באַקומענע אינפֿאָרמאַציע איז ער אויסן. און אפשר זוכט ער ידיעות וועגן קרובֿים, אַרײַנגעפֿאַלענע אין געטאָ. מע ווענדט זיך אָפּט צו אים, צו מינקעסן, מיט ענלעכע ענינים...

ער האָט ניט באַנומען, צי ער איז געשלאָפֿן פֿאַר דעם, ווי דאָס גלעקל בײַם אַרײַנגאַנג האָט זיך אַרײַנגעדרעלעוועט אין זײַנע אויערן און אים אַ הייב געטאָן פֿון געלעגער. די פֿרוי זײַנע איז שוין געווען אַוועק צו דער אַרבעט, האָט ער האַסטיק אַרויפֿגעוואָרפֿן

אויף זיך אַ בגד און מיט אַ שווערן קאָפּ און אַ געזשום אין די שלייפן אַוועק עפּענען.

ס'איז געווען דער נעבעכדיקער מיליטער־מאַן. אויף אַ געבראָכן ייִדיש האָט ער געבעטן אים טויזנטער מאָל מוחל זײַן, וואָס ער איז אפשר צו פרי געקומען, כאָטש דער זייגער איז שוין אַרום צען.

— בײַ שרײַבערס איז עס צען באַגינען, — האָט מינקעס זיך אַ ווייצל געטאָן. — מיר זענען ווי די נאַכט־פלאַטערלעך. און אַז מע פלאַטערט בײַ נאַכט, שלאָפט מען טיף אין טאָג אַרײַן. כ'בין צו אײַער דינסט.

מ'האָט זיך אַנידערגעזעצט, און דער געקומענער האָט אָנגעהויבן אויף רוסיש:

— איך בין פון דער מיליטערישער פּראָקוראַטור. מײַן גוטער־פרײַנד האָט מיך נעבעכן פאַרפירט צו אײַער אָוונט. איך קען, ווי איר, זעט שוואַך ייִדיש, נאָר מיר דאַכט, אַז כ'האָב ניט פאַרתּכלעוועט אומזיסט די צײַט. כ'האָב אײַך געהערט. איר האָט דורכגעמאַכט די היגע געטאָ. איז אָט אַזאַ ענין...

דער ענין איז געווען, אַז די טעג עפנט זיך אין שטאָט אַ מישפּט איבער עטלעכע צענדליק אָרטיקע נאַצי־משרתים, וואָס האָבן צו לעצט געדינט אין אַן עסעס־טייל און אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. איז נייטיק פעסטצושטעלן יעדערנס קאָנקרעטע שולד און, ווערדליך דעם, מישפּטן. אַנדערע פון זיי טענהן, אַז זיי האָבן בלויז „קאָנוואָירט" ייִדן... איז נייטיק, אַז אַזאַ ווי ער, מינקעס, זאָל קומען עדות זאָגן.

האָט מינקעס זיך גענומען קווענקלען: וואָס קאָן ער שוין עדות זאָגן? איבעריקער כלאָפּאָט פאַר זיי און פאַר אים. ער איז אין גאַנצן איין שטיק שפּאַנונג, האָט קיין כּוח ניט. און קיין צײַט ניט. וויל זיך ניט מישן...

איז דער מיליטער־מאַן אַרויס אין אַ קאָנטעראַטאַקע: דער בירגער מינקעס איז איצט סותר דעם שרײַבער מינקעס, וואָס האַלט, אַז ליטעראַטור מוז אָפּשפּיגלען דאָס לעבן. ס'איז אַ בירגער־חוב

אויפצושטעלן דעם אמת און די גערעכטיקייט. אָט, אַן אויפפּאַדע־רונג צו קומען צום מישפּט איז פאַר אים אויסגעשטעלט.

און אַז ער איז געבליבן אַליין און געקוקט, געקוקט אויפן ווײַסן בלעטל, וואָס דער מיליטער־מאַן האָט איבערגעלאָזן, איז מענדל מינקעס געקומען צום אויספּיר: ס'איז נאָך אַ קליינער בײַשפּיל, ווי דאָס לעבן מישט זיך אַרײַן אין לעבן און לאָזט ניט לעבן.

מ'האָט אויסגערופן זײַן נאָמען און פאַמיליע. ער איז אַרײַן אין גערעכטזאַל און בײַם סעקרעטאַר־טישל אונטערגעשריבן אַ התחײַבות צו זאָגן דעם אמת און נאָר דעם אמת. אויך אונטערגעשריבן, אַז מ'האָט אים געוואָרנט: פאַרן פאַלש עדות־זאָגן קומט דרײַ יאָר תּפיסה.

— איר דערקענט עמעצן פון די אַ? — האָט טרוקן געפרעגט דער פאָרזיצער, אַ מיליטער־מאַן פון אַ העכערן ראַנג, אָנווײַזנדיק אויף אַ כאָפּטע מענער אין אָפּגעהומרטע נאַציש־מיליטערישע מונ־דירן, אויף וועלכע די אַראָפּגענומענע עפּאָלעטן און די כלערליי אָפּצייכנס האָבן איבערגעלאָזן אָפּדרוקן אויפן אַמאָליקן קאָליר פונעם שטאָף. אַלעמענס פּנימער — אויסגעבלייכט, פריש געראַ־זירט. די האָר בכּוונה אָפּגעשאָרן — ווי אין די „אַלטע גוטע צײַטן" זייערע...

— איר דערקענט עמעצן?

מינקעס האָט פּאַמעלעך גענומען גיין מיט די אויגן איבער די פּנימער פון די אָנגעקלאָגטע. געזעסן זענען זיי אין דרײַ רייען, איינע הינטער דער אַנדערער אויף העכערונגען. די פּנימער געווענדט צו דער זון, וואָס האָט דורך גרויסע, פאַרקראַטעוועטע פענצטער ניט געזשאַלעוועט אָפּצוגיסן זיי מיט איר שײַן. ער איז געגאַנגען, מינקעס, מיט די אויגן, און אין האַרץ האָט געטיאָכקעט אַ באַגער ניט צו דאַרפן דערקענען קיינעם... געגאַנגען פון רעכטס אויף לינקס, אָנגעהויבן פון דער ערשטער ריי, אַרויף צו דער צווייטער — פון לינקס אויף רעכטס, דערגאַנגען כּמעט ביזן סוף און זיך פאַרהאַלטן. אַ קענטלעך פּנים... אָ, צי דען? אַוודאי, אַ שטאַרק קענטלעך פּנים.

אַ פּאָר העלע אויגן האָבן אָנגעשפּאַנט געציטערט און ווי געפּרעגט מינקעסן, פּאַר וואָס האָט ער זיך פּאַרהאַלטן אויף אים. צי ווייסט ער ניט, אַז דאָס קאָן שמעקן מיט טויט. טויט פון אַ מענטש! אויך מינקעס האָט זיך דערשראָקן. און טיפער האָט ער אין דער אַ רגע פאַרשטאַנען די איבערלעבונג פון אַ פּאַרטיזאַנקע פון געטאָ, וואָס האָט אים דערציילט, אַז בעתן באַפרײַען די שטאָט האָבן זיי געכאַפּט אין אַ טויער אַן אויסגעבאַהאַלטענעם דײַטש. שפּירנדיק אַז ס׳איז זײַן סוף, האָט דער דײַטש גענומען בעטן רחמים: ער האָט אַ פרוי מיט קינדער... די דײַטשן האָבן אומגעבראַכט איר גאַנצע משפּחה, און געלעכצט האָט זי נקמה צו נעמען. און אָט, צום ערשטן מאָל האָט זי געהאַט אַ געלעגנהייט מיט די אייגענע הענט צו שטילן דעם דאָזיקן דאָרשט אירן, און איז אַנטלאָפן... וועט ער, מינקעס, קאָנען?..

— אַלבינאָס? — האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם, אויף וועלכן זײַנע אויגן האָבן זיך פאַרהאַלטן.

דער פּאַרזיצער האָט זיך אײַנגעקוקט אויפן קענטיקן נומער, אָנגעהאַנגען איבער דער ברוסט פונעם אָנגעקלאָגטן, אַרײַנגעקוקט אין אַ פּאַפּיר וואָס איז געלעגן פאַר אים, און פעסטגעשטעלט:

— שטימט. אַלבינאָס. פון וואַנען נעמט איר עס?

האָט מינקעס דערציילט: געטאָ, צוואַנגאַרבעט, קאָנוואָיִרן. דער אַ אַלבינאָס, ווי ס׳האָבן אים גערופן זײַנע קאָלעגעס...

— ווי לאַנג זענט איר געווען פאַרשפּאַרט? — האָט געוואָלט וויסן דער פּאַרזיצער.

— קנאַפּע דרײַ יאָר.

— האָבן זיך געביטן די קאָנוואָיִרן אין משך פון דער צײַט? — איז געקומען אַ נײַע פראַגע צו מינקעסן.

— אַוודאי.

— טאָ ווי אַזוי, ווי פאַרגעדענקט מען אַ נאָמען? — האָט דער פּאַרזיצער ניט נאָכגעלאָזן.

— געווען אַ סיבה, — האָט געענטפערט מינקעס און אויפגע־דעקט זי.

פאַר דער מלחמה האָט ער אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג, און איינער פון איר פּערסאָנאַזש — אַ פּויער, אַלבינאָס, אַ ריינע נשמה, אַ גוטער שכן פון אַ יידישן יישובניק. אין דער לופט פּילט מען דעם אָנקום פון שטורעם. גיט אַלבינאָס דעם יישובניק אַ צוזאָג, אַז טאָמער היטלער באַפאַלט, וועט ער באַשיצן, באַהאַלטן זיין משפּחה... ביי די לייענערס האָט די דערציילונג אויסגענומען, די קריטיק האָט זי געלויבט... דערהערט דעם זעלביקן נאָמען ביי אַ נאַצי־משרת, האָט עס ווי געטאָן, אַרויסגערופן נאָכטראַכטענישן: ווער פון אָט די צוויי אַלבינאָסן איז דער אויטענטישער פאַרשטייער פון זיין פאָלק? פאַרגעדענקט מען...

— און דאָס איז אַלץ? — האָט זיך אַריינגעמישט דער פּראָ־קוראָר. — לייגט אַרויס אַלץ וואָס איר ווייסט וועגן אָנגעקלאָגטן. פאַרשטייט זיך, בלויז דעם אמת.

ניט געבליבן קיין צייט פאַר אַ קאָנפליקט מיטן חשש, אַז ער, מינקעס, קאָן צולייגן אַ האַנט צו אַ טויטאורטייל. די גערעכטיקייט האָט געפאָדערט אויפדעקן דעם אמת, ווי האַרב ער זאָל ניט זיין.

און געווען איז דער דאָזיקער אמת אַזאַ: אין איינעם אַ שיינעם ערב־פּסח־פאַרנאַכט, בעת מע האָט די קאָלאָנע יידן מיט מינקעסן צוריקגעבראַכט פון דער צוואַנגאַרבעט, האָט דער הויפּט פון דער וואַך ביים געטאָ־טויער געמאָלדן, אַז לכּבוד דעם „פייערטאָג" וועט מען ניט קאָנטראָלירן קיינעם. זאָלן די יידעלעך פריי אַריינטראָגן אַלץ וואָס זיי האָבן אָנגעשאַכער־מאַכערט אין שטאָט, און אין פולער אָרדענונג, צו פיר אין אַ ריי, אַריינמאַרשירן אין געטאָ און בלייבן געאָרדנט שטיין אויפן זאַמלפּלאַץ ביים טויער. בעת די קאָלאָנע איז געשטאַנען פאַרגליווערט אויפן פּלאַץ, אירע עטלעכע קאָנוואָירן — מיט ביקסן אין שלאַכטגרייטקייט, האָט דער נאַצי הילכיק צו וויסן געגעבן, אַז איצט באַקומען די יידן „אָסטער־אייער", ווי ס'געהער זיך — געפאַרבענע אייער צו פּאַסכע, און גענומען ממיתן מיט זיין גומי־פּלעקל איבער די קעפּ פון יעדן איינעם. געממיתט מיט אַ סדר, איינעם נאָכן אַנדערן לויט דער ריי — צו

דרײַ „אייער". אַ בחורל האָט זיך אָפּגעריסן פֿון אָרט און גענומען לויפֿן. דער דײַטש האָט אים באַלד אָנגעיאָגט מיט אַן אַרויסגעכאַפּטן פּיסטאָלעט. איז דאָס בחורל געפֿאַלן פֿאַר אים אויף די קני. מיט צונויפֿגעלייגטע דלאָניעס צום געבעט געקליאַנטשעט „גנאַדע" בײַם „גנעדיקן הער". דער דײַטש האָט איין מאָל, נאָך אַ מאָל אָפּ־געקוועטשט דאָס צינגל פֿונעם פּיסטאָלעט. און יעדן מאָל האָט דאָס כּלי־משחית בלויז טרוקן אַ קנאַק געטאָן. איז דאָס בחורל אויפֿגעשפּרונגען און געלאָזט זיך פֿײַל פֿון בויגן... האָט אַלבינאָס, טאַקע דער אַ אַלבינאָס, אָנגעצילט זײַן ביקס אויפֿן אַנטלויפֿנדיקן. איין שאָס, און דאָס בחורל איז געפֿאַלן אַ טויטער. די פּאַרטײַעטע קאָלאָנע ייִדן איז ווי אויפֿגעריסן געוואָרן און צעשאָטן זיך אין אַלע זײַטן. ניט געהאָלפֿן האָבן די געשרייען פֿונעם צעווילדעוועטן נאַצישן שׂררה צו בלײַבן שטיין, אויפֿשטעלן אויף ס'נײַ די אָרדענונג. און ווײַל מ'האָט אים ניט געפֿאָלגט, האָבן די קאָנוואָירן געשאָסן אין די „אָרדענונג־שטערערס". זיבן דערהרגעט...

— מיך, ווי איר זעט, האָבן די קוילן אויסגעמיטן... — האָט מינקעס פֿאַרענדיקט, פֿאַרמאַכט די אויגן, און שווער איז אַראָפּגע־זונקען זײַן קאָפּ.

אויך ער האָט זיך געפֿילט ווי אַן אָפּגעמישפּטער.

דער העלער זומערטאָג האָט זיך געצויגן מוראדיק לאַנג און אויסגענאָגט דעם מאַרך פֿון די ביינער. קוים זיך דערוואַרט אויפֿן זונפֿאַרגאַנג. וואָס טוט מען מיטן אָוונט? און ווי דעם גאַנצן טאָג — ניט עס הייבט די האַנט צו עפֿענען אַ בור, אַרײַננעמען די פּען. מינקעס האָט געפֿילט, אַז עס שטייט אים פֿאַר אַ וואַכנאַכט, אויב ער וועט ניט אויסלאָדן די איבערלעבונג פֿונעם מישפּט פֿאַר נאָך עמעצן, אויסער זײַן פֿרוי. האָט ער גאָר אויפֿגעזוכט זײַן קאָלעגע, דעם פּאָעט צאַליע זיוו.

אויסהערנדיק מינקעסן, האָט יענער, ווי זײַן טבע, בייזלעך־שאַרף דערלאַנגט אַ קוק אויף אים און מיט קוראַזש געפּסקנט:

— איינס נול פֿאַר דיר! טאַקע דער אמת פֿון לעבן, טאַקע דער

אַרײַנמיש אין לעבן, טאַקע פֿאַרברעכן און שטראָף, גערעכטיקייט. און ס'איז טאַקע ווי שעקספּירס האַמלעט זאָגט אין מײַן איבער־זעצונג: „מעג רישעות אין דר'ערד זיך פֿאַרשטעקן, ס'וועט סײַ ווי אַליין זיך אַנטפּלעקן!" אָבער איך, פֿון מײַנע פּאָעטישע פּאָזיציעס וועל איך סײַ ווי ניט אָפּטרעטן.

# ס׳געוויין הינטער דער שטומער טיר

געשטומט האָט שטענדיק די מיט כמאַרנעם ברוין באַדעקטע אַרײַנ־גאַנג־טיר צו די שכנים אַנטקעגן איבער גיטלס ווינקאַמער.

און אַז הינטער אַט דער טיר ליגט אַ שטומעניש, צונויפגעקנוילט און אַנגעדראַלן ביז צום פּלאַצן, האָט גיטל שטענדיק געפילט.

און געפּלאַצט האָט דאָס שטומעניש אין איינעם אַ זוניקן נאָכמיטאָג.

האָט עס גיטלען אַרויסגעטראָגן פון איר קאַמער צו די טרעפּ און געבליבן איז זי שטיין פּנים־אל־פּנים מיט דער שטענדיק שטומער טיר, וואָס אַ געוויין־אַנפאַל האָט זי איצט צעוועקט — אַ הויך אויסגעצויגענע יללה פון אַ פרויען־קול, באַגלייט פון אַ דומפּ געכליפּ פון אַ מאַנצביל.

און פון אונטן, דורכן אָפענעם אַרײַנגאַנג צו די טרעפּ, האָט איבער די שטיגן זיך געקוילערט אַרויף צו און דערהויבן זיך אַזש צום דאַכגאָרן, ווו גיטל איז געשטאַנען, דאָס וויל־באַקאַנטע ליד „הבאנו שלום עליכם״. קינדערשע קולכלער האָבן דאָס ליד געזונ־גען, האָפערדיק אונטערגעהאַלטן פון אַ געמיש פרויען־ און מענער־שטימען. דאָס געזאַנג האָט ווי געגערט און געשטאַרקט דאָס געוויין הינטער דער ברוינער טיר.

בלויז צוויי מאָל האָט גיטל געהאַט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער טיר, וואָס האָט אויפגעוואַכט פון דער שטומעניש.

ס׳ערשטע מאָל —

פאַמעלעך געוועגן אַרויף די שטיגן, אַרויסגענומען איר טיר־שליסל. האָט אָפּגעהאַלטן גיטלס האַנט אַ פּראַגע אויף אַ פּויליש אַקצענטירטן יידיש:

— איר זענט עס די נײַע עולה?

גיטל האָט זיך אַ קער געטאָן צו אַן אײַנגעשרומפּענער פרוי אין שוואַרץ פון קאָפּ ביז פוס. איר גרוי מרה־שחורה־פּנים, פון אונטער אַ שוואַרץ טיכל אַרויס, האָט קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן ווײַטער געפרעגט:

— איר ט׳מיך פאַרשטאַנען? ייִדיש?

— ווי דען? כ׳קום פון ווילנע.

— הייסט עס, שכנים. קומט אַרײַן, כ׳בעט אײַך. שכנים...

אַלץ האָט געגליווערט אינעם גערוימען צימער, אינעם סאַלאָן, ווי מע רופט עס דאָ, — די באַשיידענע מעבלשטיקער, איטלעך אויף זײַן געהעריק אָרט; דער עלטערער מאַנצביל מיטן גאָלן קאָפּ, פאַרזונקען אין אַ מאַסיוון פאָטערשטול לעבן פונאַנדערגערוקטע זשאַלוזיעס פון אַ באַלקאָן — מרפּסת, אין היגן לשון. דורך דער געשאַפענער עפענונג האָט אַ שטיק בלויע לויטערקייט אַרײַנגעווייעט וואַרעמע אָפּפרישונג, וואָס האָט אָבער ניט אַרויסגעבראַכט דאָ קיין זאַך פונעם גליווער־קלעמעניש, ניט אָפּגעטײַעט דעם טעמפּן בליק פונעם מאַנצבילס אויסגעפּוקלטע אויגן, וואָס זענען צוגעפרוירן געוואָרן צו גיטלען.

דער בעל־הביתטעס בקשה זיך זעצן, אָנווײַזנדיק אַ נידעריקן פאָטעלעכל לעבן אַ נידעריקן סאַלאָנטישל, האָט גיטלען אויסגעלייזט פון דער קלעם, אין וועלכן ס׳האָבן זי געהאַלטן די פאַרגליווערט־טעמפּע אויגן פונעם מאַנצביל.

אויף דער בעל־הביתטעס פראַגע, צי זי וועט טרינקען טיי אָדער קאַווע, האָט גיטל דערקלערט, מע זאָל זיך ניט באַמיִען. זי וועט זיצן אַ רגע, שמועסן. זי האָט עפּעס צו טאָן בײַ זיך.

איז געקומען דער בעל־הביתטעס שאלה, ווי האָט זי זיך אײַנגעאָרדנט אין דער ענגשאַפט פון דער קאַמער מיטן קיכל — אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן — און די שרותים, ס׳הייסט, די באַקוועמלעכקייטן, אין אַ שפּאַרע אונטערן געבראָכענעם סופיט, ווערדליק דעם שיפּוע פונעם דאַכלקעס־דאַך. האָט גיטל געענטפערט, אַז איר, אַן עלטערער עלנטער פרוי, קומט ניט מער, ווי מע האָט איר צוגעטיילט. ניט געזוכט און ניט געוואַרט אויף קיין גליקן. נאָר אַלץ וואָס

מע האָט איבערגעלעבט, האָבן רעשטלער פון אַ יוגנט־חלום געצויגן, געצויגן אַהער, צו ייִדן אין אַן אייגענער היים. געצויגן אויסצוגעפינען צווישן ייִדן דאָס געגוג ביטערע לעבן. אָנגעקומען האַרט נאָך דער יום־כּיפּור־מלחמה. אַ לאַנד אין צרות. איז אַ דאַנק דערפֿאַר וואָס מע האָט צוגעטיילט. עס זאָל נאָר זײַן שלום אויף דער וועלט.

אַ קרעכץ האָט אַדורכגעריסן דער בעל־הביתטעס צוגעשטשע־מעטע ליפּן. זי האָט זיך געהאַט צוגעזעצט צום סאַלאָנטישל. אַפּגע־דעקט איר קאָפּ זילבערהאָר. איצט איז איר מסוכּן בלייך, פאַרליטן פּנים אַרײַנגעפאַלן אין די דלאָניעס פון אירע הענט, אָנגעשפּאַרטע מיט די עלנבויגנס אינעם טיש.

פון דער מרפּסת האָט זיך דערטראָגן אַ צעקרישלט ווייגעברום פונעם מאַנצביל. גיטל האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו אים. פאַרבײַ מיט די אויגן דעם טעלעוויזאָר מיט אַ פאַרהאַנגענעם עקראַן, און דערזען האָט זי איבער אַ קרעדענץ אַ בילד פון אַ שמייכלענדיק בחורל אין אַן אוניפאָרעם פון דער ישׂראל־אַרמיי. דאָס בילד — אין אַ דיקער, שוואַרצער רעם. אַ ברענענדיק יזכּור־ליכט — אונטער אים. דערזען און געבליבן קוקן, קוקן אויפן בחורל.

די בעל־הביתטע האָט עס באַמערקט.

— ס'איז אונדזער דובעלע, — האָט זי קוים אַרויסגעמורמלט, מחמת אַ גאַרטל האָט איר האַלדז אַרומגעכאַפּט און מוראדיק שטאַרק זיך צונויפגעצויגן.

און אַז דער גאַרטל האָט אַ ביסל אָפּגעלאָזט, איז די פרוי מסוגל געווען שטיל, שטיל, מיט איבעררײַסן, אַרויסצוברענגען, אַז זייער איינציקער אָפּשפּראָץ אויף דער עלטער; נאָך אַלע אַנטלויפענישן פונעם דײַטש, נאָך אַלע וואָגלענישן, אַזש ביז סיביר; נאָכן קומען אַהער איבער פּוילן און דײַטשלאַנד — האָבן זיי סוף־כּל־סוף זיך דערוואַרט אויף דובעלען. אַ טײַער קינד געווען. נאָך דער מיטלשול אַוועק דינען. געענדיקט, אָנגעקומען שטודירן אויף דאָקטער. אַ כּלה שוין געהאַט. געפּלאַנעוועט די חתונה. און פּלוצעם — די יום־כּיפּור־מלחמה. מ'האָט אים גערופן צום מיליטער. ווי אַ בן־יחיד — צו אַ לײַכטן דינסט. איז ער פרײַוויליק אַוועק גלײַך אין פײַער...

דובעלע — געווען אַ נאָמען נאָך איר טאַטן — בער, בערל — און אויס, ניטאָ... די מלחמה האָט דערהרגעט אויך דובעלעס טאַטן. אַט זיצט ער אויף דער מרפּסת, אַן אָפּגעמישפּטער. ס׳עגמת־נפש האָט אָפּגענומען די רעכטע זײַט, דאָס לשון... אוי, אוי, דובעלע...

— איך האָב אויך געהאַט אַ בערעלע... — האָט זיך אַרויס־געכאַפּט בײַ גיטלען. — זעט, אַ צופאַל! און, און האָט ניט קיין פּאַראיבל...

ניט קענענדיק אויסרעדן מער קיין וואָרט, איז זי אַוועק וויינען צו זיך אין קאַמער.

און ס׳צווייטע מאָל —

ווידער האָבן ביידע פּרויען זיך געטראָפן אויף די טרעפּ בעתן אומקערן זיך פון גאַס. און ווידער האָט די שכנה פון אַנטקעגן איבער, נאָך אַלץ אין שוואַרץ, פאַרבעטן גיטלען אַרײַנקומען צו זיי.

און נאָך האָט דאָ אַלץ געגליווערט אינעם סאַלאָן. אַ קאַלטער גליווער, כאָטש וואַרעם איז געווען אין דרויסן, הייס. אונטערן בילד פונעם שמייכלענדיקן בחורל אין בגדים פון דער ישׂראל־אַרמיי, האָט אַלץ געברענט אַ יאָרצײַט־ליכט, און דער עקראַן פון טעלע־וויזאָר איז נאָך אַלץ געווען פאַרהאַנגען מיט אַ טונקעלער טוך, עס זאָל קיין קלאַנג, קיין בילד פון אים זיך ניט דערוועגן אַרויס צו שפּראַצן. אויף דער מאַנצביל מיטן גאָלען קאָפּ איז געזעסן אויף זײַן אָרט, אויף דער מרפּסת, און אַרויפגעלאָזט פון דאָרטן זײַן אויסגע־לאָשענעם בליק אויף גיטלען, ווי נאָר זי האָט די שוועל איבער־געטראָטן. דאָס מאָל איז אין זײַן קאַלטן בליק געווען אַ צומיש פון רחמנות.

גיטל האָט דאָס מאָל געמוזט אײַנשטימען עפּעס צו טרינקען. טיי, קאַווע?

— זאָל זײַן טיי.

צום טיי האָט די בעל־הביתטע געשטעלט פאַסטנע פּלעצלעך — קרעקערס, ווי זיי הייסן דאָ — און זיך פאַרענטפערט: זינט ס׳אומ־גליק קומען אין זייער שטוב ניט אַרײַן קיין געבעקסן, קיין אײַנגע־מאַכטס, קיין צוקערלעך, קיין שאָקאָלאַד. דובעלע האָט דאָס אַלץ

שטאַרק ליב געהאַט. אַ נאַשער געווען. באַקט זי גאַרנישט, קויפט ניט... אויס מיט די הנאָות פון לעבן!

— טרינקט, עסט, כ׳בעט אײַך.

גיטל האָט איר צו ליב געטאָן. פאַמעלער אויפגעגעסן אַ קרע־קערל, פאַרטרינקענדיק מיט דער לעבלעכער טיי.

די שכנה האָט געוואָלט וויסן, ווי סע גייט איר, גיטלען, און געווען צופרידן צו הערן, אַז זי קומט טאַקע איצט פון דער אַרבעט אין אַ קאַנטאָר. פאַרנעמט זיך דאָרטן מיטן ברענגען די פּאָסט, מיטן פונאַנדערשיקן די קאָרעספּאָנדענץ. אויף דעם סטײַעט איר עברית, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט. פאַרנומען איז זי אַ האַלבן טאָג.

— אַ האַלבן טאָג. ווער אײַך סטײַען ס׳געצאָלטס?

— איר ווייסט, מײַנע אַפּעטיטן זײַנען גאָר־גאָר קליינע.

— אַזוי אויך אונדזערע, — האָט די בעל־הביתטע געשאָקלט מיטן קאָפּ. און ווי זיך דערמאָנט: — איר ט׳אַנומלטן געזאָגט, איר ט׳אויך געהאַט אַ בערעלע.

— יע, יע, יע. אַוודאי. פיר יאָר מיט אַכט חדשים אַלט... דאָ וואָלט ער מסתמא אויך געהייסן דובעלע...

אַ ווייטיק, אַ גוט באַקאַנטער ווייטיק האָט אַדורכגעשטאָכן גיטלס האַרץ. לויטן שכל האָט ער שוין לאַנג געדאַרפט צווינגען דאָס האַרץ ס׳זאָל פּלאַצן. און ניין! אויף צו־להכעיס! אין די אויגן האָט אַלץ זיך געטאָפּלט, ביז אַ חלשות־פינצטערניש האָט זיי באַוועל־טיקט. גיטל האָט אין דער פינצטער דערטאַפּט אין איר טאַש אַ טאַבלעטקע, אַרײַנגענומען זי אונטער דער צונג. די רפואה האָט געטאָן דאָס איריקע.

— ווי איר זעט, דאָס האַרץ מאַכט מיאוסע שטיק. און האַלט אויס, — האָט גיטל שולדיק אַ שמייכל געטאָן.

— אַזוי אויך בײַ אונדז. בײַ מײַן מאַן האָט עס אין קאָפּ ניט אויסגעהאַלטן, אַן אַדער געפּלאַצט.

פון דער מרפסת האָט זיך דערטראָגן אַ כריפּלער קרעכץ, אַרויסגעשטויסן ווי פון אַ בלאַזזאַק. די פרוי אין שוואַרצן בײַם טישל האָט ווי געהאַלטן אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן וויי און

טרויער פון דער וועלט. ניט איבערגעלאָזט מער פאַר קיינעם. האָט עס גיטלען פאַרדראָסן: וואָס ווייסט זי, די אַ פרוי? ווען זי, דער מאַן אירער, וועןביידע ווייסן...

זי פלעגט מורא האָבן, גיטל, זיך צו דערמאָנען. ניט געוואָלט אויסלעשן איר בערעלעס באַשטיין. געהאַלטן פאַרזיגלט אין זכרון די מוראדיקע דערמאָנונג. איצט האָט זי זיך אויפגעפּלאָשעט, די דערמאָנונג, און זיך אַרויסגעשפּאַרט פון דער דערדריקעניש:

— איר ווייסט, דער פרימאָרגן איז געווען אַ שיינער, ס׳האָט געשמעקט מיט פרילינג. דעם ווינטער, הייסט עס, האָבן מיר איבער־געקומען. האָט זיך גערדאַכט: דער לעצטער ווינטער אין קנעכטשאַפט בײַ היטלערן. די דײַטשן ברעכן דאָך האַלדז־און־נאַקן אויף די פראָנטן. מיינט מען: גאָט האָט רחמנות אויף די לעצטע ייִדן פון אונדזער שטאָט. מײַן חלק אינעם בלוט־אָפּצאַפּעניש האָב אין שוין געהאַט אָפּגעגעבן — בערעלעס טאַטע איז געווען פון די ערשטע... האָף איך — כאָטש בערעלע... אַ שיינער פרימאָרגן, עס שמעקט מיט פרילינג, דער שניי צעגייט. האָט עס אויסגעזען, אַז די ישועה — אָט־אָט... איז מער ניט קיין פוסטער חלום. מיר זײַנען געווען אויף דער צוואַנגאַרבעט. די קינדער אונדזערע — אין באַזונדערן באַראַק. עס זעען זיי צו עטלעכע עלטערע פרויען. אויך עטלעכע אויסגע־מוטשעטע עלטערע מענער האָבן די דײַטשן דאָס מאָל ניט געטריבן צו דער אַרבעט. געהייסן זיך אָפּרוען בײַ די קינדער...

גיטל האָט ווײַטער ניט געקאָנט. אויך ניט גערעדט. אַ מבולבלעלע זכרון־פאַרטונקלעניש איז עס געווען.

— און דאָס אַלץ? — האָט בײַ דער מכניס־אורחטע אויפגע־וואַכט די געוויינטלעכע מענטשלעכע נײַגעריקייט.

איר מאַן אויף דער מרפסת האָט געהאַלטן די גאַנצע צײַט אויסגעקערט דאָס שטײַפע, וואַקס־געלע פּנים צום סאַלאָנטישל, ווו ביידע פרויען זענען געזעסן. און אַלע דרײַ האָבן געוואַרט עפּעס גוטס זאָל געשען אין דער לעצטער רגע.

— ס׳האָט זיך ניט אײַנגעפונען בײַ גאָט קיין קאַפּעלע רחמנות אויף אײַנצוטיילן דײַטשן, — האָט גיטל אָפּגעצויגן אָטעם און

געלאָסן פעסטגעשטעלט. — און אפשר האָט גאָט זיך גאָר געברידזעט עס צו טאָן... איר ווייסט, די גזלנים האָבן שטענדיק זיך געסטאַרע־וועט צו פאַרמאַסקירן זייער רישעות. זי זאָל בלײַבן אַ סוד. אומזיסט, אומזיסט! אונדזערע קיכפּרויען דורכן פענצטער האָבן צוגעזען. אַ פּרוי פון קינדער־באַראַק, אַ פּיפּיקע, דרייסטע, האָט ניט פאַרלוירן דעם קאָפּ און אין דער לעצטער מינוט ריזיקירט, זיך אַ דריי געטאָן, אויסגעבאַהאַלטן זיך. געבליבן לעבן. ווייסט מען אַלץ...

ניין, ניט גיטל! זי איז ניט געווען בכּוח אַרויסצוברענגען אַלץ וואָס מע ווייסט. אַן אַנדערע, מיט אַ פרעמד און שטײַף קול האָט אויפגעדעקט דאָס, וואָס איז געווען פאַרקאַפּסלט אין גיטלס זכּרון: אין יענעם מילדן ערב־פרילינג־אינדערפרי, ווי נאָר מ׳האָט אַלעמען אַוועקגעטריבן צו דער צוואַנגאַרבעט, זענען אַרײַנגעפאָרן אין לאַגער צוויי גרינע, מיט ברעזענט געדעקטע מיליטערישע לאַסט־אויטאָס. פון יעדערן זענען אַראָפּגעשפּרונגען צוויי דײַטשן. אַראָפּ־געלאָזט די הינטערשטע קלאַפּע פון זייער אויטאָ, צו דער קלאַפּע צוגעשטעלט אַן אײַזערן לייטערל און — צום קינדער־באַראַק. באַרויִקט דאָ אַלעמען, מע זאָל זיך ניט שרעקן: „זיי זענען גוטע דײַטשן". זיי וועלן דורכפירן מיט די קינדער אַ שפּיל אַזאַ, „אין בערכען", ס׳הייסט — אין בערעלעך... פונאַנדערגעטיילט די קינדער אין גרופּקעס צו צען. אויסגעשטעלט זיי איינס הינטערן אַנדערן ווי צו אַ געגנדזנמאַרש. געהייסן אויסשטרעקן אין אַ זײַט די רעכטע הענטלעך. מיט איין שטריק צונויפגעבונדן די הענטלעך — איינס הינטערן אַנדערן, מיט אַן אָפּשטאַנד, צווינגענדיק: „מיר שפּילן איצט אין בערכען, אין בערכען...". צוטופּענדיק צום טאַקט פון ליד, האָבן די ערשטע צוויי דײַטשן — איינער האַלטנדיק פאַר איין ברעג פונעם שטריק, דער צווייטער — פאַרן צווייטן ברעג, אַרויסגעפירט די קינדער צום לאַסטאויטאָ. געהאָלפן קליינוואַרג אַרויפקריכן איבערן לייטערל אין דער גרינער בויד אַרײַן. ס׳ערשטע פאָר דײַטשן האָט זיך אומגעקערט אין באַראַק, איז דער צווייטער מאַרש־גרייטער צענדליק קינדער, ווידער באַגלייט פונעם ליד וועגן שפּיל אין בערע־לער, אַוועקגעפירט געוואָרן צו דער מאַשין. און אַזוי — ביזן אויס־

לײדיקן דעם באַראַק. דעמאָלט באַפֿוילן די עלטערע פּרויען און מענער מיטצוקומען, באַגלייטן די קינדער אין ספּעציעלן לאַגער פֿאַר ניט קיין אַרבעט־פֿעיִקע. דאָרטן וועלן זיי פֿאַרשפּאָרן צו האָרעווען...

און ווידער אַ לאַנג צעצויגענע הפסקה, ביז גיטל האָט זיך געצווּונגען צו דערוואַכן פֿון אַ קאָשמאַר:

— איר הערט, דער טײַוול, דער שׂטן, צי דער אַשמדאַי, צי יעדערער פֿון זיי באַזונדער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אין אַ דײַטשישן מיליטערישן שפּיטאָל האָט מען אויסגעצאַפּט דאָס בלוט פֿון אונדזערע קינדערלעך און איבערגעגאָסן אין געבראַכטע פֿון פֿראָנט צעממיתטע דײַטשן... בערעלעס בלוט אין אַ דײַטש! ביזן לעצטן טראָפּן אויסגעצאַפּט!

אויך גיטלס בלוט איז ווי אויסגערונען פֿון איר גוף. און אַז דאָס שטעכבעוודיקע האַרץ־קלעמעניש האָט זי אַ טאָרע געטאָן, אויפֿגע־וועקט, און אַרומגעקוקט האָט זי זיך — אויף דער שווײַגנדיקער, אין שוואַרץ אײַנגעקאָװעטער פּרוי בײַם טישל, אויפֿן פֿאַרטײַעטן מאַנצביל אויף דער מרפּסת, האָט זי ניט געקאָנט זיך אָפּהאַלטן פֿון דערגעבן נאָך אַ פּרט. זאָל מען וויסן: די פּרוי פֿון קינדער־באַראַק וואָס האָט זיך געראַטעוועט, האָט דערציילט, אַז איינס פֿון די קינדער, אַ ייִנגעלע, האָט געבעטן דעם דײַטש לויזער מאַכן די פּעטליע אַרום זײַן הענטל. דער דײַטש האָט ניט פֿאַרשטאַנען. געבעטן עס אים דערקלערן. אָ, ער האָט צופֿרידן דערפֿילט דעם ייִנגעלעס בקשה און אַ גלעט געטאָן אים איבערן קעפּל...

גיטל האָט אויפֿגעשווידערט:

— אפֿשר איז עס געווען בערעלע! אַ לעצטער גרוס פֿון אים!

— און אויפֿגעשטאַנען. — אַ דאַנק פֿאַר כּיבוד. און אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט...

זי איז אַוועק וויינען צו זיך אין קאַמער — — —

שטייט גיטל בײַ דער כמאַרנע־ברוינער, שטענדיק שטומער טיר, וואָס אַ געוויין־אַנפֿראַל האָט זי איצט צעוועקט פֿונעם שטומעניש. ס׳איז אַ הויך אויסגעצויגענע יללה פֿון אַ פֿרויען־קול, באַגלייט פֿון

אַ דומפּן מאַנצבילשן געכליפּ. וואָס טוט זיך דאָרטן? קוועטשט גיטל לאַנג און עקשנותדיק דעם גלעקלקנאָפּ, ביז די קולות הינטער דער טיר ווערן מיט איין מאָל איבערגעהאַקט. די טיר עפנט זיך. גיטלען באַגלייט אַרײַן צו די שכנים דאָס האָפערדיקע געזאַנג וואָס שטײַגט אַרויף, קוילערט זיך איבער די שטיגן — ס׳געזאַנג פון קינדערשע קולכלער, צעמישט מיט פרויען־און מענער־שטימען: „הבאנו שלום עליכם!״

גיטל פאַרשפּאָרט צו פרעגן. די שכנה, ווי געוויינטלעך אין שוואַרץ, פאַרענטפערט די ניט־געשטעלטע קשיא:

— און אַז זיי פרייען זיך דאָרטן, סאַמע אונטן, וואַרטן אויפן זון וואָס קומט פון געפאַנגענשאַפט. קומט אַ גאַנצער, אַ געזונטער. צו וואָס אָבער די פאַנעלעך איבערן אַרײַנגאַנג אין הויז? און צו וואָס די קאָלירטע לעמפּלעך, וואָס ווען זיך אָנצינדן? צו וואָס ס׳געזאַנג, דער יום־טוב? זאָלן זיי זיך פרייען אין דער שטיל. זאָגט, ווו איז גאָט און וווּ איז יושר? זיי האָבן דאָרטן נאָך צוויי קינדער, און מיר האָבן איצט גאָרנישט!

— ניט אמת! — איז גיטל אויפגערודערט־שטרענג, אַזש בייז:

— איר ווייסט, אַז אײַער דובעלע... אַז ניט אומזיסט... איר האָט זײַן קבר, זײַנע כּשרע ביינדעלעך. איר האָט זײַנס אַ בילד. בין איך אײַך מקנא. איר הערט, מקנא! איך, איך האָב גאָרנישט, גאָר־גאָרנישט!

# איצט וועט עפּעס בלײַבן

א

אַזוי פּלוצעם, אַזוי אומגעריכט. אַוועקגעפֿאַלן, צו קבֿר־ישׂראל געקומען, און אויס, ניטאָ, געענדיקט. ווען ער קרענקט, ווען ער ראַנגלט זיך מיטן טויט, וואָלט זי געהאַט צײַט צו קעמפֿן פֿאַר זײַן לעבן. וועלטן וואָלט זי אײַנגעלייגט. און אפשר אויך צעשטערט די כּוונה פֿונעם מלאך־המוות. אויב אַפֿילו דאָס געראָט איר ניט, וואָלט דער ווייטיק פֿאַרט ניט געווען אַזוי פּלוצעמדיק־שאַרף, אַזוי אומגע־ריכט־בייז און וואָלט ניט מיט אַזאַ אַכזריות אײַנגעוואַליעט איר וועלט.

געווען אַ מענטש, פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, ווי ניט געווען. און אַ ייִדישער שרײַבער דערצו! אַ שרײַבער — ער זעט און הערט טיפֿער, פֿילט טיפֿער, דענקט טיפֿער פֿון אַ פּשוטן בשׂר־ודם. און קאָן דאָס געזעענע, דערהערטע און דערפֿילטע אָנטאָן אין אַ וואָרט־לבֿוש, קאָן זײַנע טראַכטענישן געבן אויסדרוק. ווי אַ שליח־ציבור. און דער פֿאַראיין פֿון די ליטעראַטן... ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק אָפּצו־דרוקן אין צײַטונג עטלעכע ווערטער וועגן דעם אַוועקגעגאַנגענעם אויף שטענדיק. אָפּגעקומען מיט אַ טרוקענער מודעה אין אַ שוואַרץ רעמל, אַז ס'איז געשטאָרבן דער מיטגליד פֿונעם פֿאַראיין, מיכל וואַסערשטרום, און שוין. יאָ, אויסגעדריקט מיטגעפֿיל — איר, זײַן אַלמנה. געזשאַלעוועט אָבער צוצוגעבן צו זײַן נאָמען די צוויי ווערטער „דער שרײַבער". ניט פֿאַרגונען צו זאָגן וועגן אים די דרײַ ווערטער „דער באַקאַנטער שרײַבער". און אַזוי פֿאַרשעמען אַ ניפֿטר ברבים — ניט געשיקט קיין פֿאַרשטייער צו דער לוויה!

און זײַנע פֿען־חבֿרים! קיין איינער האָט זיך ניט מטריח געווען

אָפּצוגעבן דעם לעצטן כּבוד אַ געשטאָרבענעם קאָלעגע. צוליב אַ קרענק ניט געקומען אים באַגלייטן אַפילו זײַן גוטער פרײַנד, דער לא־יוצלח, — אַ ניט קיין אָנערקענטער פּאָעט, וואָס אויך מיכל האָט פון אים ניט געהאַלטן. ביידע — ברוגזע, פאַרביטערטע, פלעגן זיי אָפּט איינער פאַרן צווייטן אויסלייגן זייערע פאַרדראָסן און פאַראיבלס אויף די ראָשי־המדברים פון די שרײַבערס; זיך געקאָכט, געשוימט אויף ליטעראַטן, וואָס טוען אַלץ אין דער שטיל, סקראָבען צונויף פון פאַרשיידענע פאָנדן די מיטלען אויף צו דרוקן זייערע ביכער, גיבן זיי אַרויס בסוד־סודות, אַ צווייטער זאָל חלילה ניט אָנשפּאַרן צו די מקורות וואָס העלפן זיי דערין, צי גאָר אַרויסכאַפּן די בכורה פון אַ וועלכער ניט איז ליטעראַטור־פּרעמיע.

זי דערמאָנט זיך: עמעצער פון די שרײַבערס פלעגט צו מאָל אַרײַנשיקן זײַנס אַן אָקערשט אַרויסגעקומען בוך (צי אויס אַמאָ־ליקער גוט־פרײַנדשאַפט, צי ווײַל ער, דער מחבר, האָט סײַ ווי ניט געהאַט ווו די ביכער אַהינצוטאָן). זייער אָפּגעהיט, איר מיכל זאָל ניט פילן זיך געטראָפן און ניט מיינען, אַז זי מישט זיך אין זײַנע ענינים, פלעגט זי פּרוּוון אָנדײַטן:

— אויך מיר קאָנען. מיר'ן זיך אָנשטרענגען און שאַפן די נייטיקע מיטלען. גיב עפּעס אַרויס. ס'דערשײַנט אַ בוך, מאַכט מען לכּבוד דעם אַן אָוונט, לכּבוד דעם מחבר...

אויף די דאָזיקע באַדאַכטע ווערטער פלעגט ער ניט פאַרטראָגן, און אויפגערעגט־גאַליק איז שטענדיק געווען זײַן ענטפער:

— בענקסט נאָך נײַע פּעקלעך ביכער אונטער די בעטן? פּעקלעך, דירעקט פון דער אײַנבינדערײַ. ס'ערשטע בוך מײַנס מאַרי־נירט זיך נאָך דאָרטן. אַ ייִדיש בוך נעמט הײַנט קיינער אין האַנט ניט אַרײַן.

אַזוי אײַנגעשפּאַרט געווען. אָן אַ שמץ פון אייגן־ליבע. אין גאַנצן אָן אַמביציע. בלויז פאַרביטערט, פול תּרעומות אויף דער גאַנצער שרײַבערישער חבֿרותא.

ווען ער דרוקט זיך עפּטער, ווען ער לאָזט אַרויס ביכער, וואָלט ער געוויס ניט געווען אַזוי פאַרשוויגן, פאַרגעסן און פאַרלאָזט. אַזאַ

נעבעכדיקע לוויה! ניט קיין באַגלייטערס, ניט קיין הספּדים. האַסטיק האָט אָפּגעשאַלעמויזעט די סקאַרבאָווע פּסוקים דער אָפּריכטער פון דער קבורה־צערעמאָניע און בעת ער איז דערגאַנגען צום קדיש זאָגן, האָט מען געמוזט אָפּהאַלטן פאַרבײַגייענדיקע מאַנסלײַט צו אַ מנין. די עטלעכע עלטערע שכנות וואָס זענען מיטגעפאָרן אים אַרויסצובאַגלייטן, האָבן עס געטאָן אפשר מער כּדי אַרײַנצוכאַפּן פאַר איינס אַן איבעריקע געלעגנהייט צו לאָזן אַ טרער אויף קברים פון אייגענע גוטע בעטערס.

אַזוי באַעוולט, אַזוי פאַרשעמט צו ווערן! אַוועק אָן דעם ביסל אָפּשײַ און דרך־ארץ, וואָס קומט אַ מענטש בעת ער צעשיידט זיך פון דער וועלט. דערצו דער בזיון פון איר איינאַלייניקייט...

פון אַ שיף וואָס צעאַקערט די וואַסערפלאַך, בלײַבט ניט קיין סימן אויפן וואַסער. אַ פויגל לאָזט ניט איבער אין דער לופט קיין סימן פון זײַן פלי. אַ קרעכץ הויכט אויס זײַן וויי אין חלל און פאַרגייט, ווי ניט געווען. און אַ מענטש? און אַ שרײַבער דערצו? צי דען איז ער געגליכן צו אַ שיף אויף וואַסערן, צו אַ פויגל אין דער לופט, צו אַן אַרויסגעהויכטן קרעכץ?

אַרויסגעבאַגלייט האָט זי איר מיכלען אין אַ לויטערן נאָכמי־טאָג און איבערגעלאָזט אים אין שויס פון גלײַכגילטיק־שווײַגנדיקע, קאַלטע, ווײַסע מצבות. איז ער ווי פאַרזונקען געוואָרן אין אַ ווײַס ניט־ווערן. זי ווייסט פון דער שול, אַז ווײַס איז דווקא די פאַרב פון זײַן — דאָס געמיש פון אַלע ספּעקטערפאַרבן. ווו זשע איז מיכלס זײַן? דער זכר, די שפור, דער פאַרבלײַב זײַנער? איר שולד איז עס געווען, וואָס זי האָט ניט אויסגעטראָגן מיכלס אַן אָפּשפּראָץ. האָט איר נאָך מער געקרענקט זײַן פאַרשווינדן אי ווי אַ מענטש, אי ווי אַ שרײַבער.

זי ווייסט ניט, צי בעתן שיבעה־זיצן מעג מען מיט עפּעס זיך פאַרנעמען. זי זוכט ניט קיין היתּר, ווײַל פאַרנעמען זיך מיט ענינים, וואָס זענען נוגע דעם ניפטר, מעג מען אַוודאי. אָט, זײַנע כּתב־ידן. קיין מאָל האָט זי זיך ניט דערוועגט זיי אָנצורירן. איצט מוז זי. און טאָקע באַלד, ניט אָפּלייגן.

אין אַ באַזונדערער פּאַפּקע האָט ער געהאַלטן זײַנע פאַרענ־דיקטע און ניט קיין פּובליקירטע שריפטן. אין די שופלאָדן פון זײַן שרײַבטיש איז אַן אָרדענונג, ווי ס׳געהער זיך אַ פּעדאַנטישן קאַנצע־לאַריסט, וואָס ער איז געווען אַ לעבן־לאַנג. געפינט זי די דאָזיקע פּאַפּקע. פלעמלעך נעמען זיך צינדן אין אירע שפּיצפינגער, ווען זי רירט זיך צו צום פּאַפּיר, און טרערן פאַרנעפּלען די ראיה, צווינגען אַראָפּנעמען די ברילן, וואָס זי האָט אָנגעטאָן צום לייענען, צווינגען אויסווישן די אויגן.

אויף מיכלס שרײַבמאַשינקע אָפּגעדרוקטע זײַטלעך, פּאַריתומ־טע און פאַרלאָזטע, לייגט זי אויס אויפן טיש. אויך עטלעכע צוזאַ־מענגעקלאַמערטע בלעטלעך — אַ דערציילונג. די ברעגעס פונעם פּאַפּיר — פאַרגעלט. אַ פּנים, שוין מיט אַ צײַט צוריק אָפּגעקלאַפּט. די אונטערשטע לינקע ווינקלען פונעם פּאַפּיר — צעקנייטשט, אָפּגע־ריבן. קענטיק, דורכגעגאַנגען הענט — מ׳האָט זיי געבלעטערט, געלייענט. רעדאַקטאָרן, מסתּמא. מעגלעך, אַז דער כּתב־יד איז לאַנג אָפּגעלעגן אין רעדאַקציעס און אומגעקערט זיך צום מחבר. אַוודאי צוליב מיכלס נאָכגיביקייט, טראַכט זי. אַ ווייכער און אָפּ־הענטיקער מענטש געווען. ניט אַזוי גייט מען דורכן לעבן. איצט, צו די שלושים, וועט אַ צײַטונג מוזן אָפּדרוקן עפּעס פון זײַנע שריפטן. און כאָטש אַ קאָפּ גוט מאַכן די עוולה, וואָס איז לגבי אים באַגאַנגען געוואָרן. אויפשטעלן זײַן כּבוד, רעהאַביליטירן זײַן שרײַבערישן נאָמען. וועט דער ווייטיק פון איר אַבדה אַ ביסל גע־לינדערט ווערן.

זי געפינט אין דער פּאַפּקע נאָך עטלעכע צונויפגעהאָפטענע מאַשינשריפט־זײַטלעך — אַ צווייטע קורצע דערציילונג. די ערשטע זײַט אירע — מיט רויטן טינט שטאַרק צעמעקט און פול מיט תּיקו־נים. ווי ס׳זעט אויס, האָט מען אין אַ רעדאַקציע אָנגעהויבן פּראָווען דעם טעקסט, אויפגעהערט און צוריקגעשיקט דעם מחבר זײַן כּתב־יד.

נאָך אַ פּאַפּקע האָט זיך אײַנגעפונען. אין איר — לויזע בלעט־לעך, פאַרשריבענע מיט מיכלס קלאָרע און שיטער צעשפּרייטע

אותיות. עטלעכע אָנהייבן פון דערציילונגען און בעיקר — נאָטיצן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אָפּגעריסענע פאַרצייכענונגען, פּרוּוון עפּעס צו באַשרײַבן. און דאָס גאָר. די שופלאָדן פונעם שרײַבטיש זענען פול געווען מיט זאָרגעוודיק געסדרטע דאָקומענטן, געהאַלט־צעט־לען, הודעות פון דער באַנק וועגן אָפּשפּאָרונגען און שטאַנד פון זייער קאָנטאָ, קבלות פון געסילוקטע חשבונות פאַר עלעקטריע, וואַסער, גאַז, טעלעפאָן. אַלץ גענוי צונויפגעהאָפטן לויט חדשים און יאָרן, יאָרן...

מ׳האָט זי אַ ביסל געשטערט. שכנים זענען אַרײַן מקיים זײַן די מיצווה פון מנחם־אָבל זײַן. אַ טעלעפאָן־קלונג האָט זיך אַרײַנגע־מישט. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז געווען מיכלס פרײַנד, דער שלימזל־דיקער פּאָעט. ווידער געבעטן מוחל זײַן, וואָס ער קאָן ניט קומען צוליב זײַן קרענק.

אויף דער אײַנשלעפעריק־קלעפּיקער עלעקטרישער שײַן, אויף די געהאַמעוועטע באַוועגונגען פון די מענטשן און אויפן שווער אויפקומענדיקן גערייד זייערן האָט געדריקט אַ לאַנגער טאָג האַווע־ניש און אַ לוויה דערצו. זענען די שכנים באַלד זיך פונאַנדערגע־גאַנגען און איבערגעלאָזט זי מיטן טויט־מידן אָוונט פון אָט דעם לאַנגן טאָג, דעם לענגסטן אין איר לעבן, וואָס זי האָט ניט געלאָזט קומען צו קיין סוף. פאַר איר האָט זיך אַלץ געצויגן דער המשך פונעם נעכטן, וואָס האָט מיכלען די אויגן פאַרמאַכט. ס׳איז דער לעצטער טאָג, אין וועלכן זי האָט געהאַט אויפגעהאַלטן צו מיכלען דעם לעצטן ערדישן צובונד.

אויפהאַלטן, אויפהאַלטן דעם צובונד! האָט זי זיך ווידער גענו־מען צו דעם, וואָס פון אים איז געבליבן. אויפן שרײַבטיש — פונאַנדערגעלייגטע זײַטלעך. אַלע זיי איבערגעלייענט, אַלע, אַלע. און... ווי עמעצער וואָלט זי אָן רחמנות דערשלאָגן און טיף ווייטיק געטאָן, באַליידיקט, דערנידעריקט. וויי, וויי, אַזוי פוסט, ליידיק, אַזאַ אָרעמקייט, אַזאַ דלות! און איבערגעלעבט האָבן זיי ביידע דאָך ניט ווייניק: געטאָ, נאַצי־לאַגער, מיט נסים געבליבן לעבן. איבער ביטער־שווערע אומוועגן זוכה געווען צו באַטרעטן די ערד פון אָן

אייגענער היים. און באַלד אַרײַן אינעם גוראַנגל פֿאַר דער אייגענער טאָג־טעגלעכער אויסקומעניש און קיום. ער האָט געהאַט, מיכל, וואָס צו דערציילן און באַקומען האָט זיך אַ בידנע, אומזיכערע שטאַמלערײַ. אַ שרײַבער? אפשר בלויז אַ פּשוטע אײַנרעדעניש בײַ אים, אַ קליינלעכע כּבוד־זוכערײַ... זי איז געבליבן זיצן בײַם שרײַבטיש אַ דערדריקטע, אַ צוגעזאָטענע צו אים. און אויפֿגע־הערט האָט זי פּלוצעם זיך צו וווּנדערן, וואָס מע האָט לעצטנס קיין שורה מיכלס ניט געדרוקט. אויב זי זאָל דערפֿון אָנבאָטן אַ רעדאַקציע, צו שלושים, למשל, וועט מען עס ווידער פּסלען. אַלץ איז גאָרניט זאָגנדיק, מסובֿכן בלוטאַרעם. אָן אומבאַהאָלפֿן, אַ טרוקן שרײַבעכץ, אָן אַ פֿיצל דערהייבונג, אָן ליבע און לײַדנשאַפֿט, אָן אַסאָציאַציעס, אָן אַ נשמה־יתירה, אָן דער טעמפּעראַטור פֿון לעבן. פֿון אַ מענטש אין די יאָרן, ווי מיכל איז געווען, האָט מען געמעגט פֿאָדערן: מאַך אָדער לאָז געמאַך!..

אַרויסגעטראָגן דעם דאָזיקן פּסק־דין, האָט זי זיך פֿונאַנדער־געכליפּעט. און לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך.

זי האָט זיך דערמאָנט: אויך אין זײַנע מיט יאָרן צוריק געדרוקטע זאַכן, הגם זיי זענען געווען זײַנע, האָט זי קיין טעם ניט געפֿונען. ניט געפֿועלט בײַ זיך דעמאָלט אָפֿן און ערלעך צו זאָגן איר מיינונג. ניט געוואָלט אים אָנטאָן עגמת־נפֿש. אויף זײַנע שאלות, ווי ס׳געפֿעלט איר, פֿלעגט זי אָפּקומען מיט אַ פֿאַרעווען „ניט שלעכט". איצט אָבער קאָן זי ניט, טאָר ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו זײַן שרײַ־בערישן גורל.

עטלעכע מאָל האָט זי איבערגעלייענט דעם כּתבֿ־יד, וואָס עמע־צער האָט אָנגעהויבן פֿראַוּוען. געפּרוּווט פֿאַרשטיין, וואָס דאָרטן האָט זיך געזאָלט אָפּשפּילן, און גענומען איבערשרײַבן, איבערדער־ציילן פֿון דאָס נײַ דעם סיפּור־המעשׂה. זי האָט ווי געטונקט די פֿען אין פֿאַרב און חיות און אָפּגעפּרישט די שורות פֿון דער דערציילונג; בילדערישער געמאָלן די סבֿיבֿה, ווו די געשעענישן זענען זיך פֿאַר־לאָפֿן. נאַטירלעכער און שאַרפֿזיניקער האָט בײַ איר גענומען רעדן דער פּערסאָנאַזש. דעם סוזשעט האָט זי דערגעבן שפּאַנונג, פֿאַר־

שאַרפֿט דעם קאָנפֿליקט און דערפֿילט, אַז זײַן לאָגישע אַנטוויקלונג מוז דערפֿירן צו אַן אַנדער סוף און ניט צו אַזאַ, ווי פֿריִער. דער־פֿירן צו אַ נײַעם סוף — אַן אומדערוואַרטן, אַזאַ וואָס זאָל אַרויסרופֿן בײַם לייענער נאָכטראַכטעניש און איבערלאָזן אים מיט אַ ניט קיין געשטילטן נײַגער.

דער מיט רויט געפּראַוועטער טעקסט איז איר לכתּחילה געווען אַ שטיקל וועגווײַזער. באַלד איז זי אָבער אַוועק מיט אַן אייגענעם דרך.

יונגערהייט האָט זי אונטערגעזינדיקט מיט דער פּען — געשריבן לידער. אין איר לעבן האָט זי אַ סך געלייענט, געהאַט אַ תּאווהדיקע הנאה פֿון גוטער ליטעראַטור. פּאַר חברטעס, אין דער יוגנט, פֿלעגט זי לײַדנשאַפֿטלעך איבערדערציילן גאַנצע ביכער, אָפֿט ענדערנדיק דעם אינהאַלט לויט איר אײַנפֿאַל און געשמאַק. אַ לעבן־לאַנג האָט זי געגאָלטן פּאַר אַן אויסגעצייכנטער בריוו־שרײַבערין. האָט איר זיך טאַקע מאָדנע לײַכט איצט געשריבן. פֿון האַרץ האָט עס געשטראָמט אויפֿן פּאַפּיר דורכן שפּיץ פֿון דער פּען...

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי געווען פֿאַרטאָן בײַם שרײַבטיש און געפֿילט מיכלס נאָענטקייט, זײַן אינטימען באַריר, ווי אין דער זיסער יוגנט. ביזן באַגינען וואָס האָט אַ טויט־בלייכער און פֿאַרחל־שטער זיך אַרײַנגעשפּאַרט דורכן פֿענצטער, האָט זי אָנשטאָט אים אות פּאַר אות אויסגעקלאַפּט אויף דער שרײַבמאַשינקע שורות, שורות, ווי זיי האָבן, לויט איר נאָך, געדאַרפֿט אָנגעלאָדן ווערן מיט אינהאַלט.

מיכל האָט זיך עטלעכע מאָל פּאַר איר באַוויזן און צופֿרידן געשמייכלט, צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

## ב

ס'איז געווען קענטיק, אַז דער רעדאַקטאָר פֿון דער ייִדישער צײַטונג האָט ניט מיט קיין גרויסן חשק אויפֿגענומען די קליינוווּק־סיקע, אײַנגעשרומפּענע, געעלטערטע פֿרוי אין שוואַרצן, וואָס האָט

זיך אָנגעמאָלדן ווי די אַלמנה פֿונעם שרײַבער מיכל וואַסערשטרום. וואָסער שרײַבער איז ער געווען?! יאָרן האָט ער ניט אָפּגעדרוקט קיין שורה. ריכטיקער — מע האָט אים ניט געדרוקט. חברה־לצים פֿלעגט זיך חכמהנען: „טאַקע וואַסער, אָבער ניט קיין שטראָם. גיכער — אַן אויסגעטריקנטע קאַלוזשע". איצט קומט זי אַוודאי, זײַן אַלמנה, ווי אַ סך אַלמנות פֿון אמתע שרײַבערס קומען מכּוח, אַזוי צו זאָגן, פֿאַראייביקן זייערע מענער — דרוקן פֿון זייערע געבליבענע שריפֿטן אין דער צײַטונג, העלפֿן אַרויסלאָזן אַ בוך וואָס איז געבליבן אין כּתב־יד, אַרויסגעבן אַן „אָנדענקבוך". אין די אויגן פֿון יעדערער פֿון זיי איז איר מאַן — דער בעסטער, דער פֿאַרדינסטפֿולסטער שרײַבער און ס׳קומט אים. האָט ער געוואָרט, דער רעדאַקטאָר, אויף אַן אויסגאָס פֿון בקשות, טענות, פֿאָדע־רונגען.

און זי האָט אָן ווערטער, פֿאַוואָליע אַרויסגענומען פֿון איר האַנטבײַטל אַ כּתב־יד. אויסגעשטרעקט אים, אַ מורמל טוענדיק מיט פֿאַרכט:

— פֿון מיכל וואַסערשטרומס שריפֿטן. איך בעט אײַך, דרוקט אָפּ צו די שלושים.

דער רעדאַקטאָר האָט מיט אַ ניט קיין באַהאַלטענער סקעפּ־טישקייט צוגענומען דעם כּתב־יד, אַ בלעטער געטאָן, אויפֿגעזוכט די לעצטע ציפֿער אויף דער לעצטער זײַט. דערזעענדיק אַ פֿינף און דערצו נאָך ווייניקער ווי אַ האַלב זײַטל מיט טעקסט איז אים אַ קאָפּ לײַכטער געוואָרן. נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט: וואָס איז שוין דער חילוק — פֿינף אָדער פֿופֿצן. במילא וועט מען עס ניט קאָנען דרוקן. אָ, ווען ס׳איז פֿופֿצן, וואָלט אָנגעגאַנגען דער בעסטער אויסרייד — צו לאַנג פֿאַר אַ טאָגצײַטונג...

אָנגעשפּאַנט האָט זי נאָכגעקוקט זײַן איטלעכע תּנועה און דערקלערט מיט אַ קענטלעכן ציטער:

— ס׳איז פֿון די איבערגעבליבענע שריפֿטן. ווי מע זאָגט — פֿון דער ליטעראַרישער ירושה. ער פֿלעגט אַלץ אָפּקלאַפּן אויף דער מאַשינקע.

— מיר׳ן זען, — האָט דער רעדאַקטאָר אַוועקגעלייגט דעם כּתב־יד אין אַ זײַט, און שווער איז געווען צו דרינגען, ווי ער׳ט זיך באַציִען צו דער זאַך.

האָט זי געפּרוּווט אים באַווירקן:

— מע האָט שטאַרק באַעוולט מײַן מאַן. טיף באַליידיקט. אַ וואָרט וועגן אים זאָל זיך באַווײַזן אין דער פּרעסע. פּאַרט אַ שרײַבער, און קיין איין פּענמענטש ז׳ניט געקומען צו דער לוויה. און געווען איז ער דאָך אַ מיטגליד פונעם ליטעראַטן־פּאַראיין.

דער רעדאַקטאָר האָט זי געטרייסט:

— כ׳פיל אײַך מיט. וואָס קאָן מען אָבער טאָן? די צײַט איז אַזאַ. יעדערער מיט זײַנע זאָרגן און כלאָפּאָטן. דער טעמפּ פון סוף צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מאַכט עס. ניטאָ קיין סענטימענטן, און אויס מיט דער ראָמאַנטיק. פאַרשטיין מוז מען — ייִדישע שרײַבערס עלטערן זיך. ס׳אַ דור וואָס גייט אַוועק. ס׳איז שוין באַלד ניטאָ ווער עס זאָל שטאַרבן און ווער עס זאָל באַגלייטן. נאָר דאָס איז אַגב־אורחא. מיר׳ן זען. אויב ס׳וועט זײַן אין די גרענעצן פון ליטעראַטור, ס׳הייסט דרוקפּעיִק, וועלן מיר געבן פאַר דעם אַן אָרט. צו שלושים, זאָגט איר, — אין די רייד האָט ער ווידער גענומען די דערציילונג אין האַנט. — און ווי איך זע, גיט איר אָן די דאַטע, ווען ס׳איז געשריבן. זייער שיין. אָט מאַך איך אַ פּוסנאָטע: „פונעם שרײַבערס עזבון, צו שלושים״.

נאָר דאָ איז דער רעדאַקטאָר אָנגעשפּיצט געוואָרן:

— זעט נאָר, די זאַך איז מיר עפּעס קענטלעך, דער נאָמען. ניט געווען אַ מאָל בײַ אונדז?

זי האָט זייער רויִק געענטפערט:

— מעגלעך. כ׳האָב געפונען די דערציילונג אַ פריש איבערגעקלאַפּטע. מעגלעך, ער האָט איבערגעאַרבעט. די לעצטע צײַט האָט ער אַ סך געאַרבעט. געשריבן, איבערגעשריבן...

— גוט, מיר׳ן זען. איך קאַוויר אָבער ניט.

רעדנדיק איז ער אויפגעשטאַנען — ניט קיין הויכער, מאָגערער,

אין אַ שײנעם גראַניטער, אין אַ רויט־ברוין אײבערהעמד. זײַן פּנים — בלײכהויטיק, מיט אײַנגעפּאַלענע באַקן, ווי בײַ אַ חלוש. אין אירע אויגן האָט ער אָבער אויסגעזען אַ מענטש, אַ בעל־יכולת, מיט אַן אומבאַגרענעצטן כּוח.

ווי אַ גנבטע, ווי אַ שמוגלערין, ווי זי וואָלט עמעצן אונטער־געדרוקט אַ געפעלשט שטיקל סחורה, איז זי האַסטיק געגאַנגען טרעפּ־אַראָפּ. אָפּגענאַרט דעם רעדאַקטאָר? און אויב ער וועט אָפּדרוקן, וועט זי האָבן אָפּגענאַרט די לײענערס? און אפשר אָפּגענאַרט אויך אים, וועמענס נאָמען זי איז אויסן צו פאַראַנקערן אין לעבן. זי ווײסט, אַז ליטעראַטור, דעם לעבנס אײביקע אַליִרטע, האָט אַריכת־ימים. דעריבער טאַקע...

אַנשטאָט צו וואַרטן אויפן ליפט, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די טרעפּ. שמוציק־גרויע ווענט מיט פלעקן פון שוואַרצער דרוקפאַרב. שמוציק־גרויע בעטאָנענע שטיגן מיט שוואַרצע פליאַ־מעס — ניט גרוי און ניט שמוציק האָבן זײ איר אויסגעזען. זי האָט זיך געפונען אין אַן אָרט פון דערהויבענער עבודה, אין אַ היכל מיט אָפענע טירן, דורך וועלכע ס׳האָבן זאַץ־ און דרוק־מאַשינען אויסגעקלאַפּערט אַ לעבנס־געשרײ צו דער וועלט און אָנגעלײגט קופּעס פרישע זײַטן פונעם נײַעם צײטונג־נומער. דאָס געפיל, אַז מיכלס נאָמען וועט אויף צעפּיקעניש די אַלע וואָס האָבן מיט אים מזלזל געווען, זיך באַווײַזן אין טויזנטער שטיבער, דערמאָנען אין אים, — האָט איר מאָדנע וווּיל געטאָן און פאַרטריבן אַלע ניט נײטיקע איבערטראַכטענישן.

מע זאָל נאָר אָפּדרוקן!

אַ וואָך פאַר שלושים האָט זי טעלעפאָנירט צום רעדאַקטאָר. זיך פאַרגעשטעלט, געבעטן מוחל זײַן פאַרן שטערן און געפרעגט, צי ער האָט ניט פאַרגעסן.

— דערווײַלע נאָך ניט געלײענט, — איז געווען דער ענטפער אין טרײַבל. — כ׳וועל עס אָבער טאָן. כ׳וועל אויפזוכן.

אײדער דאָס טרײַבל האָט זיך אָוועקגעלײגט אויפן אַפּאַראַט

אין דער רעדאַקציע, האָט עס באַוויזן איבערצוטראָגן צו איר אויער דעם רעדאַקטאָרס אומגעדולדיק געוואָרטש: „אַן אַנשיקעניש״.

און זי האָט צעשראָקן אַרויסגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטער, הויך, הויך אויפגעהויבן די אויגן צום לויטער־בלויען הימל מיט אַ געבעט: „גאָט, מע זאָל נאָר אָפּדרוקן!״

## ג

מ׳האָט אָפּגעדרוקט. געננוי צו די שלושים. אין אַ בכבודיק אָרט. דאָס קעפּל אויסגעזעצט מיט שיינע אותיות.

זי איז געבליבן זיצן פאַר דער געעפנטער צײַטונג, דער בליק צוגעשמידט צום נאָמען פון מחבר איבערן שיינעם קעפּל פון דער דערציילונג. זי האָט ניט געלייענט. אַ פאַרגליווערטע בלויז געשטאַרט אויף דער צײַטונגזײַט. ביז ס׳האָט זי אויפגעהויבן פון אָרט אַ טעלע־פאָן־קלונג. ס׳איז געווען מיכלס פרײַנד, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פּאָעט און ליטעראַטור־מבין.

— איך באַגריס אײַך. איך פריי זיך. ס׳אַ שיינע בלום אויף מיכלס קבר. זײַן אָנדענק... ס׳אַ קליינער שעדעווער וואָס וועט פאַרשאַפן כבוד זײַן נאָמען. אַזוינס האָט ער ניט אָפּגעדרוקט בײַם לעבן.

נאָכגעפרעגט האָט ער זיך, ווען זי פאָרט אויפן בית־הקברות. ער וויל אומבאַדינגט מיטפאָרן. הײַנט איז דאָך שלושים, וועט מען מסתמא אָפּהילן די מצבה.

איר ענטפער איז געווען, אַז די מצבה וועט זי שטעלן צום יאָר, ווי דער מינהג אין דער אַמאַליקער היים. און געטראַכט האָט זי: צום יאָרטאָג, דאַרף מען האָבן, וועט קומען אַ מנין...

באַלד נאָך זײַן קלונג האָט ממש אויפגעלעבט דער טעלעפאָן. ניט באַוויזן אָוועקצולייגן ס׳טרײַבל, און ווידער האָט עמעצער גע־קלונגען. דערנאָך אַ נײַער קלונג און ווידער אַ קלונג. עטלעכע שרײַבערס, זייערע נעמען האָט זי ניט דײַטלעך דערהערט, אָבער דײַטלעך האָבן זיי זיך אויסגעדריקט, און אַלע אין איין קול, ווי

צוזאַמענגערעדט זיך: אַן אמתע איבערראַשונג איז מיכלס אָפּגע־דרוקטע דערציילונג. גאַר־גאַר גוטע פּראָזע. און איר אויסגעדריקט מיטלייד צו דער אַבדה.

אַלעמען האָט זי מיט שטילן באַדויער געענטפערט:

— ס׳טוט ווײ, וואָס ער האָט ניט דערלעבט...

אויך דער צײַטונג־רעדאַקטאָר בכבודו־ובעצמו האָט געקלונגען. אויב ס׳איז געבליבן נאָך עפּעס פון זעלבן זגאַל, וועט ער גערן דרוקן. זי קאָן ברענגען.

זי האָט געבראַכט, און די צײַטונג האָט געדרוקט „פון מיכל וואַסערשטרומס ניט־פּובליקירטע שריפטן". אַפילו אויסגעשריבן האָ־נאָראַר, הגם די צײַטונג האָט, ווי אַ כּלל, ניט געצאָלט פאַר בע־לעטריסטיק.

ווען זי האָט אויסגעשעפּט די טעמעס פון די עטלעכע דער־ציילונגען, געפונענע אין דער ערשטער פּאַפּקע, האָט זי זיך גענומען צו די אָנהייבן און פראַגמענטן פון דער צווייטער. מיט אַ שטיקל פּענסיע איז זי געווען פאַרזאָרגט, האָט זי געקאָנט זיך אָפּגעבן מיטן שרײַבן, לייענען און אויך מיטן לערנען די תּקנות פונעם מאָדערנעם יידישן אויסלייג, ווי מיכל פלעגט עס טאָן, האַלטנדיק שטענדיק די תּקנות אונטער דער האַנט.

די פּענמענטשן האָבן זיך געחידושט, למאַי האָט מיכל וואַסער־שטרום די אַ זאַכן ניט געדרוקט בײַם לעבן. צי דען זענען די רע־דאַקטאָרן געווען אַזוי קורצזעיק? עמעצער האָט אַפילו זיך אויס־געדריקט:

— מע דאַרף, אַ פּנים, שטאַרבן כּדי מע זאָל דיך דרוקן, אָנער־קענען, אָפּשאַצן.

און שאַרפצונגיקע ליטעראַטן האָבן ווידער זשאָנגלירט מיט מיכלס פאַמיליע־נאָמען. פאַרגעלייגט אים צו פאַרלענגערן אויף: ניטקיינוואַסערשטרום...

אויך אַן אָנגעזעענעם ליטעראַרישן זשורנאַל האָט זי אָנגעבאָטן, און די צײַטשריפט האָט אָפּגעדרוקט זײַנע אַ ליריש־עמאָציאָנעלע

דערציילונג, אַן אָנגעלאָדענע מיט אָריגינעלער בילדערישקייט און קערנדיקער דראַמאַטישקייט. פאַר זײַן לעבן האָט ער ניט זוכה געווען זיך צו באַווײַזן אויף די זײַטן פון דער דאָזיקער רעפּרעזענ־טאַטיווער טריבונע.

דער זשורנאַל האָט דערבײַ מודיע געווען, אַז ער וועט נאָך מפרסם זײַן ווײַטערדיקע פּראָזעווערק פון זעלביקן מחבר — פון זײַן ליטעראַרישן עזבון. אַגב, דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל האָט זי געבעטן ברענגען אַ זײַטל פונעם אָריגינאַלן טעקסט, וועט מען פּובליקירן אַ פאַקסימילע. זאָל מען זען דעם אויטאָרס כּתב, זײַן שרײַבמאַניר.

זי איז ניט מבולבל געוואָרן:

— אַ מאָדנע טבע האָט געהאַט מײַן מאַן, עליו־השלום, ער פלעגט אַרויסוואַרפן די האַנטגעשריבענע, די אַזוי גערופענע טשער־נאָוויקעס. אַלץ געקלאַפּט אויף דער מאַשינקע. פלעגט ניט אונטער־שרײַבן, ניט מאַכן קיין פּראָווקעס מיט דער האַנט, אַלץ מיט דער מאַשינקע. אַ מאָדנער פּעדאַנט געווען. און אַ גאָלדענע נשמה — דעם זעצער זאָל זײַן לײַכט...

נאָכן דאָזיקן שמועס האָט זי דאָס ביסל געשריבענע מיט מיכלס האַנט אַזוי באַהאַלטן, קיינער אויסער איר זאָל צו דעם ניט צוקומען.

דעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג האָט עס, משמעות, גע־קרענקט, וואָס וואַסערשטרומס אַלמנה איז אים אומגעטרײַ געוואָרן, און וואָס אָט דעם אויטאָרס טשיקאַווע דערציילונגען האָט „איבער־געכאַפּט" דער זשורנאַל. איז ער ניט פויל געווען און אָנגעקלונגען צו זײַן רעדאַקטאָר:

— הערט אויס, קאָלעגע. מיר זענען ניט קיין קאָנקורענטן, וועט איר מיך ניט חושד זײַן אין קיין הינטער־כּוונות. ווי איך זע, זענט איר אויך אַרײַנגעפאַלן. ס'אַן אַפּערע. דער וואַסערשטרום איז געווען אַ ליטעראַרישער אימפּאָטענט. די אַלמנה זײַנע... זי צאָלט, און עמעצער שרײַבט פאַר איר. פאַר אים. דרוקט אונטער זײַן נאָמען. איך וועל די זאַך אויפדעקן און מאַכן אַ סוף צום נאַרן דעם עולם.

הערט אויס, כ׳האָב מוחל געווען אויף מײַן כּבוד, צוגעכאַפּט זיך צו איר אַהיים. געבעטן ווײַזן דעם ניפטרס שרײַבערישן אַרכיוו. אַפילו צוגעזאָגט אַ הויכן האָנאָראַר, צוגעזאָגט מאַכן רעקלאַמע אַרום דער זאַך; אַרויסרופן אַ געוויסע סענסאַציע, אויפוועקן אינטערעס בײַ אַ ברייטן לייענער־קרײַז. וועט עס אַדורכלייגן דעם וועג פאַר זײַנס אַ בוך... ברײַעט זי מיר אַ מעשׂה, אַז איר מאַן פלעגט אַלץ דרוקן אויף דער שרײַבמאַשינקע, און אַז זי האָט מיט אײַך שיִער ניט אַן אַפּמאַך, ס׳הייסט, אָפּגערעדט צו געבן אײַער חודשניק... ס׳איז קלאָר, אַט די קליינע, די צוריקגעהאַלטענע אַלמנה איז אַן אַפּע־ריסטקע.

גערולדיק אויסגעהערט דאָס אַלץ, האָט דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל געענטפערט מיט זײַן געוויינטלעך מאַנאָטאָן־קאַלטער, צו מאָל האַרבלעכער שטים:

— וואָס דאַרף אונדז אָנגיין — ווי, ווער, ווי אַזוי? די סחורה איז דער עיקר. אין אָט דעם פאַל איז עס ליטעראַרישע סחורה פון אַ הויכער פּראָבע. כ׳וואָלט געזאָגט — ס׳אַ בײַטראָג צו אונדזער פּראָזע. אַזוי זעלטן באַווײַזן זיך איצט נײַע כּוחות. למען־האמת, אויך מיר זענען אויפגעקומען חששות. האָב איך אויפגעזוכט עפּעס פון זײַנע אַ מאָל געדרוקטע זאַכן. זיך אויך דערמאָנט אין דעם, וואָס מיר האָבן בשעתו אָפּגעוואָרפן. מאָדנע, די „גראַמאַטיקע" איז דאָרטן געווען אין אָרדענונג, אַלץ אויף אַן אָרט. אין די איצטיקע כּתב־ידן הינקט די „גראַמאַטיקע". דער אַמאָליקער וואַסערשטרום איז געווען פלאַך און טרוקן ווי אַ ברעט. איצט איז ער עמאָציאָנעל, פריש, אײַנפאַלעריש, פאַלקסטימלעך, פאַרמאָגט הומאָר...

דער זייער אימפּולסיווער צײַטונגס־רעדאַקטאָר האָט איבער־געהאַקט זײַן בעל־שמועס:

— זעט איר! ס׳איז דער בעסטער באַווײַז. האַלט איך, אַז מע טאָר ניט פאַרפירן די עפנטלעכקייט. מע מוז אַרויס מיטן אמת, כאָטש מיר זענען ביידע מיאוס דורכגעפאַלן און ס׳קאָן לײַדן אונדזער פּרעסטיזש. ניט שווער צו דערווײַזן, אַז וואַסערשטרום איז

געווען אַ פּוסטע כּלי, אַ טענטלער. אַפילו ניט קיין גראַפאָמאַן. אַזאַ איינער האָט דאָך ליב צו שרײַבן, אַזאַ איינער האָט אַ שרײַב־שילשול. וואַסערשטרום, דערקעגן, האָט געליטן פון ליטעראַרישער עצירות.

און אַז די שטים אינעם טעלעפאָן־טרײַבל האָט זיך אויף אַ רגע פאַרבליניעט מיטן אייגענעם אימפּעט, האָט דער זשורנאַל־רע־דאַקטאָר איבערגענומען די איניציאַטיוו אינעם וואָרטגעפעכט:

— מײַן פרײַנד, וועמען אַרט עס וואָס ער איז פריִער געווען. וויכטיק איז, וואָס אָט דער וואַסערשטרום שטעלט מיט זיך פאָר איצטער. וועמען נאַרט זי און וועמען פאַרפירט זי, די אַלמנה זײַנע? זי גיט גוטע פּראָדוקציע. און אַז ס׳קומט אויס אַ ביסל אונ־טערצופּראָווען, פאַרפינקטלעכן דעם אויסלייג, איז וואָס? די סחורה איז פאָרט ערשטע סאָרט. עס גראַמט זיך אַזש. ס׳איז יצירה און ניט קיין פּלאַגיאַט, דאַרף מען דרוקן. ס׳איז אמתע ליטעראַטור און אַ געווינס פאַר אונדזער פּילגעפּרוווטער שאַפונג אין יִדיש־לשון. און וואָס שייך דער אַלמנה, דאַכט זיך מיר, אַז מע טאָר זי ניט טשעפּען, מע טאָר ניט צעשטערן איר אילוזיע, ניט אַוועקנעמען איר סטימול. צו וואָס זיך גריבלען אין איר אינעווייניקסטער וועלט און אַרויסשלאָגן זי פונעם טראַנס, אין וועלכן זי געפינט זיך? מע טאָר ניט לעשן איר שאַפונגסגלי און אַרויפוואַלגערן אַ שטיין אויפן פלוצעם אַרויסגעשפּרודלטן קוואַל. פאַרקערט, זאָל וויַיטער קוואַלן די באַגײַסטערונג! זאָל זי...

— ניין, קאָלעגע. ווי זעען מיר אויס, אַז די אַלטע פירט אונדז אין באָד אַרײַן? מע וועט פון אונדז לאַכן. ס׳איז דאָך אַ מיסטי־פיקאַציע! — איז דער צײַטונגס־רעדאַקטאָר געווען אײַנגעשפּאַרט.

— אָט, אָט, די ליטעראַטור־געשיכטע ווייסט טאַקע פון ענלעכע מיסטיפיקאַציעס, — האָט אונטערגעכאַפּט דער צד־שכנגד. — און זיי האָבן דער ליטעראַטור קיין שאָדן ניט אָנגעטאָן. פאַרקערט, צוגעגעבן אַ ווויליונגעריש חן־פינטל. זאָל מען לאַכן, שמייכלען.

און די אַלמנה? מיט אַ שטענדיק פרישער באַגײַסטערונג האָט

זי געאַרבעט בײַם שרײַבטיש, געקלאַפּט אויף דער שרײַבמאַשינקע, ווי אַן ענטפער און אַרויסרוף צו די אַלע, וואָס האָבן פון מיכלען ניט געהאַלטן, אים מבטל געמאַכט, מבייש געווען.

און מיכל איז אַלץ געווען מיט איר, און אַלע מאָל צופרידן געשמייכלט, צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

## ד

ס'האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער יאָרטאָג נאָך זײַן טויט. צו אָט דער דאַטע האָט זי באַשטעלט אַ מצבה אויפן קבר פון מאַן. אָוועקגעטראָגן אַ דערציילונג אין זשורנאַל מיט דער בקשה, זי זאָל אָפּגעדרוקט ווערן צו דער יאָרצײַט.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק איז זי געזעסן אַנטקעגן דעם רעדאַקטאָר — אַ פּאַרזיגנדיקטע אויף דער באַשולדיקונג־באַנק. ווי שטענדיק, מורא געהאַט אים צו קוקן אין די אויגן. געווען אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט און בכלל געזוכט וואָס ווינציקער זיך צו פֿאַרהאַלטן אין די רעדאַקציעס. אויסגעמיטן דאָרטן מענטשן, אויסגעמיטן איבעריקע רייד. געציטערט פֿאַר נײַגעריקע אויספרעגענישן.

ווען דער רעדאַקטאָר האָט אַ בלעטער געטאָן דעם כּתב־יד, איז איר אויסגעקומען, אַז אַ פּאַטאַלע פֿראַגע ראַנגלט זיך, וויל צווינגען זײַנע ליפּן זי אויסצודריקן אויפן קול. איר האַרץ האָט האַסטיק גענומען טיאַכקען און ווי אונטערגעאײַלט דעם רעדאַקטאָר ניט צו פֿרעגן, נאָר זאָגן:

— געוויס וועלן מיר דרוקן. און מיט אַ קליינעם אַרײַנפיר וועגן צווייטן ליטעראַרישן לעבן פונעם שרײַבער מיכל וואַסער־שטרום. און איר ווילט מסתּמא, מיר זאָלן ווידער געבן אין אַ פוסנאָטע, אַז ס'איז פונעם מחברס ליטעראַרישער ירושה.

איר איז לײַכטער געוואָרן צו אָטעמען. אַ סך לופט און רחבות האָט זי דערפילט אַרום זיך. האָט עס באַפרײַט די לאַנג שוין אין איר אויפגעקומענע שאלה, צי מע וועט אפשר קאָנען אַרויסגעבן

אַ בוך פון מיכלס כּתבים. דער ענטפער איז געווען אַ קלאָרער — מע וועט איר העלפן דעריין.

האָט זי זיך דערוועגט ווײַטער צו פרעגן:

— ווי מיינט איר, כאָטש אַ שפור... איצט וועט עפּעס פון אים בלײַבן?

און ווידער איז דער ענטפער געווען אי באַלדיק, אי קלאָר:

— אַוודאי וועט איצט עפּעס בלײַבן.

## וועגן מחבר

### ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע שטריכן

מאיר יעלין איז געבוירן דעם 3טן אָקטאָבער 1910 אין סרעדניק, ליטע, בײַ אסתּר־רבֿקה און לייזער יעלין,ביידע — פֿאָלקשול־לערערס. בעתן גירוש פֿון די ליטווישע ייִדן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה (1915) איז די משפּחה פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין וואָראָנעזש, רוסלאַנד. קומט צוריק קיין ליטע אין 1921. באַזעצט זיך אין קאָוונע, די דעמאָלטיקע הויפּטשטאָט פֿון לאַנד. דער פֿאָטער פֿירט אָן מיט דער ביבליאָטעק בײַ דער געזעלשאַפֿט „ליבהאָבער פֿון וויסן“, וואָס ווערט אַ צענטער פֿון ליטעראַרישער און קולטור־טעטיקייט. מאיר, און באַזונדערש זײַן ייִנגערער ברודער, חיים, העלפֿן אין דער ביבליאָטעק־אַרבעט און ווערן יונגע, צוזאָגנדיקע ייִדיש־שרײַבערס.

אין 1928 פֿאַרענדיקט מאיר יעלין מיט אַן אויסצייכענונג די קאָוונער העברעיִשע רעאַל־גימנאַזיע, וואָס שיקט אים שטודירן אין דער טעכנישער הויכשול אין דאַרמשטאַדט (דײַטשלאַנד). ער פֿאַרענדיקט זי אין 1933 ווי אַ בוי־אינזשעניר. ווערט אויך דיפּלאָמירט פֿון קאָוונער אוניווערסיטעט. בעת די היטלער־חיילות באַפֿאַלן ליטע, פּרווון מאיר יעלין און זײַן משפּחה צו אַנטלויפֿן פֿון זיי. ווערן אָבער אַנגעיאָגט און פֿאַרשפּאַרט אין קאָוונער געטאָ, סוף יולי 1941. מאיר נעמט אָנטייל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, בראָש פֿון וועלכער עס שטייט זײַן ברודער חיים, וואָס פֿאַלט אין אַפּריל 1944 בעתן אָרגאַניזירן דעם אַפּמאַרש פֿון אַ גרעסערן אָטריאַד געטאָ־קעמפֿערס אין פּאַרטיזאַנישן וואַלד. פֿריִער האָט ער עס מערערע מאָל דורכגעפֿירט מיט גרויס הצלחה. מאיר אַנטלויפֿט פֿון געטאָ. לעבט נאָך דער באַפֿרײַונג אין קאָוונע. העלפֿט אין אויפֿשטעלן פֿאַר די געראַטעוועטע ייִדישע קינדערלעך אַ קינדער־גאָרטן, אַ פֿאָלקשול און אַ קינדערהיים, וואָס ווערן געפֿירט אין ייִדיש. אין 1949 פֿאָרט ער אַריבער קיין ווילנע. אין אָקטאָבער 1973 איז ער מיט זײַן משפּחה עולה קיין ישׂראל.

גאָר יונג האָט מאיר יעלין גענומען שרײַבן לידער און דערציילונגען אין ייִדיש. דעביוטירט אין 1928 אין דער פּירנדיקער קאָוונער טאָגצייטונג „די אידישע שטימע“. דרוקט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען אין דער וואָכנשריפֿט „די צײַט“, אין דער טאָגצײַטונג „דאָס וואָרט“ (אָרגאַן פֿון אַרבעטנדיקן א״י) און איז אַ חבֿר פֿון איר רעדאַקציע־קאָלעגיע. ער איז פֿון די אַקטיווסטע מיטגלידער פֿון דער ייִדישער שרײַבער־גרופּע אין ליטע. פּובליקירט דערציילונגען אין אירע יערלעכע זאַמלביכער „טויערן“ (1937), „בלעטער“ (1938), „נײַע בלעטער“ (1939), „בלעטער, 1940“ — אַלע אין קאָוונע. ער איניציִירט די צוזאַמענאַרבעט מיט „יונג־ווילנע“ און איר אָנטייל אין די זאַמלביכער „נײַע

בלעטער" און „בלעטער, 1940". אין געטאָ שרײַבט ער דערציילונגען, פאַרצייכנט זײַנע איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס. פון אָט די כתבים איז בלויז אַ טייל אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה גיט מאיר יעלין זיך אָפּ כמעט דורכויס דער ליטעראַרישער אַרבעט, אין וועלכער ס'דאָמינירט די טעמע פון ליידן און גבורה פון ייִדן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. אין 1948 גייט אַרויס אין מאָסקווע זײַן דאָקומענטאַל בוך „פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ", געשריבן צוזאַמען מיטן אָנפירנדיקן טוער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, ד. געלפּערן. מ. יעלינס אַ גרעסערע זאַמלונג דערציילונגען אויף דער געטאָ־טעמאַטיק „זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט" גייט אַרויס אין מאָסקווע אין 1972. אויך אין ווילנע, אויף ליטוויש, און אין מאָסקווע, אויף רוסיש, גייען אַרויס זיינע זעקס פּראָזע־ביכער — וועגן די היטלעריסטישע רציחות אין ליטע און דעם קאַמף פון די ייִדן קעגן די נאַצי־אָקופּאַנטן.

אין ישׂראל ווערט דורכן קאָמיטעט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אַרויסגעגעבן אין 1977 מאיר יעלינס בוך „דער פּרײַז פון יענעם ברויט", וואָס ווערט באַלוינט אין פּאַריז מיט דער זכריה גאַנאַפּאָלסקי־פּרעמיע. אין 1978 גייט אַרויס זײַן זאַמלונג קליינע נאָוועלעס און סקיצעס פון געטאָ „בלוט און וואָפן" — דאָס ערשטע בוך וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורכן ליטעראַטור־פאָנד א"נ פון ד"ר שמואל און רבקה הורוויץ בײַ דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים. מ. יעלינס גרעסערע נאָוועלע „די מיראַזשן פונעם אָמאָל־לויפער אָסקאַר גריק", אַרויסגעגעבן אין 1981 דורכן ה. לייוויק־פאַרלאַג, ווערט פּרעמירט אין ניו־יאָרק דורכן וועלטצענטער פון ייִדישן פ. ע. נ.־קלוב. אין 1984 גייט אַרויס אין זעלבן פאַרלאַג זײַן בוך „באַרוועס איבער שניי" און אין 1988 — זײַן בוך „פּײַערריסן אינעם חושך" — אַלץ דערציילונגען וועגן ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע און גבורה בעת דער בלוטהערשאַפט פונעם האַקנקרייץ. אין דער איבערזעצונג אויף עברית איז אין 1985 אַרויס זײַן בוך „דם ונשק".

מאיר יעלין איז פאַר זײַן ליטעראַריש שאַפן באַלוינט מיטן ד"ר מ. דוואָרזשעצקי־פּרײַז פאַר חורבן־ליטעראַטור (1977), מיטן מאיר־זימל טקאַטש־פּרײַז (1983), מיטן ליטעראַטור־פּרײַז פון דער ייִדישער אַגענץ (1985) און מיטן איציק מאַנגער־פּרײַז פאַר ליטעראַטור־שאַפונג אין ייִדיש (1987).

ה. לייוויק־פאַרלאַג

# אינהאַלט


7 בלויז אַ סיגנאַל־ראַקעטע

30 וואָס איז ער, דער מענטש?

50 פּראַכטפּולער פאַרברעך

59 דער קראַנקער און זײַן פרוי

72 מאָרגן, אויפן זעלבן אָרט...

79 אַ „מלאכל"

87 א י י ב י ק!

94 דאָס איין־און־איינציקע שליחות

121 ביכער, ביכער, ביכער...

132 לינעס אָנדענק

179 פּחד פאַרן פּערטן

197 נאָך אַ ליטעראַרישן אָוונט

210 ס׳געוויין הינטער דער שטומער טיר

219 איצט וועט עפּעס בלײַבן

237 וועגן מחבר

## ביכער פון מאיר יעלין
### אַרויסגעגעבענע אין ישׂראל

**דער פּרײַז פון יענעם ברויט**

דערציילונגען. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב, 1977

פּרעמירט מיט דער זכריה גאַנאַפּאָלסקי־פּרעמיע, פּאַריז

**בלוט און וואָפן**

סקיצעס פון געטאָ. פאַרלאַג „המנורה", תּל־אָביב, 1978

באַלוינט דורכן ליטעראַטור־פאָנד א"נ פון ד"ר ש. הורוויץ, ירושלים

**די מיראַזשן פונעם אַמאָק־לויפער אָסקאַר גריק**

נאָוועלע. ה. לייוויק־פאַרלאַג, תּל־אָביב, 1981

פּרעמירט דורכן וועלט־צענטער פון יידישן פּ. ע. נ.־קלוב, ניו־יאָרק

**באָרוועס איבער שנייִ**

דערציילונגען. ה. לייוויק־פאַרלאַג, תּל־אָביב, 1984

**דם ונשק**

סיפורים תיעודיים מהגיטו

הוצאת ספרים ע"ש ה. לייוויק, תל־אביב, 1985

**פּײַערריסן אינעם חושך**

דערציילונגען. ה. לייוויק־פאַרלאַג, תּל־אָביב, 1988